ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# לב טוב

אידיש

585

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו

# ספר

# לב טוב

איר אלי מענטשן דיא בשעפניש פון גאט : וואש ער האט בשאפן דיא
וועלט אונ יענע וועלט אז איר וועט לייאנן דאש ספר וועט איר
דרינן גיפונין דאש גאנצי יודשקייט : אונ עש וועלן גרויש הנאה האבין דיא
וואש וועלין לערנין דרינן : דרינן שטייט דיא הנהגה פון דעם מענטשין פון
זיין יוגנט אן : אונ אויך פיל דינים אויף הלכות שבת אונ יום טוב : אונ אלש
וואש גיצליך איז היינטיגי צייטין : אונ דער זואש וועט האלטין וואש דרינן
שטייט וועט ער זוכה זיין צו עולם הבא אמן :


שלום יודא גראס

מו״ל ספר אבן שלמה. גדר עולם. ואמרו אמן. טעמי המנהגים.
נדחי ישראל. תורת החסידים הראשונים ג׳ חלקים.



שנת תשכ״ח לפ״ק

דפוס

אברהם יצחק פריעדמאן

ניו-יארק נ. י.

הרוצה להשיג הספר יפנה אל האדרעס


RABBI S. J. GROSS
171 TYLOR STREET
BROOKLYN, N. Y.
Telephone: 388-8812



SINAI OFFSET CO.
34 HUBERT STREET
NEW YORK 13, N. Y

# הקדמה מאת המוציא לאור

ישמחו היראים ויעלזו החסידים בהגלות נגלות להם אור יקר אוצר כל כלי חמדה הספר היקר „לב טוב" שנדפס לפני כמה מאות שנים ושמו של ספרו היקר נודע בשערים בין גדולי המחברים ה"ה הספר אבן שלמה הקיצור מספרו של הגה"ק מווילנא דף ל' שמביא אותו בין הספרי מוסר שילמדו אותו ובספר זכרון ש"י מביא הצוואה של הגאון מו"ה שעפטיל זצ"ל בני של השלה"ק אות י"ז וז"ל שהנשים יהי' רגילים לקרות חומש בל' אשכנז' גם ספר לב טוב וכו'. ובספר משכיל אל דל כרך א' ח"ב כלל א' פרט ה' דף י"א. שמביא אותו בין הספרי מוסר הנעתקים בלשון יודיש טייטש שיהא לו עיתים לקבוע ביום או בלילה ושכרם מה' כאילו עסקו בהויות דאביי ורבא. ועוד פעם מביאו בכרך א' ח"ב בכלל ה' פרט ד' דף מ"ב וזל"ק ויכול ללמוד מספרים כאלו דרך ה' להיות צדיק גמור. ובספר נזר ישראל על ה"ש מביא בהקדמתו דברי היערות דבש וזל"ק ואמרו חז"ל (שבת קי"ח) כל המשמר שבת כהלכתה אפי' עבד ע"ז כאנוש מוחלין לו. כי שבת שקולה ככל המצות (מד"ר שמות פכ"ה) ואמרו אשר דיני שבת כהררים התלוים בשערה (חגיגה י') ובעוה"ז אשר מכובד הגלות ותלאות הזמן נתמעטו הלבבות וא"א לכל איש ואיש ללמוד בש"ע ה"ש לידע כל דין ודין על בורי'. ושמתי לליבי דברי ספר המתוק יערות דבש ח"ב וז"ל מי שלא למד ה"ש על בורי' פעמים ושלוש לא יוכל להמלט שלא יארע לו חילול שבת הן דאורייתא הן דרבנן וענין שבת הוא מאוד לנו למחסה בגלות וכו' וע"כ ילמוד בש"ע בתמידות ואצל רב שיברר לו הכל ויחזור עליו תמיד חזור חזור שיהיה שגור בפיו אשרי אנוש יעשה זאת כי שכרו הרבה. ועיין בקיצור של"ה שכ' וז"ל מחויב כל אדם ללמוד בפוסקים הראשונים כל דיני שבת כי רבים הם עד מאוד והלומדים ד"ת לבעה"ב

חיוב מוטל עליהם ללמוד להם כל דיני שבת כדי שידעו להזהר לשמור ולעשות ולקיים כי יש כמה דברים שאינם יודעים להזהר מזה וכל בעה״ב שיש בו יראת שמים ישתדל להיות לו בביתו ספר הנחמד **לב טוב** שיהי׳ רגיל בו ואז טוב לו בעוה״ז ובעוה״ב עכ״ל. והנה ראיתי גידל המכשולות מהמון עם שאינם יודעים להזהר בדיני שבת ונכשלים בהרבה איסורים אשר לדעתם אינו איסור כלל והוא איסור דאורייתא לכן נתתי לליבי להוציא לאור הספר הנחמד והקדוש הזה לזכות את הרבים ויהיה לתועלת גדול לתופשי התורה והיראים כמו שיראה הקורא בו. ויהי׳ זה ג״כ לתועלת נשמת אבי מורי הרה״ח המפואר מוה״ר ישעיה זאב זצ״ל בה״ר משה אלי׳ שליט״א שנפטר בחצי ימיו ביום כ״ט חשון תשכ״ג נ״ע אשר עסק כל ימיו עבור טובת הכלל. ויה״ר שזכות המחבר יעמוד לנו שנזכה לקיים את כל הדברים האלה המובאים בספר וקדוש הזה לעבוד את השי״ת באמת ובתמים ולהטהר ולהתקדש בקדושה של מעלה עד ביאת ג״צ אמן ואמן.

המו״ל הק׳ **שלו׳ יהודה גראס**

**איר** ליבה לייט איך וועל אייך מודיע זיין די כיבה וואש
עש האט מיך גיבראכט. דעם ספר צו מאכן דאש
איז וייל איך האב גיזעהן פיל מנהגים וואש גיפעלן מיר ניט:
דען מיר האבן (תהלה לאל) איין גרויש גיליבטי תורה
וואש הקב״ה האט אונז גיגעבן אויף דעם בארג סיני דורך
משה רבינו ע״ה פאר דיא אונן פון כל ישראל : דער נאך
האבן מתקן גיוועזן אונזרי נביאים אונ חכמים זייער גוטי
תקנות · וויא זיא זענן בשייט אין דער גמרא אונ פוסקים ·
אבר אצונדרט אין אונזרי דורות אונ אין אונזרי קהילות דש
עש זענן נאר ווייניג לייט וואש בגערן צו וויסן דיא רעכטי
מנהגים אונ איטליכר מאכט זיך מנהגים וויא אים גיפעלט :
בפרט אין שיל זענן פאר האנדין פיל לייט וואש זיצן צו
קדושה אונ שמונה עשרה אונ מודים : אויך ריידין זייא אין
איד דברים בטלים · אונ קיינר איזניט דא זייא צו שטראפן ·
אונ אוב עש גיפונט זיך עטליך איינר וואש וויל זייא יוא
שטראפין · האט ער מורא איינש מען וועט אים ניט פאלגן :
טראכט ער זיך וואש ניצט מיין ריידין · דאש אנדרי אז ער
וועט אן שרייאן אויף איינים וועט ער אים נאך מזלזל זיין מיט
פיל בזיונות אויך איז ניט פר האנדן אין דעם דור איין מענטש
ער זאל אין זיך האבן דיא גוטי מדות פון לייטן צו שטראפן :
דרום מאכט זיך איטליכר איין מנהג וויא אים גיפעלט · אז
וויא עש זענן פר האנדין פיל לייט וואש זענן אין שיל נאך אן
כוונה בשעת זייערי תפלות : אויך בשעת דער חזן זאגט די
הויכי שמ״ע טואן פיל לייט גלייך וויא זייא גיהערין ניט דר
צו : אונ זעצין זיך אנידר אפילו צו קדושה אונ מודים אונ צו
קדיש אונ צום ליאנין · אויך קערט אום איינר זיין פנים צום
אנדרין אונ זעצין זיך הונטרן טיש אונ ווערן פריילך באנדר
זויא זאלין מיר ניט שטיין אין מורא פר דעם לעבדיגן גאט
גילובט איז זיין נאמן דאש ער האט בשאפן הימל אונ ערד
אונ ער זעהט וואש בייא איטליכן אין הארצין ליגט · קער
מען דאך בודאי שטיין אין גרויש מורא : נון ליבי לייט זעהט
וויא מיר האבן איין מנהג ווען מען בענטשט מזומן דא
בענטשט איינר אונ דיא אנדרי הערין אום ניט צו : אודר
זייא ריידין דער וויל דברים בטלים : אזו איז ער דאך ניט
יוצא אונ מוז נאך אמאל בענטשין : אזו טרעפט זיך זעלטן
איינר זאל נאך אמאל בענטשין : אזו אויך אין שיל איז קיינר
ניט יוצא קיין חובת תפלה · אבר זייער גרושי עבירה פון
דברים בטלים · אונ דאש איז אסור אפילו אין דער היים מכל

שכן אין דער היליגר שיל · נאך מער אום שבת גישעהן
אויך פיל עבירות אין אונזרי הייזר וייל דיא בני בית וויסן
ניט וואש מותר איז אונ וואש אסור איז : דרום האב איך
גימאכט דעם ספר אויף טייטש : אונ האב אים גירופן (לב
טוב) דען דער וואש האט איין גוט הארץ דער קענט באלד
קומן צו אלי גוטי מדות פון דער וועלט : אזו וויא מיר לערנן
אין פרק רבי יוחנן בן זכאי האט גזאגט צו זייני פינף היכטלכי
תלמידים דאש איטליכר פון זייא זאל זיך בטראכטין אונ זאל
זאגן וועלכש עש איז דיא בעסטי מדה וואש דער מענטש
זאל זיך אין אים בהעפטין זאגט רבי אליעזר איין גוט אויג איז
דיא בעסטי מדה · דען ער פר גינט איטלכן דאש זייני :
רבי יהושע זאגט איין גוטר חבר : דען איין גוטן חבר
לערנט מען פיל גוטש : רבי יוסי זאגט איין גוטר שכן : דען
ער וועט זעהן פון אים פיל גוטש אונ וועט אים נאך טואן :
רבי שמעון זאגט דיא בעסטי מדה איז אז דער מענטש
בדענקט זיך וואש עש וועט זיין : רבי אליעזר בן ערך זאגט
איין גוט הארץ איז דיא בעסטי מדה : דא זאגט צו זייא רבי
יוחנן מיר גיפעלט דאש רבי אליעזר בן ערך האט בעסיר
גיזאגט פון אייך אלי : דען אין זייני רייד זענן אין כלל אלי
אייערי רייד אויך : דען דער וואש האט איין גוט הארץ דער
קען גרינג קומן צו אלי גוטי מדות : ער נעמט אן שטראף פון
אנדרי · אונ אויך שטראפט ער זיך זעלבירט : ער האט ליב
דיא לייט אונ האט איין גוט אויג ער פר גינט איטליכן אל
דאש גיטש : אונ בגערט ניט קיין פרעמדש : אייך ווער עש
וועט דעם ספר לייאנן וועט ער גיפונן פיל גוטי מדות
צו קומן דורך זייא צו אין גיט הארץ : נאר דיא עצה וועל
איך געבן דעם מענטשן וואש בגערט צו האבן איין גוט
הארץ דאש ער מוז וויף זיך פריר נעמן די מדה פון ענוה :
אז וויא עש שטייט אין [illegible]ק פון ענוה דען דער עניו קען גרינג
בקומן איין גוט הארץ : אבר דעם בעל גאוה איז עש שווער
אויך אלי דיא גוטי מדות הענגן אין ענוה : אויך הייסט דיא
תורה לב טוב : דען זיא הייבט זיך אן מיט איין ב׳ בראשית
אונ לאזט זיך אויש מיט איין ל׳ (לעיני כל ישראל) דאש מאכט
לב : אויך הייסט זיא טוב וויא דער פסוק זאגט (כי לקח טוב
נתתי לכם תורתי אל תעזובו) · נוא זעהן מיר אז דיא תורה
הייסט (לב טוב) · דורך דעם וועלין מיר חובה זיין אין היליגן
אבר ארין צו קומן אמן :

יצחק בן לא״א מוהרר אליקום זצ״ל מק״ק [illegible]

**כל** מה שברא הקב״ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו שנאמר כל הנקרא בשמי לכבודי יצרתיו ואף עשיתיו:

**דער** פסוק איז אזו טייטש הקב״ה האט דרום בשאפן די וועלט פון וועגן ער האט גיוואלט זיין אמלך דרום האט ער בשאפן די הימל אונ ערד אונ אלש וואש איז אויף זיא (כל מה שברא הקב״ה לכבודו) אלש וואש גאט האט בשאפן איז פון זיין כבוד וועגן דיא הימלין אונ דיא ערד אונ אלש וואש איז אויבן הימל אונ אויף דער ערד אונ אלש וואש איז אין וואשר אונטר דער ערד אלדינג האט הקב״ה בשאפן מיט רחמנות פון זיין כבוד וועגן אויבן אויבן הימל האט ער בשאפן דיא מלאכים אטייל פון וואשר אטייל פון פייאר אטייל פונווינד אטייל זיין האלב וואשר האלב פייאר אונ וויל אין זיא איז ניט פר האנדן קיין בלוט אונ פלייש דרום האבן זיא אויך קיין יצר הרע ניט דען דאש איינע הענגט אין דער אנדרין זיא טואן ניט קיין שום זאך נאר זיא לויבן הקב״ה טאג אונ נאכט זיא ווצן ניט זיא שלאפן ניט זיא עסן ניט זיא טרינקן ניט נאר טאג אונ נאכט טואן זיא נאר געטליכי זאכן צו דעם שליחות וואש זיא זענן בשאפן גיווארין דרום האבן זיא קיין שכר ניט וויל זיא האבן קיין יצר הרע ניט: נוא קענן זיא קיין בייז ניט טאן נאר געטליכי זאכן: דער נאך האט הקב״ה בשאפן דיא בהמות אונ חיות אונ עופות אונ דיא פיש אין וואשר דיא אלי זענן גאר אייטל בלוט אונ פלייש דרום זענן זיא אייטל יצר הרע דרום קענן זיא מיין ניט טון נאר אייטל מעשלבי זאכן עסן אונ טרינקן אונ שלאפן אונ נאך אנדרי זאכן אונ אלש וואש צום יצר הרע גיהער: דרום האבן זיא אויך קיין עונש ניט וויל זיא זענן אייטל יצר הרע: נוא זעהן מיר דאך אז דיא מלאכים אונ דיא בהמות האבן קיין שכר אונ קיין עונש ניט וויל זיא קענן מיין ניט טון נאר צו דעם וואש זיא זענן בשאפן גיווארין: נאך דעם אז אלש איז שוין בשאפן גיווענן אונ אויך דער גיהנם אונ גן עדן האט דיא חכמה מיט גינומן אז מזאל בשאפן דעם מענטשן דען חען ניט דער מענטש צו וואש ניצט דאש אלש: אין דאש דען דער כבוד הקב״ה אז דער גיהנם אונ גן עדן זאל אום זונסט בשאפן זיין: אזו האט הקב״ה גיטאן איין מלאך אין איין בהמה דאש טייטש מען די הייליגי נשמה איז איין מלאך אייטל יצר טוב אין דעם גוף וואש איז בלוט אונ פלייש איז אייטל יצר הרע. מיט האט ער בשאפן איין מענטשן אונ האט אים גגעבן די תורה אונ מצות דער מיט האט ער גוויזן ווי ער זאל זיך נוהג זיין נאך צו גין נאך דער נשמה אונ ניט נאך דעם יצר הרע אונ אויך האט ער אים גוויזן דעם רעגבאך וועג ווי ער קען קומן אין גן עדן: אונ אויב ח״ו פר קערט קומט ער אין גיהנם דרום אז דער מענטש מוט געטליכי זאכן אונ בצווינגט דעם יצר הרע אונ אלי זייני מענטשליכי זאכן גאר זיין כוונה איז מיט אלים פון גאטש וועגן למשל ער עסט אונ טרינקט כדי ער זאל שטארק זיין צו דער דינשט פון הקב״ה ער שלאפט כדי זיין קאפ זאל אים זיין אפ גרואט ווייל ער קענן טואן גאטש דינשט מיט קלארקייט נוא אז דער מענטש איז זיך אזו נוהג אזו איז דער גוף אין הענגט צו דעם הער דיא נשמה אזו ברייננט דער הער דעם הענגט אין גן עדן אריין דען ווי אהין דער הער גייט מוז דער הענגט נאך גין אזו איז דער זעלביגר מענטש בעסר פון אמלאך דען דער מלאך האט קיין שכר ניט אונ דער מענטש האט יוא אגרושן שכר אונ חלק לעולם הבא אבר ח״ו פר קערט אויב דער מענטש גייט נאך דעם גוף אונ יצר הרע דאש זיין כוונה איז מיט אלים זיך אן צו טואן תענוגים אזו איז דער גוף דער הער אונ דיא נשמה דער הענגט: אז מוז זיא נאך ציהן דעם גוף אין גיהנם אריין נוא ווערט גיפונגן אז דער מענטש איז נאך ערגר פון איין בהמה דען דיא בהמה האט קיין שכל ניט דרום קומט זיא ניט אין גיהנם אריין אבר דער מענטש האט יוא שכל אונ פר דארבט זיין שכל דרום קומט ער יוא אין גיהנם אריין:

**דא** וועל איך אייך בשיידין אלש וואש איז בשאפן גוואין פון דעם מענטשין וועגן עש איז אמשל איין מלך מאכט אסעודה פר זיין פריינד צום ערשטן רעכנט ער אים צו איין שיינים פאלין דאש ער זאל דרינן מאכן דיא סעודה דער נאך ציגט ער אן ליכט: דער נאך בשטעלט ער מאכלים וואש זאלין דינן צום טיש דער נאך שטעלט ער דארטן שייני בכלים אונ בשמים דער נאך שטעלט ער אריין דיא ליכט אין לייכטר: דער נאך בזייט ער אן צו עסן פלייש אונ אלירליא פייגל אונ גוטי שפייז: דער נאך רופט ער זיין גוטן פריינד ער זאל קומן אויף דער סעודה וואש ער האט גימאכט פון זיינט וועגן: אזו איז דיא זאך אויך: נאם

ערשטן האט גאט ב״ה צו גריכט אין פאלין דאש איז דיא
וועלט : דער נאך האט ער אן גיצונדן אין ליכט : דאש
מיינט מען דעם אור וואש גאט האט בשאפן אין ערשטן
טאג : דער נאך האט ער בשאפן דיא מלאכים דאש
זענין דיא פארויר : דער נאך דיא הימל אונ אלירליא
קרייטובציר : דער נאך האט ער גישטעלט דיא ליכט
דאש איז דיא זון אונ לבנה אוף דעם לייכטר דש איז
דער הימל : דאש זיא זאלין לייכטן איף דער ערד :
דער נאך האט ער בשאפן אלירליא בהמות אונ פייגיל
אונ פיש : נאך אלים האט ער בשאפן דעם מענטשין :
נוא זעהט מען דאך אז דאש אלש איז בשאפן גיווארין
פונים מענטשין וועגין נון וויל דער מענטש האט ניט גקענט
זיין אן עסן אונ טרינקן אונ שלאפן אונ אנדרי מענטשליכי
זאכן : דרום האט אים גאט גיגעבן דיא תורה אונ מצות
צו ווייזן וויא ער זאל זיך נוהג זיין וועלכס מותר אונ וועלכס
אסור איז דען ווען ניט וואלט דער מענטש גיטאן אלי זייני
זאכן פון תענוג הגוף וועגין : אונ וואלט זיך אן גיטאן
וואל טאג אונ האלט זיך גימאכט יום טוב אלי טאג דאש וויל
גאט ניט האבן ער זאל פר דארבן זיין נשמה : אדרבה ער
וויל האבין מ'זאל דעם גוף נאך ציהן נאך דער נשמה : דרום
שרייבט אן דיא היליגי תורה (קדושים תהיו כי קדוש אני)
איר זאלט זיין היליג דען איך בין אוך היליג דאש טייטשין
דיא חכמים דוא זאלשט זיך היליגן מיט וואש מותר איז :
דוא זאלשט ניט איבריג עסן אונ טרינקן אונ אלי זייני מעשים
זאלין זיין לשם שמים דש ער זאל גיזונד זיין צו גאטש
דינסט : דען ווען דער מענטש איז שוואך קען ער ניט
רעכט גאט דינן אונ אלי זייני עסקים אונ האנדיל פון דער
וועלט זאל אלש זיין לשם שמים : אבר ווען דער מענטש
טוט דאש אלש פון זיין וואול לוסט וועגין אזו איז ער ערגיר
אז דיא בהמה : דען דיא בהמה האט קיין יצר טוב ניט אזו
מוז זיא טאן אלש וואש גיהער צו איר גוף אבר דער מענטש
האט ביא זיך דעם יצר טוב דאש איז דיא היליגי נשמה :
אונ לאזט זיא ארבייטן צו דעם גוף : דרום איז ראוי אז
איטליכר מענטש זאל זעהן ניט צו פאר אום רייניגן זיין
היליגי נשמה מיט וואול טוג : אונ דער גוף זאל זיין
משועבד צו איר : דען איטליכר ווייסט וואול וויא דר הער
גיט מוז דער קנעכט נאך גיין אזו ווערט זיא קענין קומן צו
דעם אורט וויא זיא איז גינומן גיווארין הונטר דעם כסא
הכבוד אונ זאל ניט לאזין דיא היליגי נשמה נאך גיין דעם גוף
צו דער ערד : איך דארף ניט פיל מאריך זיין : נור וויל גאט
האט אריין גיטאן דיא נשמה אין גוף אריין דרום האט ער
דער צו בשאפן צווייא כלים אין כלי צום גוף דאש איז דר
(ווּשט) ער נעמט אין זיך אריין אלש וואש ער עסט אונ
טרינקט אונ איין כלי צו דר נשמה דאש איז דר (קנה) :
ער ציהט ארויש דאש קול : אונ נעמט ניט אריין אין זיך
קיין שום זאך : נאר דאש וואש ער פאנגט אריין אונ ארויש
דעם אטום כדי דאש דיא נשמה זאל קענין בשטיין ביא
דעם גוף : נוא ווען דער מענטש איז משועבד דעם ווישט אויך
צו דער נשמה : דאש ער טוט נאר איטל גטליכי זאכן :
אזו וויא איך האב גישריבן : דא איז ראוי ער זאל בעסיר
זיין פון א מלאך : דען דער מלאך האט ניט קיין כלי וואש
גיהער צום גוף : אונ דער מענטש האט יוא אונ איז עש
פארט משועבד צו דער נשמה : אבר ח״ו ווען ער איז דעם
קנה אויך משועבד צום גוף : אונ פאר אום רייניגט זיין נוטי
כלי : אזו איז ראוי ער זאל ערגיר זיין אז דיא בהמה דען דיא
בהמה האט ניט דיא כלי וואש גיהער צו דער נשמה : אבר
דער מענטש האט יוא אונ פאר דארבט זיא : אונ אזו וויא
דער ווישט דיא כלי וואש גיהער צום גוף פון יהודי איז פאר
באטן גיווארין פון צו עסן טריפות אונ נבילות אונ אלש
וואש טמא איז : דהיינו דעם יהודי איז פאר באטן צו עסן
חזיר : בלוט אונ חלב : דען דער מיט פר אום
רייניגט ער זיין כלי וואש גיהער צום גוף : אזו אויך דער
קנה דיא כלי וואש גיהער צו דער נשמה איז אויך פאר
באטן גיווארין פון צו רידן בייזי רייד : דהיינו (שבועות)
אונ (קללות) (לשון הרע רכילות ניבול פה) : דען דר מיט
פאר דארבט ער זיין נוטי כלי וואש גיהער צו דער נשמה :
אזו וויא ער דארף ניט עסן אונ טרינקן אונ זיך וואול טאג
אן טאן נאר צו דער האלטן זיין גיזונד : וויא זאגן שטייט
אזו אויך דארף ער ניט רידן קיין איבריגי רייד נאר צו זיין
פרנסה : אז וויא איך וועל דא נאך בעסיר בשיידן :
אויף דעם האט רבי שמעון גיזאגט אין פרקים אלי מייני
טאג בין איך גיצויגן גיווארין צווישן תלמידי חכמים
האב איך ניט גיפונן קיין בעסרי מדה אז שווייגן דאש מיינט
ער מ'זאל שווייגן אין ווערטלכי זאכן אונ דבר'ין בטלים :

אבער ניט ח"ו אין דברי תורה אונ מצות אזו אויך האט שלמה המלך גיזאגט גאט איז אין הימל אונ דיא ביסט אויף דער ערד : דרום זאלין דייני רייד ווינציג זיין דען איטליכש ווארט וואש דער מענטש רעט גוטש אודר בייז ווערט אלש אין גישריבן דען איטליכש ווארט וואש דער מענטש לאזט ארויש פון זיין מויל אנטפאנגט עש איין מלאך אונ ברענגט עש פר גאט : איז עש איין גוט ווארט אנטפאנגט עש איין גוטר מלאך אונ ברענגט עש פר גאט אונ עש ווערט אין גישריבן אין גוטן בוך : איז עש אבר איין שלעכט ווארט אנטפאנגט עש איין בייזר מלאך אונ ברענגט עש ניט פר הקב"ה : נאר ער אליין שרייבט עש אין אין שלעכטן בוך : דען הקב"ה האט ניט צו טאן מיט בייזי לייט : נאר ער גיט זיא אפ צו די בייזי מלאכים מלאכי חבלה ר"ל : אז דער פסוק זאגט (אל תתן את פיך לחטיא את בשרך ואל תאמר לפני המלאך כי שגגה היא למה יקצוף אלקים וגו') דאש איז טייטש דוא זאלשט ניט זונדיגן מיט דיין מויל · דוא זאלשט ניט ריידן אזעלכי רייד וואש מיט זיא מאכשטו זינדיגן דיין לייב : אונ זאלשט ניט דארפן זאגן פאר'ן מלאך וואש אנטפאנגט דייני רייד עש איז איין שוגג כלומר ניט ברצון האב איך עש גירעט : ווארום זאלסטו דער צערנן גאט איבר דיין שטום : אונ עש וועט פר דארבן ווערן דיא ווערק פון דייני הענט : פון דאגין איז גידרונגן אז איטליכש ווארט אנטפאנגט עש איין מלאך אונ ער ווערט דריבר גישטראפט אונ לייד גיהנם: דרום ווען עש איז יוא אזו איז ראוי צו בשיידן דיא רייד וואש מען מעג יוא ריידן · אונ וואש מען בדארף ניט ריידן אויך וואש עש איז איין חיוב צו ריידן · עש איז פיל צו שרייבן : עש זענין דרויף גישריבן פיל ספרים אונ פסוקים : אבר איך וועל עש בקיצור בשיידן : דען מען בגערט ניט לאנגי דרשות : עש שטייט אמעשה אין ספר חסידים עש איז גיוועזן איין חסיד וואש פלעגט תמיד שווייגן · אונ ווינציג ריידן אין וועלטליכי זאכין : האבן אים די חכמים גפרעגט ווארום איז דאש האט ער זיא גיענפירט איך וועל אייך זאגן אירי ליבי חכמים די רייד פון דער וועלט זענין גיטיילט אויף צעהין חלקים : דרייא חלקים פון דיא צעהין רייד איך יוא אונ ניט די איברגי זיבן דרום זענין מייני רייד ווינציג דאש זענין דיא דרייא ערלייא וואש מיזאל ריידן (תורה תוכחה : תפלה צורכי הבית) אונ דאש זענין די זיבן וואש מיזאל ניט ריידן שבועות קללות לשון הרע רכילות חניפות ניבול פה ליצנות דברים בטלים : נון וועל איך זיא קורץ בשיידן אונ בגרייפן : דען עש וועט אביל ווידר גישריבן ווערן הינטן אין דעם פרק : אונ איר וועט וואול פר שטין : די ערשטי וואש מען דארף אונ מחויב צו רידן דאש זענין די רייד אין דער תורה : דאש איז דיא רעכטי רייד · דען אויף דעם איז דער מענטש בשאפן גיווארין ער זאל ריידן אין דר תורה : אונ פון די מצות ווי אזו מיזאל זיי מיט זיא נוהג זיין · אונ וואש עש איז אסור אודר מותר טריפה אודר כשר · אין דעם כלל איז מיזאל שטראפן דיא לייט וואש טואן ניט רעכט : ווען ער זעהט איין יהודי אודר איין יודני איין עבירה טאן : איז ער מחויב זיא צו שטראפן מיט גוטי רייד : אונ ניט ח"ו זיי מבייש צו זיין פר לייטן · אפילו ביז הונדרט מאל ביסטו מחויב אים צו שטראפן · איז ער אבער אזעלכר וואש אכט ניט קיין שטראף ביסטו מחויב אים אן צו שרייאן אפילו פר לייטן אזו לאנג ביז ער שיידט זיך אפ פון זייני בייזי מעשים : אונ ווען דוא ווייסט אז ער וויל זיך ניט אפשיידן דער פון ביסטו מחויב צו גיין פר דיא (ראשים) אודר (דיינים) אודר פר איין (רב) · אודר פר איין (מנהיג) איז ער אבר אזעלכיר וואש טרייבט גישפעט פון זיין שטראף : אונ זאגט צו דיר דוא ביסט נאך ערגר פון מיר די האסט דאש אונ דאש גיטאן לאז אים בלייבן אונ רייד אים ניט מין : דען ער איז ניט ווערט מיזאל אים שטראפן : אויף אים האט שלמה המלך גיזאגט (אל תוכח לץ פן ישנאך) זאלשט נים שטראפן קיין שפעטיר טאמיר וועט ער דיך פיינד האבן: (הוכח לחכם ויאהבך) שטראף דעם חכם וועט ער דיך ליבן : אויך שטייט פריר אין פסוק (מוכיח ללץ לוקח קלון ומוכיח לרשע מומו) דער וואש שטראפט איין שפעטר דער בקומט שאנד : אונ דער וואש שטראפט איין רשע ווארפט אים אויש דער רשע אלי מומים וואש גפינט זיך אין אים זעלבשט · אויך זאגט דער פסוק (באזני כסיל אל תדבר כי יבוז לשכל מליך (כסיל) איז טייטש איין נאר אודר איין רשע : דאש מיינט דער פסוק דו זאלשט דייני שטראף רייד ניט ריידן אין די אויערין פון אנאר אודר ארשע · דען ער פר שעהמט דייני קלוגי רייד דאש איז אלש אין כלל פון דברי תורה : דאש אנדרי איז דיא רייד אין דער תפלה וואש מען איז מתפלל פר הקב"ה · אונ דיא תחנות אונ' ליב פון גאט

דאס איז איך אחויב : נאך איז פאר האנדרן אזעלכי רייד
וואס זענין מותר אבר ניט קיין חיוב • דאס הייסט (צרכי
הבית) וואס מען בדארף צו ריידן אין זיין הויז פון צרכי
הבית ווענן • אין דעם כלל איז אויך וואס מען בדארף צו
ריידן אין האנדיל פון פרנסה וועגין צו קויפן אודר פר קויפן :
דאס מאג מען וואול ריידן : אבר ניט איברגי רייד :
דא וועל איך אייך בשיידן דיא זיבן אירלייא רייד וואס מען
בדארף ניט צו ריידן : חאטשי עש וועט ווידר שטיין
דער פון אונ דיא הונטרשטי פרקים : דאך קאן איך מיך ניט
אף האלטין פון צו שרייבין : ווייל איך טוא דרונן ניט אן
ווערין : טאמיר וועט זיך אימנצר דער צו קערין דרום וועל
איך ניט קוקין אויף מיין טירחה אונ וועל עש אויף שרייבן :
ווייל דיא וועלט ווערין זייער נישטרויכלט דרינן דאס ערשטי
איז (שבועות) דאס מיינט מען (שבועת שוא) פאלשי
שווערינג : אודר שבועות תנם) אום זונסט שווערינג דיא
ביידי זענין פאר באטין אין דיא עשרת הדברות : די עבירה
פון שבועות איז הארבר פון אלי עבירות אין דער וועלט :
ער שווערט הונדרט מאל אין טאג אונ האט דער פון קיין
הנאה ניט : אונ דער יצר הרע רעט אים נאר ניט אן דער צו
(דען דער יצר הרע רעט מיין ניט אן נאר צו אזו אין עבירה
וואס איז פאר האנדרן אין איר הנאה) : נאר פאר זיין גרושי
בייזי מדה וועגין וואס ער האט קיין מורא ניט פאר דיא
גיבאט פון גאט : זענין זייא ביא אים ניט גיאכט • דרום איז
זיין עונש זייער גרויש : אין דעם כלל איז אויך ווער עש
מאכט אין ברכה לבטלה : אין דעם כלל איז אויך דיא
מענטשין וואש זאגין נאך דיא ברכה מיטן חזן : ווייל זייא
האבין דאך שוין פריר גיזאגט דיא ברכה הייסט עש אין
ברכה לבטלה : אזו איז ער עובר אויף (לא תשא את שם ה'
אלהיך לשוא) : אונ ווען איינר מאכט אברכה אופאייפרי אונ
דער נאך פאלט זיא ארויש פון זיין האנט אויף איין מיאוס
אורט : דא איז ער מחוייב צו זאגין (ברוך שם כבוד מלכותו
לעולם ועד) אויף דער ערשטר ברכה : נון זערט איר וואל
דיא הארבה עבירה פון (שבועת תנם) חאטשי זיין כוונה איז
דאך גיווען מיט דער ברכה איבר דער פרי גאט יתברך צו
לויבין : דאך ווייל עש איז אום נערין ארויש גיפאלין פון זיין
האנט ווערט ער גישטראפט דריבר ווארום ער האט די פרי
ניט גיהיט : אונ ער מוז זאגין (ברוך שם כבוד מלכותו
לעולם ועד) • מכ"ש ווען איינר דער מאנט אין שום אודר
אין שבועה לבטלה ווי נאר גרויש איז זיין עונש : דאש
איז דאך ידוע אז דיא הייליגי מלאכים טארין ניט גידענקין
דעם הייליגין שם צו לויבין הקב"ה ביז נאך דרייא ווערטר
(קדוש קדוש ה' צבאות) : אונ ישראל מעגין אים גידענקין
נאך צווייא ווערטר (שמע ישראל ה' וגו' : אודר (ברוך אתה
ה') אבר דר רשע וואש שווערט אום זונסט גידענקט דעם שם
צום ערשטין מאל אונ פאר שעמט אים דאש טוט ער אויפט
אלי טאג : דאש זענין דיא רעכטי רשעים וואש פאר שעהמן
זיין הייליגין נאמין דאש זייא גידענקין אים נאך אונ אין אום
ריין אורט : דאש טאר מען בודאי ניט טון : אויף דעם זאגט
דיא גמרא ווער עש הערט אין יהודי דער מאנט דעם שם
אום זונסט זאל ער זאגין (ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד)
אודר (ברוך הוא וברוך שמו) :

נאך איז אין דעם כלל ווער עש מאכט אברכה אן כוונה
נאר זיין כוונה איז אויף עפיש אנדרש דאש איז אויך
ניט רעכט : ווייא וואלט גיוועזן איינר זאל ריידן מיט אין שר
אונ ער זאל טראכטין אויף עפיס אנדרש אונ דער שר זאל
עש וואול מארקין אז ער טראכט אויף עפיס אנדרש ווייא
וואלט עש מיט אים גיגאנגין • מכל שכן פר אין מלך וואלט
אים נאך ארגר גיווען : נון מכל שכן פאר דעם (מלך מלכי
המלכים הקב"ה) עש איז פיל דער פון צו שרייבין :
עש איז דרויף גימאכט גיווארין פיל ספרים איך שרייב אבר
נאר בקיצר אונ ווייטר אין פרקים וועט ווייטר שטיין דער
פון :

דאש אנדרי וואש מען בדארף ניט ריידן דאש זענין קללות
וואש איינר שעלט זיין חבר : סייא אין מאן סייא אין
ווייב טאר מען ניט שעלטין : אונ אפילו זיך זעלברט אוך ניט
עש איז אין לאו אין דער תורה גליך ווען איינר עסט חזיר :
אדרבה דאש איז נאך פיל ארגערי עבירה פון חזיר עסין
דאש וועל איך ווייזן אונ וואול בשיידין : אין טעם : פון
חזיר עסין איז חאטשי פר האנדרין הנאה : אבר פון קללות איז
ניט דא קיין הנאה נוא טוט ער דאך דיא עבירה חאטשי דער
יצר הרע רעט אים ניט אן דער צו ווייא אויבין שטייט : דער
אנדרר טעם איז דער יהודי וואש עסט חזיר איז נאור מטמא
זיין גוף אונ דיא כלי וואש גיהער צום גוף דאש איז דער
(וושט) : אבר דער וואש לאזט ארויש קללות פון זיין מויל

דער איז מטמא זיין נשמה אונ איר גוטי כלי דעם (קנה) : דאש איז פיל ערגער וויא מען איז דעם גוף מטמא : דער דריטער טעם ווער עש עשט חזיר קאן ער תשובה טאן פאר השם יתברך איז ער אים מקבל אונ ער האט איין כפרה · אבר דער וואש פליכט אודר שעלט העלפט אים קיין תשובה ניט אונ ער האט קיין כפרה ניט · ביז ער מוז איבר בעטין זיין חבר וואש ער האט אים גישאלטין : אונ אפילו ער שעלט זיין אייגין קינד מוז ער אים אויך איבר בעטין : אין דעם כלל איז ווען איינר זאגט אויב עש איז ניט אזו אונ אזו זאל אויף מיר קומן די קללה · דאש איז אויך זייער שלעכט : אונ עש איז אין כלל פון לאו (לא תקלל) : אזו וויא מיר גיפינן ביא יהודה ער האט גיזאגט צו זיין פאטר גיב מיר דעם יונג בנימן : אונ אויב איך וועל אים ניט צו ריק ברענגין אונ שטעלין פאר דיר זאל איך זיין גיזונדיגט פאר דיר אלי מייני טעג פון דעם ווארט וועגן האבין זייני ביינר קיין רוא ניט גיקענט האבין אין קבר ביז משה רבינו ע״ה האט גימוזט תפלה טאן פאר אים האט אים גאט מוחל גיוועזן קורץ פון דער זאך איטליכר מענטש זאל זיך היטין עש זאל ניט ארויש גיין קיין שבועה אונ קיין קללה פון זיין מויל : אונ אוב ער איז דרויף מורגל גיווארין אונ קען זיך ניט אפ גיוויינין דער פון שטייט שון אין ספרים וויא ער זאל טאן : דאש ער זאל זיך איין קנס מאכין : אז ווען ער וועט ארויש לאזין איין שבועה אודר איין קללה פון זיין מויל : זאל ער געבין דעם זעלבין קנס צו עניים : אזו ווערט זיין עבירה צו איין מצוה : ניט מער ער מוז יענים איבר בעטין אונ חרטה האבין אויף זייני זינד : אונ בפרט וייל איטליכם ווארט וואש דער מענטש לאזט ארויש פון זיין מויל ווערט אן גישריבין למעלה : דרום זאל ער זיך פריר גוט בטראכטין איידר ער רעט : אין ספר ראשית חכמה שרייבט ער אויך מיזאל בעסר געלט אויש געבין איידר איין ווארט צו ריידין : דען דאש געלט קען מען ווידר גיווינין : אבר דאש ווארט איז שווער צו ריק צו האבין וייל עש ווערט איין גישריבין למעלה מיידין ניט גרויש תשובה : אין דעם כלל איז אויך ווען איינר איז מבייש זיין חבר : אודר ער איז אויך אים מוציא שם רע : אודר ער איז זיך מתכבד מיטען חברש שאנד : דאש זענין די הרבסטי עבירות אז וויא דא שטייט אין די פרקים ווען איינר איז מבייש זיין חבר האט ער ניט קיין חלק לעולם הבא : עש איז גלייך מיט איין קללה : אודר מיט אנגדר ווארט איז ער אים גלייך מבייש : זעה דאך ווען איינר זעהט זיין חבר איין עבירה טאן : דא איז ער אים מחוייב צו שטראפין : אבר ער דארף אים ניט מבייש זיין פאר לייט מיט זיין שטראף : דען ער וועט זיך דרויף מצער זיין : מכ״ש אז ער טאר אים ניט מבייש זיין מיט זיין אן שרייאן : אויף דעם זאגט קהלת (דברי חכמים בנחת נשמעים מזעקת מושל בכסילים) דאש איז טייטש די שטראף רייד פון חכם זענין שטילר היים אונ באמעלך דרום ווערין זיא גיהערט : אבר דער נאר שרייט אן אויף די לייט אזו ווערין זייני רייד ניט אן גינומן : אין דעם כלל פון מוציא שם רע איז אויך ווען איינר האט איין צו נאמין וואש ער שעמט זיך מיט אים זאלסטו אים ניט רופין מיט דעם צו נאמין · דען דער מיט ביסטו אים מבייש : אודר דער וואש איז זיך מתכבד מיטען חברש שאנד : דאש איז ער ברימט זיך איך בין בעסיר אונ גרעסיר פון מיין חבר אודר ער ברימט זיך איך האב מיין חבר טובות גיטאן דאש איז אלש אין דעם כלל וואש איך האב גישריבן :

לשון הרע מיינט מען דער וואש בעט די לייט נייא צו רעכט אודר צו אום רעכט : דהיינו ער זאגט אין דעם הויז עסט מען וואול אלי טאג דער האט שייני קליידר : דער האט דאש גיטאן : דער האט יענש גיטאן : אונ זיין כוונה איז צו ביז צו ריידין דאש הייסט (לשון הרע) בעו״ה פון דער עבירה וועגין ווערט די גאנצי וועלט גישטרובילט : בפרט אום שבת אז דער עולם שטייאן אין מארק דארעט איינר פון דעם אנדרין : אונ ווילביר עש קען איין שבועה זאגין אויף אנדרין איין שאנד אודר איין זינד אודר ווען איינר זאגט עפיש איין שאנד אודר איין זינד אודר איין שפעט : דא פרייאן זיך די אנדרי דאש איז אלש אין כלל פון לשון הרע : דער פון קומט (שנאת חנם) : אונ בעו״ה אונזר בית המקדש איז חרוב גיווארין איבר שנאת חנם די עבירה ווערט בעו״ה אלי מאל גימערט : דער וואש האט ניט צו טאן שטעלט זיך אויף דער גאס אונ מאכט איין רעדיל ארום זיך אונ טרייבט גישפעט אויש די לייט : אונ ברעט זיא אונ מאכט זיא לאכין : די לייט וואש זיצן אין קראמין די טואן ניט אנדרש נאר פון פרעמדי ריידין : אונ בפרט אום שבת איז די עבירה נאך גרעסר דען ער איז דער מיט מחלל שבת דען ער צינט אן אזו איין

פייאר וואש דער הוצט דיא לייט בנגדר אונ מאכט שנאת חנם אזו וויא איך וועל דאז נאכהעניר בשיידן :

אין דעם כלל איז אויך רכילות דער וואש גייט פון איינם צום אנדרן אונ טראגט רכילות אונ זאגט וואש יענר האט גיטאן אודר גירעט אויף אים : אודר אויף אנדרן : דער פון קומט רציחות : אפילו עש איז אמת היישט עש אויך רכילות איך דארף דער פון ניט מאריך זיין וויל איטליכר ווייסט וואל וואש רכילות איז : אונ דער וואש נעמט אן רכילות האט אזו גוט איין עבירה אונ עונש וויא דער וואש זאגט רכילות : דער פון קומט (לשון הרע) אונ (שנאת חנם) :

חניפות דאש איז ווער עש חנפת צו איין רשע ווען ער זעהט אים טוען אום רעכט אונ זאגט אים דוא האסט רעכט גיטאן ער מאכט דאש דער רשע האט ניט חרטה אויף זייני בייזי מעשים אונ שטארקט אים נאך : אויך ווער עש חנפת איין רשע פון זיין הנאה וועגן : דאש ער וויל ביא אים עפיש בקומן דרום שטראפט ער אים ניט דאש היישט אויך חניפות וויא עש ווערט בעסר בשיידט ווערן :

ניבול פה דאש איז דער וואש רעט שעדליכי רייד פר לייטן דעם מאכט מען איין טיף גיהנם (איטליכר ווייסט וואל וואש ניבול פה איז) אפילו דער וואש הערט צו (ניבול פה) מוז אויך עונש לידין : אזו ווי די גמרא זאגט איטליכר ווייסט ווארום דיא חתן כלה גייאן באנגדר הונטר דער חופה : נאר דער וואש רעט ניבול פה דער האט קיין חלק ניט לעולם הבא : וויל ער פר דארבט זיין גוטי כלי אונ האט דער פון קיין הנאה ניט אזו איז דיא עבירה נאך גרעשר : דרום זאל איטליכר גיווארינט זיין דרונן :

ליצנות דאש איז ווער עש שפעט פון לייטן אונ מאכט די לייט לאכן דאש קומט מחמת זיין וואל טאג אונ גאוה דש עש דאכט זיך אים ער איז העכיר פון אלי דרום שפעט ער פון איטליכן : דעם זעלביגן זאל מען ניט שטראפן דען ער נעמט ניט אן דיא שטראף : אז וויא שלמה המלך ע״ה האט גיזאגט דוא זאלשט ניט שטראפן איין שפעטר דען ער טרייבט גישפעט דרום : אונ האט דיך פיינט הדיבר : נאר דוא זאלשט שטראפין איין חכם וועט ער דיך ליב האבן : אין דעם כלל פון ליצנות איז אויך דברים בטלים : דהיינו ער רעט פון חדושים אודר שמועות דער פון קומט קיין גוטש ניט ארויש אונ ער פר דארבט זיך זיין גוטי כלי : נאך ארגיר דער פון איז פר האנדן דיא רייד וואש דער מענטש רעט מיט צארן : עש איז פיל דער פון צו שרייבן : אבר איך וועל עש קורץ בשרייבן וויל עש וועט דר נאך בשיידט ווערן : דער ראשית חכמה שרייבט אין פרק עטוויט דער וואש ווערט באלד דער צערנט אונ איז ניט באלד צו בווילגן דער הייסט איין רשע : אוך שטייט אין קהלת (כעס בחיק כסילים ינוח) דער צארן רואט אין דעם שוים פון די נארן די משוגעים : אודר (כסילים) די רשעים : דרום זאגין די חכמים דער וואש איז צארנג איז ער גליך אז וויא איין משוגע : ער רעט וויא איין משוגע : ער שרייאט וויא איין משוגע : ער טוט וויא איין משוגע : דרום שטייט ניט אן קיין חכם צו זיין צארנג : אז וויא מיר גפונן אין דער גמרא אז הלל זיין קיין מאל ניט צארנג גיוועזן : אויך גיפונין מיר אין דער תורה דריי מאל איז משה צארנג גיוועזן דרום האט ער זיך טועה גיוועזן : חאטשי ער איז דאך גיוועזן איין נביא איבר אלי נביאים : חאטשי ער איז רעכט צארנג גיוועזן דאש ער האט גישטראפט דיא ישראל : אזו האט ער עש דאך גיטאן פון קידוש השם וועגן : פון דעסט וועגן שרייבט אונז פארט דיא תורה אז ער האט זיך טועה גיוועזן איבר זיין צארן : דען ער האט זיא גיקענט שטראפין אן צארן : מכל שכן קל וחומר אז אנדרר איז צארנג פון נארישקייט וועגן : איז ער זיך בוודאי טועה אין אלי זייני עסקים : דרום האבן אים די חכמים גרופן משוגע : מה דאך אז איינר איז צארנג פון געלט וועגן פאלירט ער זיין שכל בפרט די רייד וואש ווערן גירעט אין צארן זייא שאטין בוודאי צו דער גאנצר וועלט גאט זאל אונז הוטין : אז וויא עש וועט דא נאך בעסר בשיידט ווערן : דען ווען איינר איז צארנג שטעלין זיך לעבן אים פיל מלאכי חבלה אונ אנטפאנגין זייני בייזי רייד וואש ער לאזט ארויש פון זיין מויל : אונ דיא זעלביגי מלאכי חבלה ווילן אליש פר טילגין וואש זייא בגעגנן ר״ל : ווען ניט הקב״ה זעלבסט וואלט זייא אויף גיהאלטין אונ זאגט צו זייא וואש זעגן דיא אנדרי לייט שולדיג אז דער נאר איז צארנג אונ ווערט משוגע פון דברים בטלים אונ פון געלט וועגן : זיצט איר שטיל איך וועל אים זיין שכר אליין בצאלין אזו פיל חלאים

אונ

אונ יסורים וועלין אויף אים קומין אונ דער נאך אלי דיא גיהנם וואש איך האב בשאפין ווערין גיוועלטיגן אין אים אזו גיאן אוועק די מלאכי חבלה אונ שרייבן אויף אלי זייני ווערטיר אונ אין בוך אבר אויב ער צו רייסט אודר ער צו בריכט עפיש אין זאך אין זיין צארין : אזו גיין זיא ניט אוועק : אונ זיא זאגין דער איז אונזרר : ער קאן קיין תשובה ניט טאן ער וועט נאך מער זינדיגן : וויל ער לאזט אזו גיוועלטיגין אויף זיך דעם יצר הרע אונ זיא רייצין אים אן ער זאל אפילו עבודת גילולים דינן : דרום איז זייער גרויש די עבירה בווירעם וואש רייד בייזי רייד מיט צארן אודר ער ווארפט עפיש אין זאך פון זין האנט אין צארין :

דיא חכמים ז״ל גליכן דעם צארין צו די הארבי עבירות :

דער צארין אונ כעס קומט פון גאוה : אונ דער וואש איז בעל גאוה איז גליך אז וועלט דינן עבודת גילולים : דען ער פר לייקנט אין דעם (יחיד) אייניגין גאט : אונ הקב״ה האט פיינד דיא צארינדיגי לייט מכ״ש די בעלי גאוה אונ בפרט ווען איינר שווערט אין צארין : אודר ער שעלט אונ שלאגט זיין חבר אפילו זיין קינד : חאטשי ער וויל אים לערנין צו גוטין איז אויך אין איסור : אונ זיין זינד איז זייער גרויס דאש עם העלפט אים קיין תשובה ניט וויא אויבן שטייט · דרום האבין דיא חכמים גיזאגט אז ווען איינר וויל אמורא מאכין אויף זיין גיזוגד אודר אין אב בית דין אודר ראש הקהל וואש וויל אמורא מאכין וויא זאל ער טאן : זאל ער זיך מאכין גליך וויא ער איז צארוגג · אבר באמת זאל ער ניט זיין אין צארין : דער זעלביגר מענטש וואש טוט אזו האט ער בוראי מורא פר גאט : אונ גאט האט אים ליב : אבר איין (רגזן) דער האט ניט אין זיך גאטש פארכט : אז וויא אויבן שטייט · דען אז מען שטראפט אים איז ער נאך מער צארינג : אונ רעט נאך מער בייזי רייד : ער האט קיין מורא ניט פאר קינים · ער לאזט זיין צארין פריה גיין אונ גידענקט ניט אז ער פאר דארבט זיין גוטי כלי : אונ פאר אום רייניגט זיין הייליגי נשמה : אונ עש טאר אים קיינר ניט ריידן אין צארין : אזו אויך שטייט אין פרק רז זאלשט דיין חבר ניט איבר בעטין בשעת כעם · אונ קיין ווארט ניט ריידן : דען ער ווערט נאך מער אין כעם :

עש איז אמאל גיוועזן אחסיד האט ער גילאזט צוואה זיין וון דאש ער זאל ניט צערנין אונ אין קיין שום וועג זאל ער ניט צארינג ווערין : אונ אויב עש וועט זיך אים טרעפין דאש ער וועט ניט קענין אויף האלטין זיין צארין : זאל ער אים חאטשי נאר אויף האלטין אין שעה אונ זאל ניט ריידן אונ קיין שום מעשה ניט טאן : ער האט דריימ גישווארין זיין פאטור אז ער וועט זיין צוואה ניט ברעכין : דער חסיד איז גישטארבין אונ זיין זון איז גיוועזן אגרוישר סוחר : אונ האט גינומין אין ווייב איין פרומי יודני אנמאל איז ער גיפארין האנדלין אופין ים אונ האט זיך גיזוימט אויפין וועג פופצעהין יאר : אונ איז אהיים מיט גרויש עשירות אונ ער איז אהיים גיקומין בייא נאכט · איז ער דורך גיגאנגין בייא דער קאמיר וואש זיין ווייב ליגט דרינן : זעהט ער דאש איין בחור ליגט בייא זיין ווייב : אזו איז ער זייער צארונג גיווארין אונ האט זיי ביידי גיוואלט דר שלאגין זאינבעט האט ער זיך דער מאנט אין זיין פאטרש צוואה אונ האט אופ גיהאלטין זיין צארין ביז אין שעה האט ער גידארכט הונטער דער טיר וויא זיא ריידין באנגדר : אונ ער הערט וויא זיין ווייב זאגט מיין ליבר זון דיא ווייל איז מיר גרויש גיין דיין פאטר וועט אהיים קומן עש איז שוין צייט דיר אין ווייב צו געבין : נאר אויב ער לעבט וועט ער בוודאי קומין : איך האב אים שון ניט געזעהן וויפל דוא ביסט אלט : אז דער סוחר האט דאש דער הערט איז ער ארין גיגאנגין מיט גרויש פרייד : אונ האט גיבענטשט זיין פאטור מיט ברכות אין יבר גון קענט איר וואל גידענקין וואש עש קען קומין פון צארין : דער פון קומט אויך חילול השם : אונ דער צארין איז פון דער מדה פון גאוה : וואש פון איר קומין אלי בייזי מדות : אונ הקב״ה האט אויך פיינר דעם בעל גאוה : דען הקב״ה זאגט איך אונ ער קענין מיר באנגדר ניט וואנין אין איין וועלט : אויך גנעמט ער קיין שטראף ניט אן פון קיין שום מענטשן · דען אים דאכט זיך ער איז בעסר פון דעם וואש שטראפט אים · ער הייסט אין גאותן : אויך איין (גרגן) דאש עש פאר דריסט אים אלש וואש יענר טוט דען ער מיינט יענר טוט אים דער ווידר זיין כבוד : עש פאר דריסט אים וואש יענר רעט : ער האט קיין מאל ניט רוא אויף זיין הארצין : אלש וואש מען רעט אונ מען טוט איז בייא אים צו איין גנאי : אונ דיא טובות וואש מען טוט אים איז בייא אים אלש קארג : דען ער מיינט ער איז נאך פיל

אין

מיקווערט: ער הייסט איין (נ"ג) הרש איז איין מאלמלר איין קיפלר אודר בעטלר אלי צו נאמן זעגין אים קארג פר זייני בייזי מדה נק איר ליבי לייט זעהט דאך. וויפל בייזי זאכין העגגין אין דעם וואש רעט אין צארין ער איז מטמא זיין גוטי כלי די נשמה דאש זענין די בייזי הייד וואש דער חסיד האט ניט געוואלט היידין : אונ די זעלביגי לייט וואש היידין יוא די הייד האט זיא נאט זייער פיינט : אונ עש איז אים מיאוס פאר זעלכי לייט מכל שכן דאש זיין תפלה ווערט ניט גיהערט אונ גיבראכט פאר הש"י עש איז איין משל איין שר האט איין שייני כלי וואש ער טרינקט דער פון תמיד : אזו נעמט איינר די כלי אונ וועלגערט זיא אין טינוף אונ אין קויט אונ שווענקט זיא ניט רעכט אויש : אונ ברענגט זיא פארין שר ער זאל דער פון טרינקן · קען ער דאך אפילו זיא ניט אן זעהן : ווייל מיהאט זיא איין גישמירט פאר זייני אויגין : אונ עש איז מיאוס ביי אים אונ מען טאר עש אפילו ניט ברענגין פאר אים : מכ"ש דער מלך מלכי המלכים הקב"ה ער זעהט אלש וויא דער מענטש האט פאר אום רייניגט זיין כלי מיט בייזי רייד נוא וויא אזו זאל זיין תפלה דער הערט ווערין אודר ווער טאר זיא ברענגין פאר הקב"ה : דרום ווערט זיין תפלה אוועק גישטוסין ; אונ ער מאכט דש זייני בוזי מעשים ווערין גידאכט : אזו וויא עש ווערט ניט גישענקט דעם וואש ברענגט פארין שר איינאום רייני כלי אונ גיט אים צו טרינקן אונ אפילו דר מענטש זאל שוידי כלי גוט אויש שווענקין עש זאל שוין אוף איר קיין שפרענקלי ניט בלייבין דאך אז דר שר גידענקט זידי כלי איז גוועזן איינקוט איז אים נאך מיאוס דר פון טרינקן : ביז מען מוז די כלי איבר נייאס מאכין : אזו אויך אפילו דער מענטש טוט תשובה נאר די תשובה איז ניט רעכט העלפט ניט : סידין ער מאכט זיך איין נייאי מחשבה אונ נעמט אויף זיך קיין מאל ניט צו היידין די בייזי רייד : אזו ווערט זיין גוטי כלי גימאכט איבר נייאס דענמאלט ווערט זיין תפלה דער הערט : דען ער איז שוין ניקם דער ערשטר מענטש : פריר איז ער גיוועזן איין זינדיגר : אונ היינט איין בעל תשובה : פריר האט אים הש"י פיינד גיהאט אונ היינט האט ער אים ליב : פריר איז זיין תפלה מיאוס גיוועזן פאר הש"י אצונד לוקט ער צו איר ווייל ער האט אפ גילאזט פון זייני בייזי רייד אונ אויב ער נעמט אויף זיך אז ער רעט עפיש ניט מיט היידין ניט ער איין קנם די ארמי לייט דא ווערט זיין עבירה צו איין מצוה : אונ זיין תפלה ווערט דער הערט:

הש"י האט ליב אזעלכי לייט אונ גלוכט צו זייערי תפלות : דרום זאל איטליכר מענטש לייגין אין די ספרים וואש שרייבין דער פון אין ספר דמרות אונ דאש ספר נזוהר איז דער בראנד שפיגיל ער איז גינומין גיווארין אויש די ספרים אונ אין דעם ראשית חכמה אונ אנדרי ספרים שרייבין אויך פיל דער פון אונ ברענגין דרויף פיל פסוקים : עש איז צו לאנג דער פון צו שרייבין : אונ עש קומט זייער פיל זוג זיין אין אונזרי דורות : אבר איך האב דריגן ניט גיוואלט מאריך זיין ווייל עש וועט ווידר פר מעלט ווערין הונטין אין די פרקים : דרום וויל איך עש לאזין בלייבין אונ וועל אן הייבין צו שרייבין וויא מיזאל זיך נוהג זיין אין שיל ווייל עש איז מיר עטליכי זאכין ניט גיפעלין דאש זיא זענין אום רעכט דרום וועל איך עש קארין בגרייפן אונ בשיידין :

## הנהגת בית הכנסת

דא וועל איך אייך אדויש שרייבין פון דעם אורח חיים אונ אויש דעם ספר מוסר : אונ אויש אנדרי ספרים וויא מיזאל זיך נוהג זיין איידר מען גייט אין דער היליגר שול אריין · אונ וויא מיזאל זיך נוהג זיין אין שיל : דער וואש זעט דאש לייאגין וועט גיפונין דעם אמת דאש איך האב עש ניט גישריבן פון מיין קאפ : נאר אלן ווערט גיפונן אין ספרים ; גאנץ פריא אז דער מענטש וואכט זיך אויף זאל ער אויף שטיין גישווינד צו דינן דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה וואש ער האט ווידר גיגעבין זיין נשמה וואש ער האט אים גיגעבין בהאלטין איבר נאכט : אונ דער מענטש בקומט זיא פיל בעסיר פון פריר : דען בשעת ער האט זיא גיגעבין בהלטין אין האנט פון הקב"ה : אונ האט גיזאגט (בידך אפקיד רוחי) אין דיין האנט בהאלט איך מיין זייל : דענמאלט איז זיא גיוועזן מיד אונ אויש גיארבייט : אונ אצונד בקומט ער זיא וואול אויש גירוהט : דרום דארף ער אים לובין אונ דאנקין : אויך זאל ער זיך בטראכטין וויא וואלט גיוועזן ער זאל וויסן עפיש גנעלט צו פר דינן : אודר איין שר אוזיי איין סוחר זאל אים זאגין זיא ביא מיר מארגין גאנץ פריא : וואלט ער זיך בודאי ניט פר שלאפין אונ וואלט גישווינד אויף גישטאנגין : דען ער וואלט מורא גיהאט פארין שר אודר ער וועט דאש געלט אן ווערין : מכל שכן דאש ער דארף זיך אונ גישווינד אויף שטיין פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה דער נאך זאל ער זיך ויאול ריינגן : אונ זאל אויש דוימן זיין מיסט אונ אום פלייט : דאש ער זאל דער מיט ניט קומן פר הש"י : דער נאך זאל ער וואשין זיני הענט דרייא מאל מיט ריין וואסיר : אזו גייט פון אים אוועק דער רוח הטומאה וואש האט ביא אים גירואט ביא נאכט : אונ ווען

גיט ער ניט אוועק : אונ איידר ער וואשט זיך טאר ער ניט אן רירן מיט זיינע הענט קיין עסין שפייז : אויך ניט אויף זייני אויגן אונ זיין מויל אונ זיין נאז אונ זייני אויערן דען עש איז איין סכנה פון וועגין דעם רוח רעה וואש רואט אויף זייא : אונ נאך דעם וואשין זאל ער מאכין דיא ברכה על נטילת ידים אונ דיא ברכה אשר יצר :

אטייל לייט זענין זיך נוהג צו מאכין די ברכה ענ"י אין שיל : דען עש איז בעסיר מיט קהל : אונ ער זאל דיא ברכה זאגין מיט גרויש כוונה דעם ערשטין היליגן שם : חאטשי אלי דיא שמות מוזן האבין כוונה : אבר דר ערשטר שם דארף נאכמער וויא איך וועל עש וואול בשיידין : עש איז איין משל ווען איינר גייט פר איין שר בשר ודם : ווען ער רופט דעם שר ביא זיין נאמין צום ערשטין מאל האט ער גרויש פארכט אונ ציטרניש : אז ער קומט מיט אים ארין אונ ריידין אזו האט ער שוין ניט אזו איין גרושי פארכט : אזו אויך פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה : אונ ווען ער זאגט (ברוך אתה ה') זאל ער דעם (שם המיוחד) שארף ארויש ריידין (אדני) מיט גרויש כוונה אונ פארכט אונ ציטרניש אונ דער שרעקניש: אונ זאל גידענקין אין זיין ריידין (אדני) וויא ער איז גישריבן מיט דער י אונ מיט דער ה אונ מיט דער ו אונ ווידר מיט דער ה : דאש בטייט (היה הוה ויהיה) דאש איז טייטש ער איז גיוועזן איידר דיא וועלט איז בשאפין גיווארין : אונ איז אצונד אויף דער וועלט אונ וועט זיין נאך דער וועלט : אונ מוז אויך איין כוונה האבין (אדני) איז טייטש איין האר איבר דער גאנציר וועלט : אונ אויף דיא מלאכים אונ איבר דעם הימל אונ הונטר דער ערד : אונ אויף אלי דינין : דאש איז וועקס ערליא אויבן אונ הונטן : אונ צו מזרח אונ צו מערב אונ צו צפון אונ צו דרום : אונ ווען ער זאגט (אלהינו) אודר (אלהים) אודר (אל) זאל ער מכוין זיין ער איז איין שטארקר אונ מעכטיגר גאט ער קען בווייזין זיין מאכט אונ קראפט אלי צייט ווען ער וויל : אונ ער גיוועלטיקט איבר אלי עולמות וואו ער וויל אונ ווען ער וויל : אונ האט בכח דיא וועלט חרוב מאכין אונ ווידר צו בויאן וויא עש גיפעלט אים : אונ ווען ער וויל לערנין אודר תחנות זאגין אין דער היים איידר ער גייט אין שיל ארין : זאל ער זאגין ברכת התורה : דאש איז (אשר קדשנו לעסוק בדברי תורה) : אויך דעסט גלייכין ווען ער וויל זאגין אין שיל תחנות אודר סליחות זאל ער זאגין דיא ברכה פון דער תורה דען וויל מען זאגט פיל פסוקים דרום איז ניט רעכט מיזאל זאגן אן אהבה : אטייל זענין זיך נוהג צו זאגין דיא ברכה דער נאך מיטן חזן : אבר עש איז פיל בעסיר מיזאל זאגין פר דיא פסוקים : בפרט דער וואש לערנט פר טאג : אבר דער וואש זאגט די ברכה אין דער היים אודר אין שיל פאר תחנות אודר סליחות טאר ער

דער נאך מיטן חזן נאך אמאל ניט זאגין : דען עש הייסט איין ברכה לבטלה חס ושלום : אונ גלייך וויא איינר שווערט אום זוסט : אונ איידר ער גייט אין שיל זאל ער ריינגן זיין גוף אונ נשמה : אונ זאל ניט לויפן אין גאנץ הויז ארין מיט אום ריינקייט אונ זאל ריין מאכין זיין גוטי כלי וואש ער האט פריר איין גיוודלט אין קויט : דאש זיין תפלה זאל ניט גיין פון איין אום ווייגי כלי : דען וויא אזו קען ער אזו איין בשמירטי כלי ברענגין פר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא : עש איז פיל בעסר ער זאל אין דער היים בלייבן : אונ וויא אזו זאל ער ריינגן זיין גופו כלי דיא נשמה : ער זאל זיך שטעלין אין איין אורט אליין אונ זאל זיך בטראכטין וואש פר זינד ער האט גיטאן כייא מיט מעשים פייא מיט בייזי רייד : אונ זאל חרטה האבין אונ וויינן אויף דעם וואש ער האט בשמירט זיין גוטי כלי : אונ האט זיא בזידלט אין קויט : אונ זאל זיך גידענקין וויא קאן איך אויף הייבין מיין פנים : וויא קאן איך קומן הונטר דעם פנים פון השי"ת תפלה צו טאן : וויל איך בין אזו איין חוטא : אונ האב דיא אונ דיא עבירה גיטאן אונ גירעט בייזי רייד : אונ האב מיין גאט י"ת דער צערינט מיט דער אונ דער עבירה : איך וועל וויל מיין לעבין וועט זיין אזעלכי עבירות ניט טאן : דרום גאט י"ת זייא מיר מוחל מייני עבירות : אונ מעק אויש מייני זינד פון דעם בוך וואש זייא זענין דרונן איין גישריבן גיווארין : דען איך וויים וואול דאש אלי מייני זינד זענין איין גישריבן גיווארין דא האב איך חרטה אויף אלי מייני זינד וואש איך האב גיטאן פון מיין יוגנט ביז אצונד : אונ איך וועל שוין קיין מאל ניט ריידין אזעלכי בייזי רייד אונ טאן אזעלכי בייזי מעשים : אונ איך וועל געבין קנס אויב איך וועל ריידין בשוגג אשלעכט ווארט : גאט יתברך היט מיין מויל עש זאל דער פון ניט ארויש גיין קיין בייז ווארט : אונ גאט יתברך בהיט מיך פר עבירות : אונ העלף מיר דער צו איך זאל מיך קענין היטן דער פון : דען איטליכר וואש בגערט זיך צו ריינגן העלפט מען אים דער צו : אונ נון אויף אלי די בייזי רייד אונ מעשים וואש איך האב גיטאן האב איך חרטה : אונ בין אויף מיר מקבל תשובה אונ קנס צו ענים : אזו באלד אז ער בטראכט זיך אזו : אודר ער ווייסט אזו אליין אין איין ווינקיל מיט גאנצין הארצין : אזו באלד איז ער גליבט אין דיא אויגן פון השי"ת : אזו מעג ער גיין אין שיל ארין תפלה צו טאן פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה : דען לאז זיך דר מענטש אין זין ארין גיעמין וויא וואלט גיוועזן אז ער זאל גיין פר איין שר : אודר אפילו פאר איין פריץ : אונ דער שר ווייסט אז ער האט קעגן אים גיזונדיגט וואלט ער דאך ניט גיקענט קומן פר דעם שר ביז ער זאל שיקן לייט אים איבר צו בעטין אונ ווידר צו קערין צו

גינאר : מכ״ש פר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה : אבר ער דארף קיין אנדרן מענטשין ניט שיקן פר אים תפלה צו טאן : נאר ער אליין זאל פר זיך מתפלל זיין : דען דער מלך מלכי המלכים הקב״ה בגערט ניט מזאל צו אים שיקן פרעמדי לייט אז וויא פאר איין שר בשר ודם : אויך בגערט ער ניט קיין געלט אונ גוטש : נאר ווידוי אונ חרטה אויף דעם בייז וואש ער האט גיטאן : ער מוז אין זיין הארץ ארין נעמן דש ניט צו טאן : דאש הייסט חרטה :

נוא ווען דער מענטש טוט דאש אלש איז ער גליך וויא איין נייאר מענטש · דען פריר איז ער גיוועזן איין חוטא אצונד איז ער אפרומר מאן : פריר איז ער גיוועזן איין רשע אצונד איז ער אצדיק : דען אלי זייני עבירות ווערן אים אלי אן גישריבן פאר מצות : אז וויא עש וועט שטיין אין הלכות תשובה : פריר איז ער גיפיינט גיוועזן אין גאטש אויגין אצונד איז ער גיליבט · דען הקב״ה איז איין רחמן : אונ דער בארימט זיך תיכף איבר זייני לייט : דרום זאל איטליכר זאגן ווידוי מיט גיהיין אונ זאל חרטה האבן אויף זייני בייזי מעשים : אזו דער בארימט זיך הקב״ה איבר אים דען ער האפט אויף דער תפלה פון זעלכי לייט · אונ דער מענטש איז מער גיליבט בייא הקב״ה פון אצדיק אונ זיין חלק עולם הבא איז גרעסיר וויא דער חלק פונם צדיק · דען דיא צדיקים קענין ניט שטיין אין דעם גבול וויא דיא בעלי תשובה שטייאן · אונ ווייטיר אין הלכות תשובה וועט שטיין וואש דיא תשובה איז אויף איטליכר עבירה : אונ אז דער מענטש איז אויף זיך מקבל דיא תשובה אידר ער גייט אין שיל ארין : דער נאך איז זיין תפלה אן גינומן עש זענין דרויף פיל פסוקים נאר איך וועל נאר ברענגן אטייל פון זייא : דער פסוק זאגט (מורה ועוזב ירוחם) דער וואש בקענט זייני זינד אונ פאר לאזט זייא ווערט ער דער בארימט : אונ עש שטייט אויך אין דער הייליגר תורה מיט דיין מויל אונ הארצין קענסטו תשובה טאן · אויך זאגט דער פסוק (יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישוב אל ה׳ וירחמהו ואל אלהינו כי ירבה לסלוח) לאז דער רשע פאר לאזן זייני בייזי וועג אונ דער אום רעכטר מענטש זייני בייזי מחשבות אונ זאל ווידר קערין צו גאט וועט ער אים דער בארימן : אונ צו אונזר גאט · דען ער מערט צו פאר געבין : דרום זאל איטליכר מענטש זייער גיווארינט זיין צו ריינגין זיין גוף מכ״ש זיין נשמה אז וויא איך האב דא גישריבן דאש ער זאל ניט לויפן אין גאטש הויז וויא אין שכור לויפט איבר הויז : אונ ווען ער גייט אין שול ארין זאל ער גינך לויפן גליך אז וויא איינר לויפט נאך איין מציאה : אונ בשעת ער גייט פון דער שול זאל ער גיין באמעליך : עש זאל ח״ו ניט גליך זיין וויא ער האט גיפאטירט פון זיך איין משא · אז וויא איך וועל נאך מער דער פון שרייבן :

אונ ווען ער גייט אין שול ארין זאל ער זעהן צו זיין דער ערשטיר אין שיל · אונ אויב ניט זאל ער האטשי זעהן צו זיין פון דיא ערשטי צעהן : דען דיא ערשטי צעהן האבין אזו פיל שכר אז וויא דאש גאנצי קהל · אונ אויב ער קען דאש אויך ניט אויש פירן זאל ער זעהן קיין שום ארבייט ניט צו טאן פארין דאווינן דען איטליכר איז שולדיג צו בעטין פאר גאט אויף זיין לייב אונ האב אונ גוטש · אונ אויף זיין הייליגי נשמה : אונ פאר כל ישראל · אז וויא אונזרי תפלות זענין שוין גימאכט גיווארין נוא וויא זאל ער טאן זייני זאכין אודר אנדרי זאכין פר גאטש זאכין · אונ ווען ער גייט אין שול ארין זאל אויף אים פאלין איין מורא אונ ציטרניש : ווען ער וואלט גיגאנגין פאר איין שר בשר ודם וואלט דאך אויף אים גיפאלין איין מורא · מכל שכן וק״ו פאר דעם מלך מלכי הקב״ה אונ ער זאל גיין מיט שווער גימיט ניט מיט גילעכטר אודר מיט עזות קייט אונ ניט מיט שמועות : נאר ער זאל ארין גיין מיט גרויש פארכט אונ ציטרניש : אז דער פסוק זאגט (ואני ברוב חסדך אבוא ביתך אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך) אונ איך מיט דיין גרויש גינאד קום איך אין דיין הויז : איך בוק מיך צו דיין הייליגן היכל מיט גרויש פארכט · דער נאך זאל ער גיין אין שיל ארין אזו ווייט וויא צוויא טירן ברייט : אודר ער זאל זוימן אזו לאנג דאש ער וואלט גיקענט גיין צוויא טירין ברייט : דער נאך זאל ער זיך בוקין פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה : דער נאך זאל ער זיך אנידר זעצין אונ זאל נישט רידין אונ זאגין נאר ער זאל זיך בטראכטין ווער בין איך דאש איך זאל זוכה זיין תפלה צו טאן פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה פאר אזו איין גרויסין הער : איך בין דאך איין זינדיגר מענטש · אונ האב אופט דער צערינט הקב״ה מיט מייני בייזי מעשים אונ בייזי ווערטיר · אונ איך בין איטל בלוט אונ פלייש איטיל יצר הרע : איך בין ניט ווערט אונ ראוי צו גידענקין זיין הייליגן נאמן : מכל שכן דאש איך זאל תפלה טאן : אונ זאל אזו אופט רידין זיין הייליגן נאמן מיט מיין מויל . וויא

קען

קען איך אויך הייבן מיין פנים קעגן אים · ווייל איך האב אים אזו אופט דער ווידר גיטאן : אבר פון וועגן זיין גרויש חסד אונ בארים הארציקייט : וואש ער דער בארימט זיך אבר זייני לייטן וואש קערן זיך צו אים מיט דיא זאכן וואש אויבן שטייאן מיט דעם קום איך פאר אים :

דער נאך זאל ער אויף שטיין אונ זאל זאגין (מה טובו אוהליך יעקב) · אונ ארון עולם אונ יגדל · אונ אויך אלי דיא ברכות וואש שטייאן פאר אים מיט גרויש כוונה : אונ אויב ער האט שוין גיזאגט עטליכי ברכות אין דער היים טאר ער זיא נאך אמאל ניט זאגין אין שול סיידין ער האט דער ווייל זיין צורך גיטאן אודר ער האט משתין גיוועזן : דא איז ער מחוייב נאך אמאל צו זאגין דיא ברכה (אשר יצר) אונ ער זאל זאגין איטליכי ברכה מיט גרויש כוונה · אונ זאל זיך פריר וואול בטראכטין · אונ זאל ניט לאזין ארויש פאלין דיא הייליגי ברכה מיט דעם שם אן כוונה אונ בטראכטונג ער זאל תמיד גידענקין ער שטייט פאר איין שר בשר ודם · אונ וען ער וואלט אים גילובט אן בזיגן · וואלט ער בוראי גישטראפט גיווארין : מכ"ש פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה : אונ זאל זיך טראכטין מיט דעם בין איך בעסיר פון אמלאך : דען דער מלאך טאר ניט גידענקין דעם שם סיידין נאך דרייא ווערטר · אונ אפילו אזו אויך ניט אזו גיא אז וויא איך · דרום זאל איטליכר זיך פריר וואול בטראכטין איידר ער לאזט ארויש דעם גרויסין שם : אונ ער זאל אזו זאגין זיצנדיג ביז קרבנות : אונ זאל ווידר אויף שטיין · דען דאש איז אויף דעם אורט פון דעם קרבן אונ אז מהאט מקריב גיוועזן דעם קרבן האט מען גימוזט שטיין : דער נאך מעג ער ווידר זיצין ביז ברוך שאמר : אונ פאר ברוך שאמר מאג ער זאגין תחינות וויא פיל ער וויל : אויך מעג ער לייגין דעם טלית אונ תפילין וויא ער וויל : אמייל לייגין זיא פאר עוטר ישראל בתפארה : אמייל לייגין זיא פאר קרבנות אמייל פאר ברוך שאמר : נאך ברוך שאמר הייבט זיך אן דיא רעכטי תפלה : אזו וויא איך וועל דא נאר בעשיר בשיידין : אונ דער וואש איז גיוויינטליך צו זאגין תחינות אלי טאג : זאל ער זיא זאגין פאר ברוך שאמר : אודר נאך דעם דאווגין : אבר צווישין דיא תפלות טאר מען שוין ניט זאגין קיין תחינות :

אמייל לייט זאגין פאר ויברך דוד דיא לויב פון הקב"ה דהיינו (אתה הוא אלהינו בשמים ובארץ) אונ אויך (ואמונה והאמונה) אבר קיין תחינות טאר מען ניט זאגין בשעת תפלות : בפרט אין דער קהלש תפלה : דאש הייסט פון ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה ביז נאך דעם אונטרשטין קדיש טאר מען קיין ווארט ניט ריידין : אונ אפילו נאך דעם אונטרשטין קדיש טאר מען אויך קיין שום ווארט ניט ריידין נאר דעם שבח פון הקב"ה : דען ווייל מען ריפט אויש מצות דרום טאר מען קיין דברים בטלים ניט ריידין סיידין דברי תורה אודר תחינות אונ מעמדות אבר בשעת דער חזן זאגט שמונה עשרה טאר מען ניט ריידין אפילו קיין דברי תורה אונ קיין תחינות : נאר איטליכר איז מחוייב צו הערין איטליכה ברכה פונם חזן : אונ זאל כוונה האבין אויף איר : אונ זאל נאך זאגין (ברוך הוא וברוך שמו) אודר (ברוך הוא ושמו) : אונ זאל זאגין אמן אויף איטליכר ברכה איך וועל דא דיא זאך בשיידין מיט איין משל : ווען ער זאל שטיין פאר איין שר בשר ודם אונ זאל ריידין מיט אים אונ אינמיטן דריגן זאל ער דעם שר אוועק לאזין : אונ אן הייבין ריידין מיט אנאנדרין : וואלט ער בוראי חייב מיתה גיוועזין : מכ"ש פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה : דרום זאל איטליכר זייער גיווארינט זיין דאש ער זאל ניט ריידין קיין שום ווארט בשעת דאווגין : אונ זאל אויך קיין אנדרי מחשבה ניט האבין נאר צו הקב"ה :

פאר צייטין אז מיר זענין גיזעסין אין אונזר לאנד ארץ ישראל ווען דיא ישראל האבין מלחמה גיהאלטין מיט די אומות : איז גיוועזן איין (כהן משוח מלחמה) ער איז גיזאלבט גיוועזן צו מלחמה : האט ער אזו אויש גישריגין דער וואש האט איין עבירה גיטאן זאל זיך אום קערין אהיים · דאש ער זאל ח"ו ניט נהרג ווערין פון זיין עבירה וועגין : אונ ווען אייגר האט גיהאט אין זיך דיא עבירה : דאש ער האט גירעט פון ברוך שאמר ביז ישתבח : האט ער זיך אויך גימוזט אום קערין פון דער מלחמה דען דיא עבירה איז זייער גרויש : מכל שכן ווען ער האט גירעט צווישין דיא ברכות פון ק"ש : בפרט בשעת דער חזן זאגט דיא שמונה עשרה איז זיין עבירה נאך גרעסר : עש טאר קיינר קיין שום ווארט ניט ריידין נאך ישתבח אפילו קיין דברי תורה ביז דער חזן לאזט אויש דיא שמונה עשרה ביז נאך קדיש : אונ איטליכר מוז שטיין אונ זאל הערין איטליכי ברכה פונים חזן אונ זאל נאך זאגין אמן : אונ ווען דער חזן זאגט (ברוך אתה ה') זאל ער זאגין (ברוך הוא וברוך שמו) אודר (ברוך הוא ושמו) :

דער נאך זאל ער זאגן אמן : אונ זאל דעם אמן ניט אוועק חאפין : אונ זאל אים אזו לאנג מאריך זיין ביז ער זאל גידענקן עש איז אמת וואש ער זאגט ; אונ איך גלייב עש : דען דער וואש זאגט נאך אמן איז בעסיר פון דעם וואש מאכט דיא ברכה אונ זיין מצוה איז בעסיר ; אז וויא איך וועל דא בשיידן ;

דרום זאל ער ניט טאן אזו וויא אטייל לייט טואן ; דאש זייא זאגין תחינות וייל דער חזן זאגט שמונה עשרה ; עש איז טויזינט מאל בעסיר ער זאל גאר ניט זאגין : אונ עש וואלט בעסיר גיוועזן ער זאל נוט גיין אין שול אריין דען ער העט גיט צו דעם חזן אונ זאגט ניט נאך אמן : אונ אפילו ער זאגט נאך אמן אזו טוט ער ערשט דער מיט איין עבירה : דען ער ווייסט ניט אויף וועלכי ברכה ער זאגט דאש הייסט איין (אמן יתומה) : אונ זיין עונש איז דער פאר דאש זייני קינדר ווערין פאר וויסט אונ יתומים : מדה כנגד מדה ; אזו וויא דער יתום קען ניט זיין פאטור אונ מוטר ; אזו אויך דער אמן קען אויך ניט זיין ברכה ; אונ ווען איינר זאגט נאך אמן בכוונה אז וויא איך האב אויבן גישריבן : אפילו עש איז אים בשערט שלעכטץ פר זעכציג יאר איז ער דער מיט מבטל דיא זעלביגי גזירה ;

נן איר ליבי לייט איר זאלט ניט ריידן אין שול אפילו ניט בשעת דאווינן דען עש איז אגרושי עבירה צו ריידן אין גאטש הוז פון העגדיל : עש איז גלייך אז וויא איינר שטייט אין איין חדר פון אשר בשר ודם : אונ רעט פרעמדי זאכין : אזו ווערט ער דאך דער פאר זייער הארט גישטראפט ; מכל שכן אין דעם חדר פון דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה טאר מען בוודאי ניט ריידן קיין דברים בטלים : אפילו אין זיין הייס איז דאך אגרושי עבירה צו רייזן דברים בטלים אז וויא דיא גמרא זאגט (ודברת בם ולא בדברים בטלים) אין דער תורה דארפסטו ריידן : אבר ניט קיין דברים בטלים : נוא זעהן מיר דאך אז דער זעלביגר מענטש וואש רעט יוא דברים בטלים איז עובר אוף איין עשה : מכ"ש אין דר היילגר שיל פאר דער היילגר שכינה : נון ווייטר מכל שכן וקל וחומר דער וואש רעט בשעת דאווינן פון ברוך שאמר ביז דעם קדיש נאך שמונה עשרה : אזו איז זיין עבירה פיל גרעסר אונ האר ביר : דאש ער אכט ניט הקב"ה אונ זיין שכינה אונ אין זייני היילגי תפלות : אונ ער שייאט זיך ניט פאר אים אונ פאר דער היילגי תורה וואש שטייט אין ארון קודש : אונ דער וואש האט קיין מורא ניט פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה איז ער דאך בוודאי אגרושר עזות פנים : אונ עש שטייט (עזות פנים לגיהנם) דש האבין מיר דאך בקבלה אז פר צייטן איז גיוועזן אין אלי לענדר דיא יהודים האבין גיוואנט זייער שייני שולין אונ שייני הייזר : אונ אונ גרויש עושר אונ כבוד : איז דאש אלש פאר שטערט גווארן

פון ווענין זייא האבין גירעט דברים בטלים אונ קריג אין זייערי שילן : אונ האבין זייא ניט נוהג כבוד גיוועזן אזו אויך דאש היילגי בית המקדש האט אויך נאט יתברך דרום פאר שטערט : וויל זייא האבין דרינט ניט נוהג כבוד גיוועזן ; אז וויא עש שטייט בשיידליך אין פסוקים ;

אויך שטייט אין דער תורה צווייא מאל דער פסוק (את שבתותי תשמרו ומקדשי תיראו) מיין שבת זאלט איר היטין אונ פאר מיין בית המקדש זאלט איר זיך פארכטין : איין מאל שטייט אין (קדושים) דאש אנדרי מאל אין (בהר) דאש דרשת דיא גמרא אזו וויא מען איז מחוייב שבת צו האלטין סייא בשעת דער בית המקדש איז גישטאנין : אונ סייא אצונד אז דער בית המקדש איז שוין חרוב : אזו איז מען מחוייב זיך צו פארכטין פאר דעם בית המקדש אפילו אצונד אז ער איז חרוב ; דאש מיינין זייא מען איז מחוייב מורא צו האבין פאר אונזרי שילן אונ בתי מדרשים ; זייא זענין אויף דעם אורט פונים בית המקדש : אונ דרום שטייט דער פסוק צווייא מאל ; דאש ווייזט אונז : אז וויא בייא שבת דארף מען מוסיף זיין מחול על הקודש ; דאש מען דארף מקבל שבת זיין נאך פאר נאכט : אונ דער נאך ניט אוועק צו לאזין אים ביז שטערין שטייאן : אזו אויך דיא מורא פון דער שיל דארף זיין סייא פארין דאווינין סייא נאך דעם דאווינין ; דאש מען זאל ניט ריידין דרונין קיין דברים בטלים ; מען טאר ניט אריין גיין אין שיל אריין ניט מיט אום ריינר שיך : אונ ניט מיט פלעקינדיגי קלייד מיט אלי זאכין זאל ער דיא שיל האלטין אין כבוד : גלייך אז וויא ער גייט פאר איין שר בשר ודם : אזו אויך פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה : אז דער פסוק זאגט (הכון לקראת אלהיך) דוא זאלסט זיך שיין אן ברייטין קעגין דיין גאט : דו זאלסט ניט גלייך אז וויא פר איין מלך בשר ודם : חאטשי עש איז ניט גלייך צו אנדר פון דעסט וועגן האבן די חכמים ניט גוואלט דארבר מאכן : הלוואי וואלטין מיר אזו פיל מורא גיהאט פאר הקב"ה וויא פאר איין מלך בשר ודם ; מיר זעהין דאך אין דער שיל איז פאר דאגדין דיא היילגי תורה וואש גאט האט אונז גיגעבין אויפן בארג סיני דורך משה רבינו ע"ה : אונ אין שיל רואט זיין היילגי שכינה : מיר האבין גיהאט לאנד אונ לייט : אונ דאש בעסטי לאנד אין דער וועלט : אונ מלכים אונ שרים אונ נביאים אונ סנהדרין : פון אלי דיא טובות האבין מיר ניט מער נאר דיא היילגי ספר תורה : נוא ווען עש שייאט זיך ניט פאר איר אונ רעט דברים בטלים מוז ער בוודאי אגרושר עזות פנים זיין ; דאש ער זאל ניט גידענקן אין דער שכינה וואש רואט אין היילגי שילן אונ אכט ניט דיא היילגי תורה וואש הקב"ה זעלברט האט גישריבין מיט זיין רעכטי האנט : מיט שווארץ פייאר אויף וויס פייאר אז וויא זייא תורה

וואש מיר האבין : ניט איין ווארט מער אונ ניט ווייניגר : נוא
וויא זאל דעם מענטשין קיין מורא ניט אן חאפין אז ער זעהט דיא
הייליגי תורה אין ארון הקודש : אונ ער זאל ריידין דברים בטלים
אודר נאך אנדרי רייד . אזו איז דאך זיין כוונה צו פאר טרייבין דיא
הייליגי שכינה אויש דער שיל :

עש איז איין משל איינר גייט אונ בעט איין שר בשר ודם אוף
דר סעודה וואש ער האט אים גמאכט אונ ער בעט אים
זייער אונ זייער : אונ דר שר האלט זיך ניט גרויש אונ גייט צו
אים אוף זיין סעודה: אז דר שר זעצט זיך ביי אים הינטר'ן טיש:
דא לאזט אים אוועק דער זעלביגר שלעכטר מענטש : אונ
גייט הערין אנדרי שמועות מיט אנדרי לייט : אודר ער
קריגט זיך מיט זיין הויז כזוגר : דער נאך גייט ער אונ
ברענגט פאר'ן שר ניט גוטי זאכין : אונ דער שר זעהט
דאש אלש צו : דא ווערט ער דאך זייער ברוגז אוף אים
אונ זאגט דער עזות פנים האט מיך ניט גיוואלט אפ לאזין
ביז איך בין גיגאנגין צו אים : אצונד טוט ער מיר אן
אזעלכי יסורים אונ האט פר מיר קיין מורא ניט : אזו איז
אונזר זאך אויך : דען נאר אונזר תפלה איז די שכינה זאל
רואן צווישן אונז : אונ מיר זאלין אים לובין : אונ ער זאל
צו הערין אונזרי תפלות : דאש איז כמעט אלי אונזרי תפלות
אונ דער עזות פנים לאזט אוועק דיא שכינה אונ דעם מלך
מלכי המלכים הקב"ה אונ טוט נאר אנדרי זאכין : אונ
בשעת דאווינין רעט ער מיטן מויל אונ דאש הארץ
טראכט גאר עפיש אנדרש אוף הענדיל אודר אנדרי
נארישקייט : אונ אפשר נאך אוף איין עבירה : דאש איז
גליך וויא יענר וואש טראגט ניט גוטי זאכין פארין שר :
פון דעם קען זיך איטליכר אמוסר נעמין וויא עש איז הארב
דאש ריידין אין שיל : וויא דאש ער דער צערינט זיין
הייליגן נאמין : אונ ער מאכט דאש דיא הייליגי שיל ווערט
חרוב ח"ו : אונ מאכט דאש ישראל ווערין פר טריבן ח"ו
גאט זאל אונז היטן : דרום זאל זיך איטליכר זעלברט
שטראפין : אונ זאל גידענקין פר וועמין ער שטייט : אונ
זאל האבין גאטש פארכט : אונ ער זאל ניט פר זינדיגן זיך
אונ כל ישראל ח"ו :

גון וועל איך בשיידין וויא מען דארף שטין בשעת דאווינן :
אונ וויא מען מעג זיצן : דער ראשית חכמה שרייבט
פון דעם זוהר וועגין דאש איטליכר איז מחויב צו שטין ביא
דיא הייליגי זאכין : דאש הייסט דאש וואש איין יחיד אליין
טאר עש ניט זאגין : נאר מיט איין מנין : דהיינו קדושה
אונ ברכו אונ קדיש : דאש מוז דער חזן זאגין במנין : אונ
דאש קהל זאלין שטיין אונ נאך זאגין : נאך זענין פאר
האנדין וואש קיין יחיד טאר זיא ניט זאגין : דהיינו איבר
חזרין דיא שמונה עשרה : אודר צו לייאנין אויש דער ספר
תורה מיט איין ברכה : אודר צו זאגין שלש עשרה מדות :
דאש טאר מען ניט זאגין סיידין בקהל : נאך זיין עטליכי
זאכין וואש מען פלעגט שטיין פון מנהג וועגין : צו אדון
עולם אונ יגדל פון וועגין דאש איז דער גרושר שבח פון
הקב"ה : צו קטורת וויל עש איז אויף דעם אורט פון קרבן
צו ברוך שאמר וויל עש איז דער ערשטיר שבח פון פסוקי
דזמרה : דאש מיינט מען דיא הללוים : אז מען זאגט
(ישמחו השמים ותגל הארץ) וויל דיא ר"ת זענין דער שם
(הויה) : צו (פותח את ידיך) וויל מען דארף כוונה האבין
דאש ער שפייזט גרויש אונ קליין אפילו דיא ווערים אין דר
ערד : צו (ויברך דוד) ביז (אתה ה' לבדך) דאש זעלביגי
איז בקבלה : פון ישתבח ביז נאך ברכו : פון (תהלות לאל
עליון) ביז נאך שמונה עשרה : אונ אויך ביא לאנג (והוא
רחום) איז מען אויך מיין מחויב צו שטיין אז וויא ביא שמונה
עשרה אונ ווען דער חזן לייאנט אויש דער ספר תורה : וויל
עש איז איין דבר קדושה אונ עש מוז זיין במנין : אונ אז
מען עפינט דעם ארון קודש זאל מען אויך שטיין : אונ ווער
עש שטייט זאל גיווארינט זיין דאש זיין פנים זאל זיין צו
מזרח : אונ ניט וויא אטייל לייט זענין ניט מקפיד דרויף אונ
קערין זיך אום קיין מערב אודר קיין צפון : אודר קיין דרום :
דאש ווייזט ח"ו אז ער האט אנדרר גלויבין : בפרט זיי לייט
וואש קערין אום זייער רוקן צום ארון הקודש : זיא זענין
בוראי מחלל השם : אז דער פסוק זאגט גאט האט גיזאגט
צום נביא יחזקאל (ואחוריהם אל היכל ה') אטייל לייט פון
ישראל זענין רשעים אונ שטעלין זיך מיטן רוקן צום היכל
פון גאט : אונ הש"י איז זייער צארינג גיוועזן איבר די לייט :
דרום איטליכר וואש וויל לעבט דיגן גאט יתברך שמו
זאל ער אום קערין זיין פנים צו מזרח ווען ער שטייט
אונ ניט צו קיין אנדרי זייט : אבר בשעת ער זיצט כנעג ער
אום קערין זיין פנים וויא אהין ער וויל דאש איז קיין עבירה
ניט : וויל זיין שטאט וואש ער זיצט דרויף איז אזו גימאכט

גווארין

גיווארין : אבר אין אטייל ערטר זענין גימאכט גיווארין אלי שטעט צום ארון קודש : אבר אין אונזרי קהלות איז דער מזרח אז וויא איך האב דא גישריבן : נאך ארנירס דער פון קאן ארויש קומן אז דער מענטש קערט ניט אום זיין פנים קיין מזרח : דען אמאל קומן אויש צוויא לייט אייגר אקיגין אנדרין : אזו האבין זיא נאר אנדרי מחשבות אודר ער רעט מיט אים שמועות בשעת דאוינן : אזו קומט דער פון אין חילול השם וויא אויבין שטייט : דען ווען איטליכר זאל אום קערין זיין פנים קיין מזרח וואלט ער בודאי ניט גיהאט קיין אנדרי מחשבות ווען ער וואלט גיזעהן דעם ארון קודש אונ דיא היילגי ספר תורה : אונ אויך די פסוקים וואש שטייאן גישריבן אויפן ארון קודש : דהיינו דער פסוק (שויתי ה׳ לנגדי תמיד) : אונ אנדרי פסוקים : דאש דער וועקט אים בודאי זיין כוונה צו גאט ב״ה : אבר דער וואש קערט זיך אום צו אנאנדר זייט דער בגערט ניט זיין כוונה זאל דער וועקט ווערין : לאז זיך איטליכר נעמן אמשל ווען איינר שטייט פר אין שר בשר ודם קערט ער זיך דאך בודאי ניט אום זיין רוקן צו אים : בפרט ווען ער האט עפיש אין משפט פארין שר וועט ער דאך בודאי שטייאן אין אייטיל ציטרניש אונ אנגשט : מכל שכן ווען דער משפט רירט אן אין זיין גוף אודר אין זיין געלט וועט ער דאך בודאי נאך מער ציטרניש אונ אנגסט האבין : אונ וועט בודאי קלאר צו הערין דיא רייד פונם מליץ פונים שר : דאש ער זאל אים ניט פר געסין צו זאגין זייני זכיות : נון מכ״ש פר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה דער משפט רירט דאך בודאי אן אין זיין גוף אונ געלט גוא וויא זאל ער ניט רעכט צו הערין דיא רייד פונם חזן וואש ער איז דער מליץ צווישן הקב״ה אונ ישראל :

אויך דיא לייט וואש לעהנין זיך אן : אודר זיא ליינן זיך אויפן שטענדר : אודר זיא שאקלין זיך אופין שטענדר בשעת דער חזן זאגט שמונה עשרה וויא אזו ווילין זיא זיך קענין פר ענפרין פר הקב״ה זיא פר שמאבין דאך גאטש דינסט אונ גידענקין ניט פר וועמין זיא שטייאן : אונ לאזין זיך קיין פארבט ניט אן גיין : אונ מיראכטין נאר אויף דברים בטלים : אויך פר זוימין זיא דריבר אמן נאך צו זאגין אויף איטליכר ברכה אודר וויא קען איינר דאש האבין אין זיין פנים דאש ער זאל אום קערין זיין אחור צום ארון קודש ׳ אודר ער זאל זיך אן לייאנין אין אוונט אודר אין א שטענדר : מכל שכן דער וואש שאקולט זיך אויף אין שטענדר אונ מאכט זיך אין שפילכין אין שיל גליך וויא ער וואלט גיוועזן אין דער היים : ווען ער גייט דאך אין אנדר הויז שעמט ער זיך דאך צו שאקלין אודר אנדרי חצפות טרייבין : אונ אין דער היילגר שיל שיאט ער זיך ניט פר גאט אונ פר לייט : דער כלל איז איטליכן מענטשין זאל זיך דראכטין גליך וויא ער האט עפיס אין משפט : פר אשר בשר ודם : אונ דער משפט רירט אן אין זיין גוף אונ געלט : מיט א אין מורא זאל ער שטיין פר הש״י : חאטשי דער משפט פון הש״י איז פיל טויזנט מאל מער אונ גרעסיר דער מלך מלכי המלכים הקב״ה קען ביא דיר אדש אוועק נעמין אפילו דיא נשמה : אונ אויך דיא וועלט אונ יעני וועלט נוא וויא זאל דעם מענטשין קיין מורא ניט אן חאפין ׳ וויא זאל ער ריידין מיט זיין מויל אונ דאש הארץ איז ניט דער ביא : אודר וויא זאל ער ניט צו הערין דיא רייד פונם מליץ אודר וויא זאל ער פאר שעהמן דיא גרוסי מצוה פון אמן נאך צו זאגין דאש קאסט דאך אים גאר קיין געלט ניט : נון קענט איר דאך וואול פר שטיין וויא הארב דיא עבירה איז פון דעם וואש קערט אום זיין אחור צום ארון הקודש : אודר ער הערט ניט צו דיא תפלה פונם חזן : אודר ער זאגט ניט נאך אמן אויף איטליכר ברכה : אודר דער וואש רעט דברים בטלים אין שיל : אונ ווייל דיא מצוה איז זייער גרויש צו צו הערין דעם חזן : דרום זאל קיין שום מענטש דרינן ניט העלפין דעם חזן אונ מיט אים נאך זינגין אפילו ער וועט ניט זאגין דעם שום דען מיוועט ניט וויסין וועמין צו צו הערין צו אים צו דעם חזן : דרום איז זיין עונש זייער גרויש : אויך זאל איטליכר זעהין צו זאגין זיין תפלה מיט דעם קהל : דען אזו ווערט זיא גענבר אן גינומן : אז דער פסוק זאגט (הן אל כביר לא ימאס) נון גאט יתברך פאר שעמט ניט דיא תפלה פון פיל לייט : אבר דיא תפלה פון איין יחיד ווערט באלד פאר שעמט פון זייני זינד וועגין : אז וויא איך האב אויבין גישריבן דאש זיין תפלה ווערט ניט אן גינומין ווען עש קומט אים אריין אין פרעמדי מחשבה בשעת דאווינן : דאש איז גליך אז וויא איינר לאזט דעם שר זיצין אונ גייט זיך שפאצירין : אונ זייני זינד ווערין גיראכט : דען ער זאגט (השיבנו) אודר (סלח לנו) גיאך מיך

רעכטע תשובה טאן. אונ פאר גיב מייני זינד אין ער האט ניט חרטה אויף זייני זינד דאש ער טוט זייא נאך אמאל : אודר ער זאגט (סלח לנו) אונ וויל האבין דאש הקב״ה זאל אים פאר געבין זייני זינד אן תשובה דאש קען דאך ניט זיין : אז וויא עש ווערט שטיין אין הלכות תשובה אודר ער זאגט (רפאינו) דאש איז טייטש היילן מיך פון מייני מכות אונ פון מייני זינד אונ האט נאך קיין תשובה ניט גיטאן נוא מאכט ער דאך דאש זייני זינד ווערין גידאכט:

אבר ווען איינר טוט זיין תפלה מיט קהל בנאנר זעגן דאך בודאי פאר האגדין צווישין זייא ליט וואש האבין יוא תשובה גיטאן : אזו ווערין אפילו דיא תפלות פון דיא איברגי ליט אויך אן גינומן : אז וויא דער פסוק זאגט (הן אל כביר לא ימאס) גאט יתברך פאר שעמט ניט דיא תפלה פון פיל ליט : נאך דעם אז ער האט שון אפ גיזאגט ישתבח אונ (ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד) זאל ער זיך זעצין מיט גרויש פארכט : גלייך וויא ער זיצט פאר איין שר בשר ודם ער זאל זיך ניט אן לענין אונ זאל ניט ליגין זיין האנד אויפין שטענדר נאר ער זאל זיצן מיט גרויש פארכט : זייני פיס זאל ער האלטין בנאנדר : זייני הענט אויף זיין בריסט : דעם קאפ אראפ גילאזט : דאש ער זאל ניט זעהן ווער עש זיצט אין דיני פיר איליין : אונ זאל גרויש כוונה האבין דאש דיא ווערטר פון זיין מויל זאלין ניט ארויש פליהן ח״ו אן כוונה : אונ איטליכן שם זאל ער שארף ארויש רידין אונ זאל אים ניט אוועק חאפין ווען ער וואלט גירעט פר איין שר בשר ודם וואלט ער זיך בודאי זייני רייד ניט אוועק גיחאפט : מכ״ש פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה : אונ זאל גידענקין דאש השי״ת איז (היה הוה ויהיה) : אונ איז איין הער איבר דר גאנצר וועלט : ווען ער זאגט (אל) אודר (אלהינו) אודר (אלהים) זאל ער גידענקין וואש ער האט דיא קראפט אונ מאכט איבר דער גאנצר וועלט אונ איבר אונז : אונ אויף אלי פיר זייטין : בפרט אין ק״ש זאל ער זאגין דיא היליגי שמות מיט גרויש כוונה : בשעת ער זאגט שמע ישראל זאל ער מיט זייני אויגין ארויף קוקין : דען (שמע) איז די ר״ת : (שאו מרום עיניכם) הייבט אויף קעגין הימל אייערי אויגין : אונ וויא באלד ער זאגט דעם היליגין שם זאל ער צו מאכין דיא אויגין אונ דאש פנים אראפ האלטין : כדי ער זאל כוונה האבין אויפין שם : אונ עש זאל אים ניט אריין קומין קיין אנדרי מחשבה ח״ו : ער זאל דיא היליגי שמות זאגין מיט גרויש פארכט אונ ציטרניש אונ אנגסט אונ דער שרעקניש אונ מיט שווייס אונ מיט גרויש כבוד :

בשעת ער זאגט (ה׳ אלהינו ה׳ אחד) זאל ער מכוין זיין דאש ער איז אצונד אונזר גאט אונ ער ווערט זיין (ה׳ אחד) איין גאט : אונ זאל מכוין זיין דיא א׳ פון אחד בטייט ... איז איין גאט : די ח׳ בטייט דאש ער איז איינר אויף דיא זיבין הימל אונ אויף דער ערד : די ד׳ בטייט דאש ער איז איינר אויף אלי פיר זייטין פון דער וועלט : מען טאר דיא (א) ניט לאנג מאריך זיין דיא (ח) אביסל לענגר דיא (ד) נאך לענגר דעם פסוק זאגט מען גאנץ הויך : כדי זיין כוונה זאל גאנץ זיין : (ברוך שם כבוד מלכותו) זאל מען ניט הויך זאגין : אונ זאל אביסל שטיל שווייגין צווישין (ועד) אונ (ואהבת) דער נאך זאל ער זאגין (ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך) : אונ זאל זיך גידענקין דאש ער וויל מקדש השם זיין אונ מען אים וואלט אוועק נעמין זיין לייב אונ געלט אונ גוטש וואלט ער ניט דער ווידר גיטאן גאט יתברך : אונ וואלט מקדש השם גיוועזין : גלייך אז וויא עש שטייט אן אפרומין יודין : דען ווען ער געמט זיך אזו איין זיין מחשבה אריין דאש ער וויל ליב האבין גאט מיט גאנצין הארצין אונ מיט גאנצין לייב אונ מיט גאר זיין גוטש אזו איז גלייך אז וויא ער וואלט אלי טאג מקדש השם גיוועזין : ער זאל זאגין ווארט ביא ווארט : אונ זאל קיין שום ווארט ניט אוועק חאפין : ווען איין ווארט לאזט זיך אויש אז וויא דאש אנדרי הייבט זיך אן דהיינו (בכל לבבך) אודר (עשב בשדך) אויך ווען איין ווארט לאזט זיך אויש מיט איין (מ) אונ דאש אנדרי הייבט זיך אן מיט איין (א) זאל ער אביסל מפסיק זיין צווישין דיא ווערטיר אזו אויך צווישין (נשבע) אונ דעם שם : מען מוז זיצין בשעת ק״ש אונ אירי ברכות וואש פריר איז דער נאך ביז (תהלות לאל עליון) : דער נאך זאל ער אויף שטיין אונ זאל זיך צו גרייטין גלייך אז וויא ער וואלט אריין גינאנגין פאר איין שר בשר ודם אונ זאל זיך שטעלין זיין פנים קיין מזרח : זייני פיס בנאנדר גלייך אז וויא דיא מלאכים שטייאן : ער זאל זיך ניט אן לענין אויף קיין וואנט : אונ ניט אויף קיין שטענדר : זייני ביידי הענט זאל ער האלטין אויף זיין הארצין · זיין רעכטי האנט אויף זיין לינקר האנט : זיין קאפ זאל זיין גיבויגט ניט אויף גירעכט : זייני אויגין זאל ער

אַראָפּ האַלטן דאָס ער זאָל קיינם ניט זעהן אפילו אויף דער וואַנט: זיין האַרץ זאָל ער האַלטן איבר זיך זיין כוונה זאָל ער האָבן צו גאָט אַליין ניט ח״ו צו קיין מלאך. אויך ניט ח״ו אפילו צו דער שכינה: און ער זאָל מכוון זיין בשעת ער זאָגט דעם שם המיוחד: אַז ווי אובן איז געשטאַנען: ער זאָל שטיין מיט גרויס פאָרכט און אַנגשט און ציטרניש און מיט איין שרעקליך האַרץ: גלייך ווי ער שטייט פאַר איין שר בשר ודם און בעט ביי אים פאַר זיין לעבן: עס טאָר קיינר ניט אויס שפייאן אין מיטן שמונה עשרה: און אויב עס קומט אים אַריין שפייאַכץ אין זיין מויל זאָל ער עס אַראָפּ שלינגן: און ווער עס מיאוסט זיך זאָל ער שפייאַן אין איין טיך: האָט ער קיין טיך ניט זאָל ער זיך אום קערן צו דער לינקר זייט און זאָל הונטר זיך אויס שפייאַן: עס טאָר קיינר ניט היסטן און דיא נאָז שנייצן אין מוטן שמונה עשרה: אין שמונה עשרה און ק״ש זאָל ער זיך אבּיסל שאָקלן דאָס ער זאָל לויבן גאָט מיט זיין גאַנצן לייב: אַז דער פסוק זאָגט (כל עצמותי תאמרנה ה׳) דאָס איז טייטש אַלי מייני ביינר טוען זאָגן דיין לויב גאָט יתברך:

דא וועל איך אייך שרייבן וויפל מאָל מען בדאַרף זיך בוקן און וויא מען בדאַרף זיך בוקן: האָטשי עס וועט נאָך אַמאָל בשיידט ווערין אין הלכות תפלה איטליכר איז מחוייב זיך צו בוקן פינף מאָל אין ש״ע ניט מער ניט ווייניגר: אַז ער הייבט אָן (ברוך אתה) זאָל ער זיך בוקן און צום שם זאָל ער זיך ווידר אויף רעכטן: דאָס אַנדרי מאָל אין סוף פון דער ברכה: צו (ברוך אתה) זאָל ער זיך בוקן: צו (מגן אברהם) זאָל ער זיך אויף רעכטן דאָס דריטי מאָל צו מודים מוז ער זיך בוקן צו (אתה ה׳ הוא אלהינו) און צום שם זאָל ער זיך ווידר אויף רעכטן דאָס פערדי מאָל אויך אַזו: צו (ברוך אתה יי הטוב שמך ולך נאה להודות): דאָס פינפטי מאָל סוף ש״ע זאָל ער זיך בוקן און זאָל גיין דרייא טרעט הונטר זיך אַזו גיבוקט מיט דעם לינקן פיס פריר: דער נאָך זאָל ער זיך אום קערן צו דער לינקר זייט און זאָל זאָגן (עושה שלום במרומיו) דער נאָך אויף דער רעכטר זייט און זאָל זאָגן (הוא יעשה שלום עלינו) דער נאָך זאָל ער זיך בוקן פאַר זיך און זאָל זאָגן (על כל ישראל ואמרו אמן): דאָס אַלש איז גירעכינט פאַר איין בוקן: ווייל ער מוז אַזו הונטר זיך גיין איין גיבוגין און ער טאָר זיך ניט אויף רעכטן ביז ער האָט גיזאָגט אמן: דער נאָך זאָל ער זאָגן (יהי רצון) וויא לאַנג ער וויל: און זאָל אַזו בלייבן שטיין ביז דער חזן הייבט אָן שמונה עשרה: אודר ביז קדושה: דער נאָך זאָל ער ווידר גיין אויף זיין אָרט און זאָל זיך ווידר בוקן: גלייך אַז ער קומט ווידר פאַר דעם מלך: און עס טאָר קיינר זיך ניט אַרום קוקן אין שמונה עשרה ביז ער קומט ווידר אויף זיין אָרט נאָך (עושה שלום) נאָר שפּן דאָס ער טאָר זיך ניט אַרום קוקן אַז דער חזן זאָגט שמונה עשרה און אַז ער גייט אויס (עושה שלום) זאָל ער בלייבן שטיין אויף זיין אָרט איין ווייל גלייך אַז ער איינר וואָס וואַרט אויף איין ענטפר:

איטליכר זאָל גיוואָרינט זיין צו זאָגן אמן אויף איטליכר ברכה: און זאָל גיט צו הערין דיא ברכה וואָס דער חזן לאָזט אויס דען אויב ניט איז זיין אמן וואָס ער זאָגט אויף דער ברכה איין (אמן יתומה): און דיא קדושה זאָל ער זאָגן מיט גרויס פאָרכט: און זאָל זיך אַזו גידענקין איך זאָג קדושה אַז וויא דיא מלאכים אין הימל: צו (מודים) זאָל ער זיך בוקן: אָבר ווען דער חזן זאָגט (מודים) זאָל ער זיך ניט שטאַרק בוקן: נאָר ביז עס זאָל ווערין איין שפּאַלט ביי דעם האַרץ גרובל: און ווער עס בוקט זיך שטאַרק איז דאָס איין גאוה: אויך זאָל ער זיך ניט צו שטאַרק בוקן ביז זיין פנים זאָל אויס קומן פאַר זיין ערוה: און ווייל ער איז אַזו איין גיבוגין זאָל ער זאָגן (מודים דרבנן): איטליכן זאָל זיך דאַכטן ער איז פון דיא צעהן וואָס דאַרפין צו הערין דעם חזן: דען ווען ניט עס איז פאַר האַנדין צעהן וואָס הערין צוא דעם חזן און זאָגין אמן: איז עס איין ברכה לבטלה ח״ו אָבר דיא לייט וואָס זינגן און זאָגין נאָך דעם חזן אַז ער זאָגט שמונה עשרה אודר ער לייאַנט אין דער תורה: וואָלט פאַר זייא בעסיר גיוועזן אין דער היים צו בלייבן דען מיר דאַרפין אַלי זיין אין איין קשר: און דאַרפין טאָן אונזרי תפלות בנאַנדר: כדי זייא זאָלין אַן גינומין ווערין: אָבר דיא וואָס שיידין זיך אָפּ פונים קהל אַזו איז עס אַגרושי עבירה: איך וועל אייך דאָ שרייבן דער פון: אַטייל דער פון שטייט שוין אויבן: דען דער וואָס טוט זיין תפלה בזונדר ווערט זיא ניט דער הערט: בפרט אַז ווען דאָס קהל דאַווינין מאַכט ער זיך איין בזונדר תפלה: דאָס איז גלייך אַז וויא ער בויאַט איין (במה): דאָס מיינט מען ווער עס ברענגט ניט זייני קרבנות קיין ירושלים: און האָט זיך גיבויאַט אַבזונדר מזבח. (במה) הייסט איין הויבט עבירה: יען אונזרי תפלות זענין אויף דעם אָרט פון דיא קרבנות: און ער גייט אין שיל אַריין און טוט זיין תפלה בזונדר: דרום זאָל איטלכר נזהר זיין דאָס ער זאָל דאַווינן מיטען קהל: און זאָל צו הערין דעם חזן אונזר מליץ: און זאָל זאָגין אמן אויף איטליכר ברכה: און זאָל אַזו שטיין אין פאָרכט גלייך וויא זיין מליץ וואָלט גירעט פאַרין שר: און ער האָט איין משפט וואָס רירט זאָן אין זיין גוף און געלט אַזו וואָלט ער זיך בודאי געשטאַנין זיין גרויש

פארכט : אונ וואלט ניט צו גיהערט דעם מליץ דאש ער זאל זיך ניט טועה זיין · אודר ער זאל אום ניט פר געפין זייני זכיות · אונ ווערט זיך בודאי גוויש ניט אנידר זעצין · אויך ווערט ער דאך בודאי זיין פנים ניט אום קערין פונם שר · אונ ווערט זיך ניט אן לענין אין איין וואנט אודר אויפן טיש · אויך ווערט ער זיך ניט שאקלין אויף איין שטענדר · אונ ווערט בודאי קיין אנדר ווארט ניט ריידין וואש גיהערט ניט צו דין משפט : אויך ווערט ער מיט קיין אנדרין ניט ריידין פארין שר : נוא ווען דאש איז אזו פאר איין שר בשר ודם מכ"ש פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה וואש ער לעבט אייביג : אונ זיין כבוד האט קיין כוף ניט (ברוך הוא וברוך שמו) : אונ אויך זעהט ער אלי הערצר : אונ פריבט אלי מחשבות : קער מען דאך בודאי שטייאן פאר אים אין ציטרניש : בפרט ווען אונזר מליץ דער חזן דאוינט וויא זאל דר מענטש טאן אזעלכי בייזי מעשים : דאש ער זאל אום קערין זיין אחור צום ארון קודש צו דער הייליגר ספר תורה : אודר דאש ער זאל זיך שאקלין אויף איין שטענדר : אודר ער זאל זיך אן לענין אין איין וואנט : אונ אלי דיא בייזי מעשים : דרום איר ליבה לייט נעמט אייך אין אייערי הערצר גלייך וויא איר שטייט פר אשר בשר ודם אין זיין חדר : אונ ער זעהט אלי אייערי מעשים אונ רייד : אונ מיט אלי זאכין זאל זיך אייך דכטין גלייך וויא איר שטייט פר אשר בשר ודם מכ"ש דאש איר ווייסט דאך דאש דיא הייליגי שכינה איז אין אונזר שיל : אונ השי"י זעהט אונ ווייסט אלש וואש איז אין דעם הארץ פונם מענטשין אונ אין זייני מחשבות : נוא זיא זאל אויף אים קיין מורא ניט פאלין : לאמיר זעהן דער מענטש איז דאך מחויב צו גידענקין אין דעם נאמין פון הקב"ה אפילו אין זיין חדר : דאש ער זאל ניט זאגין ווער זעהט מיך נייארט עש זאל זיך אים דאכטין דאש הקב"ה שטייט קעגין אים אונ זעהט אלי זייני מעשים : אז דער פסוק זאגט (מלא כל הארץ כבודו) עש איז דיא גאנצי וועלט פיל פון זיין כבוד : אויך זאגט דער פסוק (שויתי ה' לנגדי תמיד) איך האב גיטאן גאט יתברך קעגין מיר תמיד : אויך זאגט דער פסוק (בכל דרכיך דעהו) : אין אלי דייני זאכין זאלשטו גידענקין אין הקב"ה אונ עש זאל זיך דיר תמיד דאכטין דיא שטייסט קעגין הקב"ה : מכ"ש אז ער איז מחויב צו גידענקין אין גאט אין גאטש הויז אין דער הייליגר שיל : וואש דארטין איז דיא הייליגי שכינה אונ הייליגי תורה · קער ער דאך נאך מיין מורא האבין : אזו וויא דר מענטש וואש שטייט פר איין משפט פארין שר האט ער דאך מער מורא וויא אין זיין הויז : דער זעלביגר מנהג איז אין דער הייליגר שיל · בשעת מען זאגט קדושה זאל איטליכר מענטש זייני אויגין ארויף האלטין אז ער זאגט קדוש קדוש קדוש · אונ דער נאך צום שם זאל ער זייא אראפ האלטין · צו דער (ברכה ירושלים) זאל ער אביסל איין בייגין זיין קאפ אונ זאל אים גלאלד אויף ריכטין : נאך דעם אז ער האט אויש גיהערט אלי ברכות פונם חזן : מאג ער זאגין (אמן ואמן) אויף דער הונטרשטר ברכה (המברך את עמו בשלום) : דער נאך זאל ער צו דעקין זיין פנים מיט דער לינקר האנט אונ זאל זאגין (רחום וחנון) דאש הייסט תחינות דאש איז גירעט גיווארין בייא נאכט אז ער האט ניט קיין תפילין אויף זיין לינקי האנט אבר אין דר פרי זאל ער פאלין אויף זיין רעכטי האנט : אונ זאל אויך נייגין זיין קאפ צו זייער לינקר זייט : אונ ווען דער חזן הייבט אן (קדיש) זאל ער ווידר אויף שטיין אונ צו אשרי ובא לציון מאג ער זיצן אודר שטיין וויא ער וויל : אבר עש איז בעשיר צו זיצן : דען דער אורח חיים שרייבט מען מוז אגרושי כוונה האבין צו דער קדושה פון (ובא לציון) אונ זיצנדיג קען מען מער כוונה האבין : אז וויא דער דין איז בייא ק"ש : צו קדיש מוז ער ווידר אויף שטיין : קורץ פון דער זאך אלש וואש מען טאר ניט זאגין נאר במנין דארף מען עש זאגין שטייאינדיג · אונ דאש וואש איין יחיד אליין מאג עש אויך זאגין מעג ער עש זאגין זיצנדיג : נאר שמונה עשרה אונ לאנג (והוא רחום) חאטשי מען מעג עש זאגין ביחידות דארף מען פארט שטייאן דער בייא · דען מידהאט אזו מתקן גיוועזן :

ווער עש איז איין אונס דאש ער קען ניט שטיין אודר ער פארט אויף איין וואגין מאג ער אפילו בייא שמונה עשרה אויך זיצן אבר ער זאל ניט זיצן אן גילענט : נייארט אזו וויא דער דין איז בייא ק"ש : אונ ווען דער חזן לייאנט אויש דער ספר תורה דארף מען אויך צו שטיין אונ ער טאר זיין פנים ניט אוועק נעמין פון דער ספר תורה : אונ זאל צו הערין דעם חזן וואש לייאנט : אונ טאר אים ניט העלפין · צווישן דעם אויף רופן פון איינם צום אנדרין מאג מען זיצן : בשעת דער חזן זאגט קדיש דעקט מען צו דיא ספר תורה : אזו מוז מען זיך אום קערין פון דער ספר תורה מיט דעם פנים קיין מזרח ווייל דיא ספר תורה איז צו גידעקט : נאך קדיש זאל מען זיך ווידר אום קערין צו דער ספר תורה : ווען מען זאגט הלל דארף מען אויך שטיין (ברוך הוא אלהינו שבראנו לכבודו) זאל ער זאגין מיט אפרייליך הארץ : גלייך אז וויא איינר וואש גייט אויש אויף אים זיין משפט צו פר ברענגין אונ עש זאל קומין איין שר אונ זאל אים מציל זיין נאך געבין גרוישי שררה : וואלט ער דאך גיוועז אין גרויש שמחה : אזו אויך זאל זיך פריילך זיין דאש השי"י בשעת ער האט אונז פון מצרים ארויש גיפירט אין דיא תורה על הר סיני גיגעבין האט ער אונז אפ גישיידט פון דיא עובדי גלולים · אונ האט אונז גיגעבין איין גוט גלייבין : דער מיט ווערין מיר בהיט פון דעם פייאר פונים גיהנם : אונ: גיט אונז

דיא

דיא גרויש שררה דעם גן עדן : דרום זאל איטליכר זעהן ניט צו פר אנדיגן די שררה מיט זייני בייזי מעשים · אודר בייזי רייד וויא אויבן שטייט :

צו מנחה צייט זאל איטליכר גיווארינט זיין צו גיין גישווינד אין שול אריין · אונ זאל אוועקווארפין זייני הענדיל · אויך זאל ער גיווארינט זיין ניט צו גיין אויף אסעודה צו מנחה צייט : אויך זאל ער ניט אן הייבין קיין שום מלאכה האטשי ער וייסט ער וועט זיא קאנטשין פאר מנחה: אונ ער זאל זעהין צו דאווינן מנחה בקהל אונ ער זאל זייער גיווארינט זיין ניט עובר מנחה צו זיין : דען דיא תפלה פון מנחה איז אן גינומין בייא הקב"ה מער פון אלי תפלות · דען עש איז בייא טאג אונ ער ווארפט אוועק אלי זייני הענדיל אונ גייט לויבין גאט : דאש איז בייא גאט זייער ליב : פאר מנחה מוז מען אויך ריינגין זיין גוף אונ נשמה : אונ מיט שטיין אונ זיצן איז דער דין וויא צו שחרית:מעריב צו (ברוך ה' לעולם אמן ואמן) אונ צו עלינו מוז ער אויף שטיין : צו מארגנש פריא איז דער דין וויא אויבן שטייט בשעת ער וויל ארויש גיין פון דער שול זאל ער זיך אביסל אנידר זעצין אונ זאל ניט גיין איילינדיג אונ זאל זיך פרייאין אין זיין הארץ דאש הש"י האט אים מזכה גיוועז תפלה צו טאן פר אים איך טיא מיין תפלה צו דעם לעבדיגן גאט ית"ש · וואש ער דער הערט דיא תפלות פון אלי מיידר וואש ריפן אים אן מיט גאנצין הערצין : אבר ער זאל זיך ניט גידענקין עש איז ראוי הש"י זאל אן נעמין מיין תפלה וויל זיא איז מיט גרויש כוונה : דען ער גידענקט ניט אין זייני עבירות אונ בייזי דייר : אונ דאש ער האט מטמא גיוועז זיין גוטי כלי אונ דיא עבירה וואש ער האט גיטאן מיט זייני בייזי מחשבות אונ דאט נאך דרויף קיין תשובה ניט גיטאן אונ וויל האבין דאש זיין תפלה זאל דער הערט ווערין : אונ דער וואש גידענקט זיך יוא אזו דער טיט גרושי זינד אונ כאכט דאש זייני זינד ווערין גידאכט אונ ער חערט גימשפט ה"ו צום גיהנם : נאר ער זאל זיך אזו גידענקין מיין ליבר גאט דיא טושט דאך גינאד אונ בארים הארציקייט מיט מיר זינדיגר מענטש : איך האב פיל זינד גיטאן מיט אלי מייני גלידר : אונ האב דיר דער ווידר גיטאן אונ דאך שטעל איך מיך פאר ד"י אונ טיא תפלה גלייך וויא איך האלט ניט גיזינדיגט · נאר איך האף צו דיין דער בארימקייט אונ הערליכקייט אונ דיין גטליך גינאד דאש דו וועשט פר דיר נעמין מיין תשובה אונ וועכט מיר מוחל זיין אלי מייני זינד כדי מיין תפלה זאל דער הערט ווערין דאש זאל זיך איטליכר מענטש גידענקין פארין דאווינן אונ נאך דעם דאווינן :

אויך זאל זיך דער מענטש בטראכטין חען איך וואלט גירעט פר איין שר בשר ודם אונ מיין הארץ זאל ניט זיין דער בייא אודר איך זאל מחשבה האבין אויף עפיש אנדרש : וואלט עש אים בוראי פר דראסין : אזו אויך וויא קאן איינר תפלה טאן פאר הקב"ה אונ דאש הארץ זאל ניט וויסן דאש ער רעט · אויף דעם האט ישעיה הנביא גישטראפט דיא ישראל אונ גיזאגט גאט יתברך האט גיזאגט דאש פאלק ישראל גינעהנן תפלה צו טאן מיט זייער מויל אונ לויבין מיך מיט זייערי לעפצין אונ דאש הארץ איז וייט דער פון · זייא טואן נאר זייער גיוואנהייט דאש מויל רעט אונ דאש הארץ ווייכט ניט דער פון נון ליבי לייט וויא זאל זיין תפלה דער הערט ווערין אז זיין מחשבה איז אויף עפיס אנדרש · ווען הקב"ה וועט אים ענטפרין אהש וואש דוא בגערשט וועל איך דיר געבין וואש וועט ער קענין ענטפרין דער ער ווייסט דאך זעלבסט ניט וואש זיין בגער איז · דרום זאל איטליכר מענטש זיין תפלה פר שטיין אונ זאל וויסן וואש ער רעט אונ בגערט פון הקב"ה : אונ ווער עש פר שטייט ניט קיין לשון קודש : זאל ער זיין תפלה טאן מיט וואש פאר איין לשון ער פאר שטייט · אונ דער וואש דאווינט בכוונה אפילו אביסל איז עש פיל בעסיר פון דעם וואש איז מאריך אין דאווינן אן כוונה :

אצונד וועל איך אייך שרייבין פון דיא לייטן וואש זאגין פיל תחינות אודר מעמדות אודר יוצרות אודר מערבית אודר מחזיד אודר כליהות אונ פאר שטייאן עש ניט : איז פיל בעסיר אז זייא זאלין גאר ניט זאגין : האטשי זיין כוונה איז דאך דער מיט נאט צו דינן : אבר ער וייסט דאך ניט וויא אודר וואש ער דינט : עש איז פיל דער פון צו שרייבין : דאש איז דאך ידוע אז דיא תפלה וואש מיר זיצין מחויב צו דאווינן אלי טאג איז בעסיר פון אלי תפלות פון דער וועלט : דאש מיינט מען קריאת שמע אונ שמונה עשרה : דאש האבין מתקן גיוועזן דיא אנשי כנסת הגדולה אונ דיא סנהדרין : אונ צווישן זייא איז גיוועזן הונדרט מיט צוואנציג נביאים : אונ (חגי זכריה ומלאכי) אונ אנדרי פרומי לייט וואש האבין גיקענט (כל התורה כולה) : זייא האבין אונזרי תפלות מתקן גיוועזן מיט גרויש כוונה : אונ גרושי סודות וואש איז ניט צו דער גרינטווין דאש וייסט איטליכר וועדליג זיין שכל אונ וואש ער האט בקבלה : אונ אצונד איז גאר ווינציג לייט פאר האנדין וואש זאלין וויסן דיא חכמה דער פון : פון דעסט וועגין זאגין זייא דאך יוצא דער מיט : דען וואלטין דיא אנשי כנסת הגדולה גיוואלט האבין מיזאל עש וויסן : אזו וואלטין זייא עש ניט גישריבין בסוד אונ פאר דעקט : דרום אפילו דער גימיינר מאן וואש וייסט ניט דיא סודות איז ער דאך יוצא : אבר דיא טייטש

פון

פון דיא ווערטער מוז איטליכר וואול פאר שטיין אונ דרויף כוונה האבין אוך שטייט (טוב מעט בכוונה מהרבה שלא בכוונה) עש איז בעסיר וויניג תפלה מיט כוונה איידר פיל אן כוונה: נוא אז ער ווייסט ניט דיא טייטש פון די ווערטיר וויא אזו קען ער מכוון זיין: אונ דאש איז דאך אוך ידוע אז אונזרי תפלות זיינן גימאכט גיווארין אויף דעם אורט פון דיא קרבנות: נוא ווען איינר זאל ברענגין איין קרבן אונ זאל ניט מכוון זיין אויף וואש עש איז מכפר אונ צו וואש ער ניצט: אזו איז ער דאך חייב מיתה: דען עש הייסט חולין בעזרה: אויך איז דער דין גיוועזן ביא דעם קרבן איין עושר האט גיבראכט איין אוקס: דער מיטלער מענטש האט גיבראכט איין שאף · איין ארומאן האט גיבראכט איין טויב אונ דער וואש איז גאנץ ארום האט גיבראכט אביסל זעמיל מעל צו איין קרבן: שטייט דרויף אין דער תורה (ריח ניחוח לה׳) דיא מנחה דער קרבן פונם ארומאן איז אן גינומן ביא הקב״ה גליך אז וויא דאש קרבן פונם עושר ארבה עש איז נאך מער אן גינומן: דען עש שטייט דער ביא (ונפש כי תקריב) מיט דעם ביסל מעל וואש ער ברענגט איז ביא הקב״ה אן גינומן גליך וויא ער וואלט מקריב גיוועזן זיין נפש אוב זיין הארץ איז נאר גוט דער צו:

דיא גמרא זאגט (אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים) עש איז גליך ביא הקב״ה דער וואש ברענגט פיל קרבנות אונ דער וואש ברענגט וויניג קרבנות: נאר ער דארף מכוון זיין זיין הארץ צו הקב״ה נון ווען יוא אונזרי תפלות זענין אויף דעם אורט פונם קרבן: דרום איז פיל בעסיר דער וואש דאוונט אביסל מיט כוונה אונ ווייסט דיא טייטש פון דיא ווערטער פון דעם וואש דאוונט פיל אן כוונה אונ פאר שטייט ניט דיא טייטש פון די ווערטער דרום דער וואש וויל יוא פיל תפלות זאגין זאל ער זאגין מיט דעם לשון וואש ער פאר שטייט: דען ווען איינר זאל אפילו זאגין אגאנצין טאג דורך אנאנדר אוב ער ווייסט ניט וואש זיין בגער איז צו וואש ניצט זיין זאגין: ארבה ער איז נאך מחרף ומגדף מיט עטליבי ווערטיר וואש ער זאגט ניט רעכט: דאש איז דאך אגרושי עבירה: דען דיא תפלות זענין נאר גימאכט גיווארין פאר דיא לייט וואש פאר שטייאן דיא: דרום זאל זיך איטליכר היטין ניט צו זאגין דיא תפלות וואש ער פאר שטייט זיא ניט: אונ איטליכר איז מחויב צו לערנען דיא טייטש פון דעם דאוונין פון אלי טאג אונ אויב ניט זאל ער עש זאגין מיט דעם לשון וואש ער פאר שטייט: פאר צייטין פלעגט ניט שכיח זיין קיין מחזורים אודר סליחות אין שול: נאר איין מחזור פון דעם חזן ווען אזו פלעגט קיינר ניט זאגין נאר דער חזן אליין: דען ער האט גימוזט וואל פאר שטיין דיא טייטש דער פון: דען מען פלעגט נעמין חזנים פון (ראשי ישיבות): אונ מיהאט ניט גיקוקט אויף זיין קול · אז וויא מיר טואן בעוה״ר דאש ווען ער האט נאר איין קול איז שוין גינוג · אבר פאר צייטין פלעגט מען נעמין חזנים צדיקים אונ חסידים: אז וויא דער דין איז: אונ אויך אנדרי לייט וואש האבין פאר שטאנין דיא טייטש פון דיא ווערטיר האבין נאך גיזאגט מיטין חזן: אבר ווייטר האבין קיינר ניט גיזאגט נאר דיא תפלה פון אלי טאג: אויך דיא יוצרות אונ דיא מערבות פלעגט נאר דער חזן אליין זאגין אונ ווייטר קיינר ניט: אבר אצונד האבין איטליכר איין מחזור אונ איין סליחה: דאש מאכט וויל דיא דרוק איז אויף גיקומן: אונ איטליכר שרייאט נאך העכיר פונם חזן גליך וויא ער פאר שטייט עש וואל: אויף זיא זאגט דער פסוק (נתנו עלי בקולה על כן שנאתיה) איר האט אגרויש גישרייא גישריגין אין אייער בית המקדש דאש האב איך פיינט זאגט גאט אויך זאגט דער פסוק (למה לי רוב זבחיכם כו׳) (מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי כו׳ לא תוסיפו הביא מנחת שוא קטורת תועבה) דאש איז טייטש צו וואש ניצין מיר אייערי קרבנות ווער בגערט דאש פון אייך איר זאלט טרעטין אין מיין הויף זאגט גאט איר זאלט ניט מערין ברענגין פאלשי מנחות: אונ אום ווערדיגי קטורת: אויך זאגט ווייטר דער פסוק: (גם כי תרבו תפלה אינני שומע ידיכם דמים מלאו): אפילו איר וועט מערין תפלה וועל איך ניט הערין וויל אייערי הענט זענין פיל מיט בלוט אודר (דמינו) אייערי הענט זענין פיל מיט געלט דאש בשעת איר דאוונט איז אייער מחשבה אויפין געלט: נוא אזו וואול אז איינר ברענגט איין קרבן אודר קטורת אונ זיין כוונה זיין אויף עפיש אנדרש איז עש דאך אום ווערדיג: אזו אויך ביא תפלה: דרום זאגט דער נאך דער פסוק (רחצו הזכו הסירו רוע מעלליכם מנגד עיני חדלו הרע למדו היטב: אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו אם יאדימו כתולע כצמר יהיו) דאש איז טייטש וואשט אונ לייטרט אייך אונ טוט אב

אייער

אייערי ביזי ווערק פון קעגין מייני אויגין : פאר מיר דאש ביז אזו ווען אייער זינר זעגין אזו רויט וויא ארויטר פארים וועלין זייא ווייס ווערין אזו וויא שנייא אונ אויב זייא זעגין אזו רויט וויא איין ווערמיל זייד וועלין זייא אזו וויא ווייסי וואל דרום לערנט איך צו פר שטיין אייערי תפלות אזו וועלין זייא אן גנומן ווערין אויב איר וועט נאר טון וויא דער נביא זאגט : פון דעם קען מען אפ לערנין אז עש איז ניט גיט דער וואש דאוונט אונ ווייסט ניט דיא טייטש דער פון אודר זיין כוונה איז אויף עפיש אנדרש : דאש קומט אלש פון וועגין גרויש גאוה : דרום גיט ער זיך אנראבין מחזור אונ סליחה אונ אגרוסין סידור אונ שרייאט מוטין חזן אודר נאך העביר גליך וויא ער וואלט גוויסט דרינן : דאש איז גליך וויא איין פויגל שרייאט אונ ווייסט ניט וואש ער שרייאט : אודר אז וויא איין הונט וואש בולט אונ ווייסט ניט וואש ער בולט : דאש קומט אלש פון גאוה : דאש אגאנין יאר נעמט ער ניט קיין סליחה אונ קיין מחזור אין דרינן צו לערנין אונ אז עש קומט יו״ט אודר אין שבת דא שרייאט ער דרינן גליך וויא ער האט עש אגאנין יאר גילערנט :

נון איר ליבי לייט וויא זאל עש הקב״ה וואל גיפעלין דאש איז איינש פון דיא זאכין וואש משיח צדקנו קומט ניט אונ אונזרי גרושי לייט שטוסין זיך נאר דרויף ניט דאש זייא זאלין וויסן דעם זעלבינן מענטשין צו שטראפין דרום זאל זיך איטליכר אליין שטראפין אונ זאל זאגין אזעלכי תפלות וואש ער פאר שטייט ניט אונ דאש דאווינן פון אלי טאג זאל ער לערנין דיא טייטש דר פון אונ אויב ניט זאל ער מתפלל זיין מיט דעם לשון וואש ער פר שטייט אוף שטייט גישריבין (תפלה בלא כוונה בגוף בלא נשמה) ווען איין גוף איז אן איין נשמה וואלט דאך בעסיר גיוועזן פאר אים ער זאל ניט גיבארין ווערין : אזו אויך ז״ר וואש דאווינט אן כוונה איז בעסר ער זאל גאר ניט דאווינן : זעהט איר ליבי לייט וויא דיא וועלט זעגין נאר בלינד אין דער זאך אונ אז מען פרעגט איינם ווייסטו וואש דוא האשט גידאווינט שפעט ער דרוים אונ זאגט צום מענטשין וואש פרעגט אים דוא ווייסט דען אלש : אונ לאכט דרוים גליך וויא ער דארף ניט וויסן דאש זעניז דיא רעכטי נארין וואש מען טאר זייא ניט שטראפין : אז וויא עש וועט בעסיר בשיידט ווערין : אונ דאש איז דער עיקר אפילו דער מענטש ווייסט וואול אונ האט כוונה דרויף אונ טוט תשובה פארין דאווינן אונ אלש וואש אויבןשטייט: דאך זאל ער זיך טראכטין אונ פארבטין טאמיר האב איך נאך ניט יוצא גיוועזן וויא איך בין שולדיג : אויך טאמיד האב איך פאר געסין מתודה זיין אויף עטליכי זינד : אודר טאמיר האב איך אזו פיל גאט דער צעריינט דאש ער וויל מיר ניט מוחל זיין : אונ ער זאל שטיין מיט גרויש פארכט אונ מיט איין צו בראכין הארץ אונ מיט ענוה מיט אנגשט אונ פארכט אונ ציטרניש פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה אונ זאל אזו גדענקין אין זיין הארצין הקב״ה איז דער בארומיג איבר זיין פאלק ישראל אונ גלוכט צו זייערי תפלות מער אז פון אלי פעלקיר פון דער וועלט דרום מיין ליבר הער גאט מיין גאט פאר נעם מיין גיבעט : אונ דער הער מיין תפלה פון וועגין דעם זכות פון מייני עלטרין אברהם יצחק ויעקב אבר ניט פון מיין זכות וואש דען איך בין איין זינדיגר : אונ איך בין ניט [illegible] איך זאל שטיין פר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה · נאר פון וועגין זיין גרויש דער בארימקייט איבר זיין פאלק ישראל : אבר ער זאל זיך ניט גידענקין ווען איך האב שון תשובה גיטאן אונ חרטה גיהאט אויף מייני עבירות אזו איז ראוי מיין תפלה זאל דער הערט ווערין · דען דער וואש גידענקט אזו מאכט ער דאש מען גידענקט זייני עבירות אונ מען זאגט דער הדיוט וויל האבין דאש זיין תפלה זאל זיין אן גינומן פון זיין תשובה וועגין : אונ ער האט דאך גיטאן די אונ די עבירה · אונ באמת האט ער נאך ניט חרטה גיהאט דרויף · אונ ער ווערט פר שטוסין אונ זיין תפלה ווערט פר שעהמט :

דאש זאל זיך איטלכר מענטש בטראכטין ווען איך זאל אפילו זיצן טאג אונ נאכט אונ זאל דער ציילין דיא גינאד וואש הש״י האט גיטאן מיט מיר זינדיגר מענטש אונ בפרט מיט מייני עלטרין אונ טיט נאך אצונד אויך גינאד: וואלט איך דאך ניט גיקענט אויש דער ציילין אפילו קיין טויזנט חלק פון זיין לויב אונ אכפרקייט אונ פון זיין גרושי ניסים וואש ער האט גיטאן מיט זיין פאלק ישראל : אונ טוט נאך היינט אלי רגע : דרום זאל זיך קיין שום מענטש ניט גרויש האלטין מיט זיין תורה לערנין אודר מיט זיין צדקה אודר מיט זייני גוטי מעשים : דען דער מענטש איז נאר דרויף בשאפין גיווארין מכ״ש דאש איין מענטש טאר זיך ניט

ניט באריםן מיט זיינע גוטע מעשים : אזו וויא עש שטייט אין פרקים (אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך כי לכך נוצרת) דוא זאלסט זיך ניט איבר נעמן מיט דיין תורה לערנן דען דוא ביזט דרויף בשאפן געווארן : נון איך זאל וועלן ארויש שרייבן אלי מצות פון דער תורה איז אום מגלה צו דער שרייבן דען עש זענן זעקס הונדרט מיט דרייצעהן מצות : אונ איטליכר מענטש זאל ארויש זוכן אז עש זאל אים צו קומן אין מצוה · גלייך וויא ער הוט ארויש געפיש אויף איין זאך : אונ ווער עש בטראכט זיך ניט דאש ער איז אויף זיך מקבל אלי מצות דער טוט ניט רעכט :

אויך דער יהודי וואש אכט ניט אין אטייל מצות אונ טוט זיא ניט אודר אין אטייל עבירות אונ טוט זיא יוא :

אפילו עש איז דיא גרינגשטי זאך פון דער תורה איז ער אין כלל פון (ארור אשר לא יקום את דברי התורה הזאת) דיא מצות פון דער תורה זענן זעקס הונדרט מיט דרייצעהן : דרינן איז דרייא הונדרט אונ פופצן אונ זעכציג לאוין וואש מען טאר ניט טאן הענגן דיא טעג פונם יאר : אונ איטליכר טאג זאגט צום מענטשין איך בעט דיך טוא אין מיר קיין עבירה ניט · אונ ווייטר זענן דרינן צוויא הונדרט מיט אכט אונ פערציג מצות עשה וואש מען איז מחויב צו טאן קענגן דיא איברים פונם מענטשין : אזו זאגט איטליכר אבר צום מענטשין איך בעט דיך טוא מיט מיר איין מצוה : אזו איז בך הכל זעקס הונדרט מיט דרייצעהן :

אטייל מצות זענן נאר נוהג אין ארץ ישראל דהיינו תרומה אונ מעשר אונ דיא מצות וואש זענן נוהג אין בית המקדש : דהיינו (קרבנות) אונ (בגדי כהונה) : אטייל קומן ניט צו איטליכן מענטשין דהיינו חליצה אודר גיטין : אטייל מצות זענן גאר ניט נוהג אין דיא דורות דהיינו (שמיטה) אונ (יובל) אונ (עבד עברי) : נאך זענן פר האנדרן עטליכי מצות וואש זענן ניט נוהג ביא איטליכן מאנזבול אונ אשה עש איז פיל דער פון צו שרייבן : נאר איך וועל שרייבן די מצות וואש זענן אצונר נוהג אין אונזר היינר אונ קהילות אין אונזרי דורות : אונ וועל פאר מיר נעמן דעם ספר המוסר אונ וועל דיא זאכין ברענגן אין צוואנציג פרקים : אטייל וועל איך ברענגן פון ספרים : אונ דאש וואש גיצוג איז וועל איך צום ערשטין שרייבן דען דער סדר איז פון דער וועלט דאש זיא ליינן נאר פארן אין איין ספר איזהומין לאוזויא בלייבן דרום וועל איך אן הייבן שרייבן הלכות תפלה אונ הלכות תשובה אונ הלכות צדקה : וויא עש שטייט (תשובה תפלה וצדקה מעבירין אתדוע הגזירה) : דער נאך וועל איך שרייבן אטייל פון הלכות שבת אונ פון הלכות יום טוב אונ פון הלכות הול המועד דער נאך הלכות דרך ארץ : חאטשי דאש שטייט צום הונדרטשטין אין ספר המוסר : דען אין זיינע צייטין איז מער דרך ארץ גיוועזן וויא אין אונזרי צייטין דרום איז גוט עש זאל שטיין פון פארנט : דען דאש איז נוהג ביא איטליכן מענטשין וואש וויל אן נעמן שטראף : אזו וויא אצונר איז דער מנהג : אונ דרום וועל איך ניט פארלענגן זיין דרינן : דען דער וואש קערט זיך ניט צו שטראף וועט אים קיין פיל שטראף אויך ניט העלפן · אונ דער וואש קערט זיך יוא דעם איז גינוג ווייניג שטראף : אונ אים איז לייכט צו שטראפן : אונ אין אים איז איטל סימן ברכה : אונ ער האט איין חלק עולם הבא :

# הלכות תפלה

(את ה' אלהיך תירא ואותו תעבוד ובו תדבק ובשמו תשבע) פאר גאט זאלשטו דיך פארכטן אונ זאלסט אים דינן : אונ אין אים זאלסטו דיך בהעפטן ווען דוא האשט אין דיר דיא אלי מדות אזו מענטשו שווערן ביא זיין נאמן : דיא גמרא דרשת אזו (את ה' אלהיך תירא) אין דאך דאש ווארט (את) איבריג : דאש קומט מרבה צו זיין דוא ביסט דיך אויך מחויב צו פארכטן פאר איין תלמיד חכם : (ואותו תעבוד) דאש מיינט מען צו אים זאלשטו דיין תפלה טאן (ובו תדבק) אין אים זאלשטו דיך בהעפטן : דיא גמרא פרעגט וויא איז דאש מגליך זיך צו בהעפטן אין גאט : ער איז דאך איטל פייאר וואש פר פרעגט אנדר פייאר נאר דאש מיינט מען דוא זאלשט דיך בהעפטן צו תלמידי חכמים אונ זאלסט זיך אפ לערנן זייערי גוטי וועגן אזו איז גליך וויא די וואלשט דיך בהעפט אין הקב"ה דאש זענן דיא גוטי וועגן וואש דוא זאלשט דיך פירן אין זיא : דאש דוא זאלסט זיין איין רחמן אונ איין גומל חסד אונ צו שפייזן דיא נאנצי וועלט אום זונסט אונ זאלשט בגערן תשובה אונ זאלסט מוחל זיין דעם וואש האט דיר דר ווידר גיטאן : אונ זאלסט מאבין דיא לייט תשובה טאן : אונ זאלשט בגינבין סיא דעם גוטן

מענטשין

מענטשן פיא דעם שלעכטן מענטשן : אונ דיא איברגי
גוטי ווענין מיט אלים זאלשטו זיך אפ לערנין פון הקב"ה אונ
אזו וויא ער בגערט מיזאל פר אים תפלה טאן מיט גאנצין
הארצין אונ בגערט דיא תפלה פון דיא צדיקים : אזו אויך
זאלשטו פאר אים תפלה טאן מיט דיין גאנצין הארצין אונ
לייב : אונ זאלשט זיין איין צדיק : כדי ער זאל
גלוסטין צו דיין תפלה : וויא דער מענטש דארף זיך
נוהג זיין פאר דאווינין שטייט שון אויבין אין הלכות בית
הכנסת : דער כלל איז מיט אלים זאל זיך אים דאכטין
גלייך וויא ער גייט אודר ער שטייט פאר איין שר בשר ודם
אונ איידר ער גייט אין שיל אריין זאל ער זיך צו רעכטין מיט
אלי זאכין גלייך וויא ער וואלט גיגאנגין פאר איין שר בשר
ודם : דאש זייני קליידר זאלין זיין ריין ניט איין גריבט : ניט
בפעדריג : אויך זיין בארד אונ דיא האר פון זיין קאפ זאלין
ניט זיין מיט פעדרין: אבר הקב"ה לעבט דאך אייביג נוא
דארף מען זיך אים פיל טויזנט מאל מיין כבוד אן טאן :
דאך האבין דיא חכמים קיין חילוק ניט גימאכט : אונ זאגין
הלואי וואלט דער גימיינר מאן חאטשי אזו זיך גיהיט לטין פר
גאט : דרום זאל איטליכר זייער גיוואונט זיין דאש זייני
קליידר זאלין ריין זיין אונ אויך זיין נשמה :

אונ אזו וויא איינר וויל גיין פאר איין שר בשר ודם צום
משפט אונ ער ווייסט דאש דער שר איז ברוגז אויף אים
אונ האט אים פאר ווערט אריין צו קומן פאר אים : אזו מוז
ער אים דאך פריר איבר בעטין : אזו אויך ווען איינר וויל זיך
שטעלין פאר גאט אונ ער ווייסט דאך דאש גאט האט איין
שנאה אויף אים פון וועגין זייני זינד : דרום מוז ער פריר
תשובה טאן : אונ זאל ניט זאגין דאש ח"ו השי"ת ווייסט מיך
ניט : דען דער וואש האט בשאפין דיא אויגין אונ דיא אורין
איז דען מיגליך דאש ער זאל ניט זעהן אונ הערין אלי זאכין
פונם מענטשין : אויך זאלסטו ח"ו ניט מיינין דאש ער האט
פאר געסין אודר דיא דארפסט דער פר קיין עונש ניט ליידין
דאש איז נאך פיל ערגר : דרום איז איטליכר מחויב אכטונג
צו געבין אויף זייני קליידר אונ שיך דאש עש זאל אויף זייא
ניט זיין קיין אומריינקייט : אונ אויך אז וויא איינר גייט צום
משפט פאר איין שר בשר ודם אין זיין חדר : גייט ער דאך
מיט מורא אונ ציטרניש אן גילעכטר אונ פאר געסט זייני
נארישקייט : נאר ער טראכט זייני טענות אזו אויך זאל ער

גיין אין שיל אין דעם חדר פון גאט דען ווען איינר גייט אין
שיל אריין מיט שמועות אודר מיט גילעכטר הייסט עש איין
קלות ראש : אונ דאש איז זייער פאר באטין פאר אגרויסן
איסור בשעת מען גייט אין שול אריין אונ בשעת דאווינין :
דען ווען איינר זאל גיין מיט שמועות אונ גילעכטר פאר איין
שר בשר ודם אזו איז דאש דאך אים קיין כבוד ניט אונ
ער ווערט בשטראפט : דרום איז אין איטליכר שיל איין
פאליש : דאש מ' זאל זיך דארטין וואול צו גרייטין איידר מען
קומט פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה דיא חכמים
רופין דעם פאליש (פרוזדור) איין פיר הויז : אזו אויך שטייט
אין פרקים גרייט דיך אן אין (פרוזדור) איידר דוא גייסט אין
חדר פונם שר : מכל שכן דאש דער מענטש איז זיך מחויב
צו גרייטין איידר ער גייט פאר דעם מלך מלכי המלכים
הקב"ה : אונ וויא אזו ער זאל ריינגין זיין גוף אונ נשמה
שטייט שון אויבין אין הלכות בית הכנסת : דער מדרש
פרעגט אויף דעם פסוק (שומע תפלה עדיך כל בשר יבואו
כו') דוא דער הערסט דיא תפלות פון ישראל : עש וואלט
גיקערט שטיין (תפלות) לשון רבים : ניט תפלה לשון יחיד
ענפרט ער ווייל כל ישראל טאן ניט זייערי תפלות אין איין
צייט נאר איין קהל פאר דעם אנדרין אונ ווען דש אונזרשטי
קהל האבין שון גיטאן זייער תפלה : דא קומט איין מלאך
וואש איז ממונה דריבר אונ נעמט אלי דיא תפלות : אונ
מאכט פון זייא איין קרוין אויף דעם קאפ פון הקב"ה : דאש
איז איין תרוץ : דער אנדרר תרוץ איז אמענטש קען ניט
אויש הערין קיין צוויא זאכין אבר הקב"ה דער הערט אלי
דיא תפלות מיט אמאל גלייך וויא איין תפלה : דער דריטר
תרוץ איז ווארום שטייט ניט תפלות • ווארין הקב"ה לאזט
איטליכין פיר ער הערט זיין תפלה צו • עס זייא ארום אודר
רייך • אודר ער האט גוטע קליידר אודר בייזע קליידר • אונ
עש איז נאר מיט כוונת הלב : אדרבה הקב"ה האט בעסר
ליב דיא תפלה פונם ארומאן אז פונם רייכין : דען ער איז
נעביך איין עני : אבר א' ין רייכר האלט זיך בגאוה : אונ
גאט האט דאך פיינט גאוה : פון וואנין איז גידרונגין אז
הקב"ה בגערט אין תפלה : אז דער פסוק זאגט (קחו עמכם
דברים ושובו אל ה') נעמט מיט אייך רייד פון תפלה אונ
קערט ווידר צו גאט : אונ פון וואנין איז גידרונגין אז דיא
תפלה פונם ארומאן ווערט פריד אן גינומן : אז דער פסוק

זאגט (לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה) דאש צו בראכין
אונ צו שמייסן הארץ טוט גאט ניט מבזה זיין :

דאש איז דאך ידוע אז ניצליכר פון דיא דרייא אבות (אברהם יצחק ויעקב) איז איין סימן אויף דיא גלותן פון זייערי קינדר : אברהם איז גיוועזן איין סימן אויף גלות מצרים : אזו וויא ער האט גיצוגן קיין מצרים פון וועגן דעם הונגר וואש איז גיוועזן אין ארץ ישראל : דר נאך האט פרעה גינומן זיין ווייב : אזו דאש האט אים גאט גישלאגן מיט גרוישי מכות אונ ער האט זיא ווידר געבין . מיט גרויש גוטץ אונ געלט : אזו אויך האבין זייני קינדר גיצוגן קיין מצרים מיט יעקב אבינו פון וועגן הונגר דער נאך האט ער זיא גינומן אונ האט גיארבייט מיט . זיא איז ער גישלאגן גיווארן מיט גרוישי שלאק : אונ דער נאך זענין זיא ארויש גיגאנגין מיט גרויש גוטץ אונ געלט : יצחק איז גיוועזן איין סימן צו גלות בבל : ער איז אויך פאר טריבין גיווארן פון (אבימלך) דער נאך איז (אבימלך) ווידר גיקומן מיט זיין הויבט דגעבט אונ האט אים איבר גיבעטין אונ שלום גימאכט : אזו אויך אין גלות בבל זענין דיא ישראל אויך חשוב גיוועזן אין דיא אויגין פון דעם שר אונ דיא שרים : אונ אזו וויא דש איבל גיין פון יצחק האט ניט לאנג גיווערט : אזו אויך דער גלות בבל האט מיין ניט גיווערט נאר זיבציג יאר : יעקב איז אסימן צום גלות וואש איז גיוועזן בשעת חורבן בית שני : אזו וויא יעקב האט פיל צרות גיהאט פון דינה : דער נאך מיט יוסף אונ שמעון אונ בנימין : דיא אלי צרות האט ער אויש גילוטין : דער נאך איז ער דער פרייט גיווארן פון אלי זייני צרות : אזו האבין מיר דעמאלט גיהאט צרות אין מיר זענין
דער פרייט גיווארן אמן :

דיא דרייא אבות האבין אונז מתקן גיוועזן די דרייא תפלות קעגין דיא דרייא גלותן : אברהם האט מתקן גיוועזן די תפלה פון שחרית : אז וויא דער פסוק זאגט (וישכם אברהם בבוקר) אברהם האט זיך גיפעדרט גאנץ פריא אונ האט גיראווינט תפלות שחרית : (מנחה) האט מתקן גיוועזן יצחק אז וויא דער פסוק זאגט (ויצא יצחק לשוח בשדה לפנות ערב) יצחק איז ארויש גיגאנגין תפלה טאן אין פעלד פאר נאכט : דאש איז תפלת מנחה : יעקב האט מתקן גיוועזן תפלת ערבית : אז וויא דער פסוק זאגט (ויפגע במקום וילן שם בי בא השמש) ער האט תפלה גיטאן אוף דעם אורט אונ האט דארפין גיגעפטינגט ווייל דיא זון איז שוין גיהאט אונטר גיגאנגין דאש איז תפלת ערבית : קעגין דעם גלות מצרים וואש האט גיווערט פיר הונדרט יאר איז דיא תפלת שחרית פיר שעה אויפין טאג : אזו וויא איך וועל דא בעכור בשיידין מנחה איז דיא צייט זיבן שעה אויפי טאג : קעגין דעם גלות בבל וואש האט גיווערט זיבציג יאר : אונ אזו וויא דעמאלט אז מען האט אן גיהובין צו בויאן דעם בית המקדש האט מען אים ניט גישטארט עש קאנטשין ביז נאך צווייא אונ צוואנציג יאר : אזו אויך איז דיא צייט פון מנחה צווייא אונ צוואנציג שעה אויפין מעת לעת דאש הייסט צווייא שעה
פאר נאכט :

אונ אזו אויך דאש אנדרי אות פון (אברהם) איז דיא (ב)
דאש מאכט (בוקר) : דיא פריא תפלה : דאש אנדרי אות פון יצחק איז דיא (צ) דאש מאכט (צהרים) נאך מיטאג תפלה : דאש אנדרי אות פון יעקב איז דיא (ע) דאש מאכט ערבית : דאש איז תפלת מעריב : דער נאך האבין זייערי קינדר גיהאלטין דיא תפלות אין מצרים : אונ אין דר מדבר אונ דער נאך אין ארץ ישראל : אבר דער נאך אז דער בית המקדש איז גבויאט גיווארן האבין . זיא נאך מוסף גיוועזן מתפלל צו זיין אז דאש בית המקדש אונ דאש (מלכות בית דוד) זאלין אקיום האבין : אזו אויך אצונד טואין מיר אויך אזו תפלה דאש דער בית המקדש זאל גיך גיבויאט ווערין אונ משיח בן דוד זאל קומן בבי"א . נמצא זענין דיא תפלות פון אייביג אן . נאך גלות בבל איז אויף גיגאנגין עזרא מיט ווייניג לייט מיט פערציג טויזנט . אונ האבין דש בית המקדש ווידר גבויאט אין איטיל מורא אונ ציטרניש פר די שונאים וואש האבין זיא ניט גילאזט בויאן : דעמאלט זענין זיך צום הויף גיגאנגין דיא (אנשי כנסת הגדולה) הונדרט אונ צוואנציג זקנים . אונ צווישן זיא (חגי זכריה ומלאכי) אונ מרדכי וואש שטייט אין דער מגילה זיא האבין ערשט רעכט מתקן גיוועזן דיא תפלות וואש מיר האבין אונ האבין גיציילט דיא אותיות אונ ווערטיר : דאש עש זאל ניט זיין קיין איבריג אות : אונ אויך ווינציגר איין אות : אונ האבין עש גימאכט קעגין פסוקים : אונ האבין דריגן גימאכט גרוסי סודות אונ כוונות : וואש איז ניט צו דער שרייבין : אונ האבין וואול אויש גיטראכט דיא צאל פון דיא ווערטר פון איטליכר ברכה : אונ דאש

אין ברכה העננט אין דער אנדירר : דיא ערשטי אונ דיא הונטרשטי דרייא ברכות זענין קעגין ,דיא דרייא אבות אברהם יצחק ויעקב : דיא מיטלסטי ברכות קעגין דיא צוועליף שבטים נאך איין ברכה האט מען מתקן גיוועזן אין דער ישיבה פון (יבנה) קעגין דיא (מינים) : זיא איז קעגין דעם דרייצענטין שבט : דען יוסף הצדיק איז גירעכנט פאר צווייא שבטים (אפרים ומנשה) : אזו איז סך הכל אין שמונה עשרה ניינצעהן ברכות : דיא ערשטי דרייא ברכות זענין גליך אז וויא איינר וואש קומט פאר איין שר גיט ער אים אפ צום ערשטין איין גוט מארגין • אודר אנדרי ברכה: דיא מיטלסטי זענין גליך אז וויא איינר בגערט עפיש פונים שר : דיא הונטרשטי דרייא ברכות זענין איטיל לויב אונ דאנק : גליך אז וויא איינר דאנקט דעם שר אויף דעם וואש ער האט אים גיטאן זיין בגער : דער נאך גייט מען אויש (עושה שלום) דרייא טרעט הונטר זיך גליך אז וויא איינר גייט אוועק פונים שר אזו קערט ער זיך דאך ניט אום צו אים מיטין רוקין : אונ זאל בלייבין שטיין אין ווייל' אויף דעם אורט וואש ער איז אהין אויש גיגאנגין ווערליג מיקען גיין פיר איילין גליך אז וויא איינר ווארט אויף איין ענטפר אונ רשות פונים שר אונ צום בעסטין איז ער זאל בלייבין שטיין ביז דער חזן הייבט אן דיא הוכי שמונה עשרה : אודר ביז קדושה : נמצא אז דיא דרייא תפלות זענין גימאכט גיווארין קעגין דיא דרייא אבות : אונ קעגין דיא דרייא גלותן גלות מצרים אונ גלות בבל אין גלות בשעת הורבן בית שני :

אויך זענין דיא תפלות גימאכט גיווארין קעגין די קרבנות וואש אונזרי עלטרין פלעגין ברענגין אין בית המקדש (תפלת שחרית) איז קעגין דעם (תמיד של שחר) דאש קרבן וואש מיהאט גיבראכט גאנץ פריא (תפלת מנחה) איז קעגין דעם קרבן וואש מיהאט גיבראכט צו מנחה (תפלת ער-ת') איז קעגין דיא קרבנות וואש האבין גיברענט אגאנצי נאכט אויפין מזבח : אז דער בית המקדש איז גישטאנין ווען איינר האט איין עבירה גיטאן אזו האט ער גיבראכט איין קרבן (חטאת) אודר איין (אשם) אודר איין עולה: אודר איין שלמים : ווערליג זיין עבירה איז גיוועזן : אונ האט גיזאגט צום כהן דאש ברענג איך פר איין (חטאת) אודר (אשם) אזו האט ער אים שון ניט גידארפט זאגין וואש זיין עבירה איז : נייארט ער האט זיא מתודה גיוועזן שטילר הייט קיינר זאל אים ניט הערין : דרום איז דאש אויך גיוועזן איינש פון דיא צעהין ניסים וואש זענין גיוועזן אין בית המקדש : דאש חאטשי זיא זענין דאך גישטאנין ענג אבער אז זיא האבין זיך גיבוקט אונ מתודה גיוועזן זייערי עבירות זענין זיא גיוועזן ווייט פיר איילין איינר פון דעם אנדרין : דאש איינר זאל ניט הערין די ווידוי. אונ תשובה פון זיינים חבר אונ הקב"ה האט אים מוחל גיוועזן אבער אצונד מיר אביונים האבין מיר ניט קיין בית המקדש אונ ניט קיין כהן : אונ אויך ניט קיין קרבן מיט וואש צו ווערין פר געבין אונזרי עבירות :

דרום זאגט דער נביא איך בגער ניט אייערי קרבנות נאר איר זאלט זיין פרום אונ נידריג גימיט : אז דער פסוק זאגט (זבחי אלהים רוח נשברה לב נשבר ונדכה אלהים' לא תבזה) דיא קרבנות פון גאט איז דיא צו בראכני גימיט אונ דאש צו בראכין אונ צו שטוסין הארץ טיט גאט ניט פאר שעהמין : אויך זאגט דער פסוק (קחו עמכם דברים, שובו אל ה') נעמט מיט איך רייד פון תפלה אונ קערט ווידר צו גאט :

נון ווען דיא תפלה איז זוא אויף דעם אורט פון דיא קרבנות דרום ווען איין מענטש טיט זיין תפלה פאר הקב"ה מיט גאנצין הארצין אונ לייב : אונ זאגט ווידוי : אונ האט חרטה אויף זייני בייזי מעשים : אונ טראכט אין זיין הארצין דאש ער זאל קיין מאל ניט טואן אזעלכי בייזי מעשים : אזו דער הערט גאט זיין תפלה אונ איז אים מוחל אלי דיא עבירות וואש זענין צווישין גאט אונ צווישין דעם זעלביגין מענטשין : אבר דיא עבירות וואש זענין צווישין אים אונ זיין חבר איז אים הקב"ה ניט מוחל ביז ער מוז איבר בעטין זיין חבר אז דער פסוק זאגט דער נביא זאגט פון גאטש וועגין (שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם) טיט תשובה איר ווילדי קינדר דאש מיינט מען זינדיגי לייט אזו וועל איך אייך היילין פון אייער ווילדקייט דאש איך וועל אייך מוחל זיין אייערי זינד אונ ווען איינר וויינט בשעת דאוונין אויף זייני זינד דאש דריבר קען ניט גיבויאט ווערין דער בית המקדש : אונ איבר דיא זינד פון זייני עלטרין וואש דריבר איז דער ביהמ"ק חרוב גיווארין : אזו איז עש באלד אן גינומין פאר הקב"ה : דען הקב"ה איז איין רחמן אונ דער בארימט זיך איבר אים דען דער זעלביגר מענטש האט בווראי חרטה אונ נעמט אויף

זיך ניט צו טאן קיין מאל קיין עבירה : אויך רעכט גלייבין זאגט דער פסוק (קרעו לבבכם ואל בגדיכם) דאש מיינט מען צו רייסט אייערי הערצר דורך תשובה אזו וועלין ח״ו ניט שטארבין אייערי קינדר אבר אייערי זינד אונ איר וועט ניט בדארפין צו רייסן איבר זייא אייערי קליידר : אויך זאגט דער פסוק (שובו עדי נאום ה׳ בצום ובבכי כו׳) קערט וידר צו מיר מיט פאסטין אונ גיוויין : אזו וועט דער הערט ווערין אייער תפלה : נאך איין פירוש איז אויף דעם פסוק (קרעו לבבכם כו׳) צו רייסט אייערי הערצר דאש איר זאלט ניט זיין קיין בעלי גאוה : גיארט ענוים : דען הקב״ה האט פיינט דיא תפלה פון דיא האפרדיגי לייט : אזו וויא מיר גפונין דיא חכמים האבין אמאל גוזר תענית גיוועזן אויף רעגין אונ האבין דיא תעניתים גיהאלטין מיט אלי זאכין גלייך וויא יום כיפור : האט זיך רבי אליעזר גישטעלט פארין עמוד אונ האט גידאווינט פיר אונ צוואנציג ברכות איז זיין תפלה ניט דער הערט גיווארין : דא האט זיך רבי עקיבא גישטעלט פארין עמוד אונ האט תפלה גיטאן : אונ האט גיזאגט (אבינו מלכנו חטאנו לפניך) אזו איז באלד גיקומן איין גוטר רעגין : איז ארפ גיגאנגין איין בת קול פונים הימל אונ האט גיזאגט איר זאלט ניט מיינין אז רבי עקיבא איז פרומר פון רבי אליעזר : גיארט וויל דער איז איין ענו דרום איז זיין תפלה דער הערט גיווארין : אבר רבי אליעזר האט ניט איטליכן מוחל גיוועזן : דער נאך זאגט ווייטר דיא גמרא עש איז נאך אמאל קיין רעגין ניט גיוועזן : האט רבי אליעזר גוזר גיוועזן דרייצעהן תעניתים : אונ עש איז ניט גיקומן קיין רעגין : צום הונטרשטין האט רבי אליעזר גיזאגט צו די ישראל גייט אונ גראבט אייך איטליכר איין קבר אונ לייגט זיך אריין דרינן איידר איר זאלט שטארבין פאר הונגר : אזו האבין כל ישראל אן גיהובן צו וויינין אונ האבין תפלה גיטאן איז באלד גיקומן איין רעגין : נוא זעהן מיר דאך אז דער וואש מאכט זיך אונטר טעניג קעגין הקב״ה אונ טוט תפלה מיט גיוויין : אזו ווערט זיא באלד אן גינומין :

אויך האבן גיזאגט די חכמים ז״ל דר וואש טוט תפלה אונ דער צייט איז ער זוכה צו דער וועלט אונ צו יענער וועלט אז וויא דער פסוק זאגט (הללו ה׳ דורשיו ויחי לבבכם לעד) : דיא וואש לובן גאט אויף דער וועלט וועלין לעבין אייביג אויף יענער וועלט : אונ פון וועגין דעם זכות פון תפלה ווערט דער מענטש בהיט פר איין מיתה משונה ׳ אונ זייני קינדר ווערין בהיט פאר יסורים אונ פאר חיות רעות : דער (ספר המוסר) ברענגט דרויף פיל מענטשין וועגין זייערי קינדר בשירמט גיווארין פון יסורים פון וועגין דעם זכות פון תפלה איך וויל ניט מאריך זיין דרינן : דער וואש טוט תפלה אין שיל מיט דעם קהל ווערט זיין תפלה פיל גיכיר אן גינומן פון דעם וואש טוט תפלה ביחידות : אז וויא דער פסוק זאגט (הן אל כביר לא ימאס) גאט פאר שעהמט ניט דיא תפלה פון פיל לייט : דרום זאל איטליכר תפלה טואן בקהל :

רבי שמעון בן לקיש זאגט דער וואש האט איין שיל אין שטאט אונ גייט ניט אין איר דאווינין ווערט ער גירופין איין שכן רע ׳ אונ מאכט דאש זייני קינדר ווערין פאר טריבן : אזו וויא דער פסוק זאגט (כה אמר ה׳ על כל שכני הרעים הנגי נותשם מעל אדמתם) דער נביא זאגט אזו זאגט גאט וועגן די שלעכטי שכנים וואש קומן ניט תפלה טאן אין גאטש הויז : נון איך וועל זיא פאר שטויסן פון זייער לאנד (רב) זאגט ווער עש גייט אלי טאג אין שיל אריין ׳ אונ איין מאל גייט ער ניט פרעגט גאט אויף אים ווארום איז דער (פלוני) ניט גיקומן אין שיל אריין : זאגט הקב״ה איז ער אנדירש ניט גיקומן איבר איין מצוה (נוגה לו) זאל אים דיא מצוה לייכטין לעוה״ב איז ער אבר ניט גיקומן איבר זיין הענדיל אזו ווערט פאר פינצטרט זיין וועג כלומר ער ווערט גישטראפט ווארום ער האט זיך ניט פר זעכרט אין גאט : דאש ער קען אים וואל ממלא זיין דעם היזק וואש ער וואלט פארזוימט ׳ רבי יוחן זאגט פון רבי יצחק וועגין ווען דיא ישראל דאווינין אין זייער שיל אונ בית המדרש רואט דיא שכינה אויך דרינן :

אויך זאגט רב הונא פון רבי יצחק וועגין דיא שכינה רואט אין דיא שילן אונ בתי מדרשות אז וויא דער פסוק זאגט (ואהי להם למקדש מעט כו׳) אונ איך וועל זיין צו ישראל אין זייערי שילן צו איין קליין בית המקדש : אזו וויא די שכינה האט גירואט אין גרוסן בית המקדש אזו רואט זיא אויך אין אונזרי שילן : דאש הייסט דאש קליין בית המקדש : נוא איז פון דאנין גידרונגין אז דיא שכינה רואט אין אונזרי שילן ׳ אונ ווען ישראל זאמלן זיך אין אין זייערי שילן אונ דאווינן מיט כוונה (לשם שמים) ׳ אזו גידענקט הקב״ה אן דעם חורבן פונים בית המקדש : אונ דאש ישראל זענין פר שפרייט ׳ אונ איז זיך מצער דריבר : אונ דער וואריםט זיך איבר זייא : אז וויא דיא גמרא זאגט דש אמאל איז רבי יוסי בן קסמא אריין גיגאנגין אין איין חורבה תפלה צו טאן ׳ איז (אליהו הנביא) גיקומן אונ האט גיווארט אויף דער טיר ביז ער איז ארויש גיגאנגין האט ער גיזאגט צו אים (שלום עליך רבי ומורי) ׳ האט (אליהו הנביא) אים גיפרעגט מיין זון וואש האסטו גיהערט אין דיין תפלה : האט ער אים גיענפערט איך האב גיהערט איין בת קול וואש האט גיברומט וויא איין טויב : אונ האט אזו

גזאגט

געזאגט וויא דאש איך האב פר וויסט מיין הויז אונ האב פר ברענט מיין בית המקדש ווייז דאש איך האב פר טריבן מייני קינדר האט (אליהו הנביא) צו אים געזאגט מיין זון איך שווער בייא מיין קאפ אונ בייא מיין אייביג לעבין דאש ניט אצונד אליין האט הקב"ה גילאזט אויש גיין איין קול : נאר אלי טאג ווען דיא ישראל גייאן אין זייערי שילן אונ זאגין (אמן יהא שמיה רבא זגו) מיט גרויש כוונה · אזו שאקילט הקב"ה מיט זיין קאפ אונ זאגט וואול צו דעם מלך דאש מען לויבט אים אזו אין זיין הויז · אונ וויא צו דעם פאטור דאש זייני קינדר זענין פאר טריבין : אונ וויא צו די קינדר דאש וויא זענין פאר טריבן גיווארין פונים פאטרש טיש : נון דער וואש גייט אלי פריא אונ אבינט אין שיל תפלה צו טאן : דר לעבט לאנג :

אויך זאגט די גמרא רבי יהושוע בן לוי הט געזאגט צו זייני תלמידים פעדרט אייך אונ שפעטיגט אייך אין שיל : כלומר איר זאלט גייאן אין שיל ארין אין דער פריא אונ פאר נאכט : כדי איר זאלט מאריך ימים זיין : רבי אחא בר חנינא ברענגט דרויף אפסוק · עש שטייט (אשרי אדם שומע לי לשקוד על דלתותי יום יום לשמור מזוזות פתחי) · וואול דעם מענטשין וואש הערט מיך צו : צו קלאפין אויף מייני טירן אלי טאג : צו היטן דיא מזוזות פון מייני טירן שטייט ווייטר (כי מוצאי מצא חיים ויפק רצון מה') דען דער וואש געפונט מיך טוט געפונין לעבין אונ ציהט אויש איין ווילין פון גאט פון דיא פסוקים איז גידרונגין אז ווער עש פעדרט זיך פריא אונ פאר נאכט אין שיל ארין איידר דער חזן הייבט אן דאווינן דר לעבט לאנג:(אבא בנימין) זאגט קיין שום תפלה איז ניט אזו אן גינומין אז וויא דיא תפלה פון קהל אין שיל אזו וויא דער פסוק זאגט (לשמוע אל הרנה ואל התפלה) אויף דעם אורט וויא מען פלעגט לויבן מיט גיזאנג · דאש מיינט מען אין שיל דארט איז אן גינומין דוא תפלה (רבין בר אדא) זאגט פון וועגין (רבי יצחק) פון וואנין איז גידרונגין דאש הקב"ה איז גיוויינטליך אין שיל : עש שטייט אפסוק (אלהים נצב בעדת אל) הקב"ה שטייט כלומר זיין שכינה רואט צווישן דער עדה וואש זאמלין זיך איין תפלה טאן צו גאט · נוא זעהין מיר דאך וואל דאש הקב"ה לאזט רואן זיין שכינה אונ אונזרי שילן : נון איר ליבי לייט וויא זאל דעם מענטשן קיין מורא ניט אן חאפין אז ער גייט אין שיל ארין · לאז זיך אים דאכטין ער גייט פאר איין שר בשר ודם · אודר פאר איין שופט : אודר אפילו פאר איין הערין אויף איין עצה · הלוואי וואלט ער גיגאנגין אין שיל חאטשי מיט העלפט מורא דער פון אזו וואלט ער בוודאי ניט גיגאנגין מיט (קלות ראש) אונ מיט שמיעות אונ גילעכטר · אונ וואלט זיך בוודאי פריר צו גיגרייט אין פאליש גליך וויא איינר גרייט זיך צו איידר ער קומט פאר איין שר בשר ודם : דרום זאל איינר דעם אנדרין מזהיר זיין אונ דער מאגין דרויף דאש ער זאל גיין אין גאטש הויז ארין מיט גרויש מורא : דא וועל איך אייך שרייבין אזו איין זאך וואש אביסל דער פון שטייט שון אויבן : נאר ווייל דר (ספר המוסר) שרייבט עש דרום מוז איך עש נאך אמאל איבר חזרין :

ווען דער מענטש וואכט אויף פון זיין שלאף איז ער מחוייב צו לויבן אונ צו דאנקין הש"י דש ער הט אים ווידר געגעבין זיין נשמה : דאש ער איז ניט טויט גיבליבין אין שלאף : אונ הש"י האט זיא אים דאך בעסיר אפ געגעבין איידר וויא פריר בשעת ער האט זיא גיגעבין צו בהאלטין:דען פריר איז זי גיוועזן מיד אונ אויש גארביט: אצונד בקומט ער זיא אויש גירואט : דרום זאל איטליכר מענטש גידענקין אין דעם חסד וואש הש"י טוט : אזו וועט אים באלד אן פאלין איין פחד אונ מורא : אונ זאל באלד ארויש שפרינגין פון זיין בעט : גליך אז וויא איינר וואש האט עפיש איין משפט פאר איין שופט אודר פר איין שר: אזו וועט ער דאך בוודאי ניט פר שלאפין אונ וועט אויף שטיין פון זיין בעט : מכ"ש פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה : אונ ער זאל זיפצין אונ זיין בזארגט : אונ זאל זיך בדענקין וויא קען איך פאר געסין דעם גרויסן חסד וואש הקב"ה האט מיר גיטאן קען איך זאל אפילו לעבין צווייא מאל צווייא טויזנט יאר : אונ זאל טאג אונ נאכט מער ניט טאן נאר לויבן אונ דאנקין הקב"ה אויף דיא גרושי גינאד וואש ער האט מיט מיר אלין גיטאן : איז דאך אויך ניט גינוג : מכ"ש דיא גרושי חסדים אונ ניסים וואש ער האט גיטאן מיט אונזרי עלטרין : דען עש איז דאך אום מיגליך צו דער ציילין זייני ניסים ונפלאות : ווען עמ וועט זיך אזו בדענקין וועט אים בוודאי איין מורא אן חאפין :

אונ ווען דער יצר הרע וועט דיך אן רייצין עש איז נאך פריא אוף צו שטיין : דוא וועשט נאך בצייטין קומן אין שיל ארייניו אודר ער וועט דיר זאגין דיא קעלט איז זייער גרוש : אודר אום זומר וועט ער דיר זאגין דיא נאכט איז גאר קליין עש איז נאך צייט צו שלאפין : אז זויא דער סדר איז פונם יצר הרע : דאש ער קען פאר פירן דעם מענטשין מיט טענות : דא זאל ער דעם יצר הרע אקעגין גיין אונ זאל אים ענפרין אין זייני גידאנקין גייא אוועק דיא יצר הרע ווען עמ' זאל מיך רופן איין שר אודר איין נגיד עפיס צו פאר דינן וואלט איך דאך בוודאי גישווינד אויף גישפרונגן פון מיין בעט מיט גרויש לוסט : מכ"ש תפלה צו טון פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה : דאש איז דאך אגרויש פאר דינסט : אונ אויב ניט איז עש אגרויש אן ווערונג : דען עש רירט אן איין זיין לייב אונ גוטש · אונ אין דער נשמה : אונ אין דער וועלט אונ יענר וועלט : אונ ווען דער מענטש זאל זיך בדענקין אין דיא

גינאד

גיגאר אונ בארימהרציקייט : אונ ניסים ונפלאות וואש הקב"ה טוט מיט אים אלי שעה אונ אלי טגע וואש ער זעלבסט ווייסט גאר דר פון ניט אונ וואש ער האט אים גישפייזט פון זיין יוגנט ביז אצונד : אונ האט אים בשערמט פר אלי בייזי בגעגניש אונ פר ביטרי לייד : אונ פאר בייזי קרענק ר"ל : אונ פאר וואשר אונ פר פייאר אונ פאר אלי בייזי צו קומניש ר"ל : אונ זאל אויך גידענקין אין זייני פיל חטאים גוא וויא וואלט ער גיקאנט איין לויגן אונ זאל ניט אויף שטיין צו לויבן דעם הערין וואש האט אים אזו פיל גוטש גיטאן : אונ טוט אים נאך היינט אויך : דרום הייבט אן דער (אורח חיים) אונ זאגט אזו (רבי יהודה בן תימא) וואגט וויא אזו שטארק וויא איין לעמפרט : אונ אזו גרינג וויא איין אדליר : אונ אזו שטארק וויא איין לייב : אונ אזו גישווינד ווי איין הירש : צו טאן דאש ווילן פון השי"ת ער האט דרום גיזאגט די פיר ארלייא : דען דריגן הענגט אלי די מעשים פונים מענטשן :

ער הייבט אן דיא אזו שטארק וויא אלעמפרט: אזו וויא דר לעמפרט איז איין עזות פנים : דאש אז ער פאר ציקט אבהמה עסט ער זיא בפרהסיא פאר אלי לייט : אונ שיאט זיך ניט פאר קיינם : אזו זאלסטו זיך אויך ניט שייאן פאר דיא שפעטירם ווען דוא האסט גיטאן עפיש גוטין : אודר דוא ווילסט טאן עפים גוטין : אונ טוא דאש ווילן פון השי"ת : דער נאך זאגט ער זייא אזו גרינג אזו וויא איין אדליר : דאש ער פליהט גאר גישווינד אזו זאלסטו אויך זיין גישווינד אין גאטש דינסט אונ זאלשט ניט פאלגין דעם יצר הרע אז וויא אויבין שטייט : דער נאך זאגט ער זייא אזו גישווינד וויא אהירש דאש מיינט מען דיא זאלשט גישווינד לויפן צו איין מצוה אונ זאלסט ניט פויל זיין דריגן : עש זאל זיין בייא דיר גלייך וויא דוא וואלשט גילאפין נאך איין מציאה אודר אנאנדר ריוח : דער נאך זאגט ער זייא אזו שטארק וויא אלייב : דאש מיינט מען אויב דער יצר הרע וועט דיך אפ ריידין פון גאטש דינסט : אונ וועט זאגין עש איז קאלט אודר איין רעגין אודר אגרושי היץ אודר ער וועט דיר זאגין וויא קענסטו פאסטין דוא וועסט ח"ו קראנק ווערין אודר ער וועט זאגין וויא קאנסטו צדקה געפין דייני קינדר זענין בילבער : דוא האשט דאך זעלברט ניט דיין גינוגין צו טאן : אז וויא דער סדר איז פונים יצר הרע · דרום זאגט ער זייא אזוי שטארק וויא איין לייב : דאש ער האט קיין מורא ניט פאר קיינם אונ לאזט זיך ניט אפ ריידין ווען ער פאר ציקט עפים : אזו זאלשטו זיך אויך ניט לאזין אפ ריידין דעם יצר הרע מיט זייני בייזי טענות אונ זאלשט זיין גיפרישט אונ גרינג אונ שטארק אין גאטש דינסט גייא טאג אונ בייא נאכט : אונ זאלשט דינן גאט ית' מיט דיין גאנצין הארצין אונ מיט דיין גאנצין לייב :

אונ אידר ער הייבט אן צו טאן גאטש דינסט זאל ער פריר זיין צורך טאן דאש ער זאל ניט גיין צו גאטש דינסט מיט טינוף אונ אומרייניקייט דער נאך זאל ער וואשן זייני הענט דאש ער זאל אויף גיסן אויף זיא פון איין כלי אונ אויב ער וואשט זיך פון איין פאס זאל ער אויף עפנין דעם צאפין אונ גיסן אויף זייני הענט אונ ווידר פאר מאכין אונ ווידר עפנין אונ ווידר פאר מאכין ביז דריי מאל דען דער רוח רעה וואש רואט אויף זייני הענט אין שלאף ער גייט ניט אוועק ביז מען גוסט אויף וואשיר אויף דיא הענט דרייא מאל אונ אידר ער וואשט זיך זאל ער ניט אן ריהרן אין מויל אודר אין דיא אויגן : אודר אין דער נאז אודר אין דיא אויערין : דען עש איז אסכנה:נאך דעם וואשן זאל ער מאכין דיא ברכה (על נטילת ידים) אונ (אשר יצר) : אונ ווען ער וויל פריר לערנין אידר ער גייט אין שיל ארין זאל ער מאכין דיא (ברכת התורה) : אונ וויא מיזאל זיך גוהג זיין אידר מען גייט אין שיל ארין : אונ אז מען איז אין שיל : אונ וויא מיזאל רייניגן דעם גוף אונ מכ"ש דיא נשמה : אונ וואש מיטאר ניט ריידין אין שיל קיין דברים בטלים דאש שטייט אלש אויבן אין הלכות בית הכנסת אונ דער ספר המוסר שרייבט אויך פיל פון דיא לייטן וואש ריידין אין שיל : אין מדרש שטייט אמעשה רבי יוסי זאגט אמאל בין איך גיגאנגין אין וועג האב איך בגעגינט (אליהו הנביא) : אונ ער האט מיט זיך גיהאט פיל קעמלין אן גילאדני האב איך אים גיפרעגט מיט וואש האשטו דיא קעמליך אויף גילאדין : האט ער מיר גיענפרט מיט אייטל מלאכי חבלה וואש הייסט (אף אונ חמה) דא פרעג איך אים פון וועמיש וועגין האשטו דאש אן גילאדין : אונ וויא אהין פירסטו עש : זאגט ער איך פיר עש אין גיהנם ארין צו בצאלין דיא לייט וואש ריידין אין שיל בשעת דאוונין : פון (ברוך שאמר) ביז נאך (שמונה עשרה) : אונ נאך דעם קדיש וואש נאך (רחום וחנון) : אויך דיא תפלה פון דנום זעלביגין מענטשן ווערט ניט דער הערט : אונ ער איז איין עזות פנים דאש ער שיאט זיך ניט פאר דער היליגי שכינה אונ פאר דיא היליגי (ספרי תורות) וואש זענין אין שיל : דער (ראשית חכמה) שרייבט אויך פיל דער פון אונ דאש דער זעלביגר מענטש פאר זינדיגט זיך אונ אויך דיא היליגי שיל אונ כל ישראל ח"ו : אונ וויא אויבן שטייט אין הלכות בית הכנסת

הכנסת : דרום איז דער דין ווען מען שרייאט אן אויף דעם וואש רעט אין שיל : אונ ער קערט זיך ניט דרינן : מאג מען אים זאגן עזות פנים גייא ארויש אונ פאר זינדיג ניט דיא שיל אונ כל ישראל ח״ו : דאש האט גיפסקית (מהו״ ליב יצ״ו) דער בעל גור אריה ז״ל : נון וועל איך שרייבן פון דעם ראשית חכמה ווענן פון וואנן דאש קומט וואש פיל לייט ריידן אין שיל אונ גידענקן ניט אין דעם גרושן עונש דער פון : דאש קומט ווייל דיא וועלביגי לייט האבן אין זיך ניט קיין אמונה : אייער ווייל עש פעלט אירן אונ שרייט אים ניט אן אדרבה ער הערט נאך אויף צו : דען ער מיינט עש שאדט אים גאר גישט : אונ ער ווייסט ניט אז עש איז גלייך דער עונש פון דעם וואש הערט צו ריידן וויא דער וואש רעט אליין : דען ווען ער וואלט אים ניט צו גיהערט וואלט יענער ניט גירעט : וואלט ער זיך גישארכטן פאר גאט וואלט ער יענים ניט צו גהערט מכל שכן דש ער וואלט אליין ניט גירעט : דאש קומט אלש פון דעם וואש די לייטן קערן אים דאש פנים איינר צום אנדרן : אונ זעצן זיך ארום טיש גלייך וויא אויף אסעודה : אונ זעהן אלש וואש טוט זיך אין שיל : ווער עש גייט אריין אונ ווער עש גייט ארויש : וואלטן זיא מורא גיהאט פאר גאט וואלטן זיך איטליכר אום גיקערט זיין פנים צו דער וואנט וויא דער דין איז : דאש איטליכר זאל זייני אויגן האלטן אראפ : אונ דאש הארץ ארויף צו הקב״ה : אפילו ווען איינר זיצט איז דער דין דאש ער זאל ניט קוקן ווער עש שטייט אונ גייט אין זייני פיר איילן : דרום מאכן צו אטייל לייט זייערי אויגן בשעת ק״ש אונ (שמונה עשרה) : דרום ווער עש וויל אין זיך געמין גאטש פארכט זאל זיין פנים צו דער וואנט זיין בפרט בשעת דער חזן זאגט שמונה עשרה : כדי ער זאל קענן מכוין זיין נאך צו זאגן אמן אויף איטליכר ברכה : אז וויא אובן שטייט אונ זאל מכוין זיין פאר וועמן ער רעט : אונ זאל גידענקן דיא מורא וואש ער וואלט גיהאט פאר אין ער בשר ודם מכ״ש וקל וחומר פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה אבר ווען איינר קוקט אויף אנדרן פאר גייט אים זיין מורא : מיר שטייאן פאר אונזר גאט וואש לעבט אייביג : אונ איז (היה הוה ויהיה) : אויך זענן מיר איין פאלק (בני ברית) דיא קינדר פון (אברהם יצחק ויעקב) מיר האבן איין וואר האפטיגן גאט אונ איין וואר האפטיגי תורה אונזר אמונה איז אמת אונזר תפלה איז אמת : דרום זאל איטליכר שטיין אין אייטל מורא אונ זאל טראכטן אין תקוה דאש זיין תפלה זאל זיין מיט כונה :

ווער עש גייט פאר טאג אין שיל אריין דארף ער זיין טלית ניט לייגן : אבר (ארבע כנפות) דארף ער זיך טאן אן אדרבה : אונ ווען ער טוט אן אין שיל דעם גרושן טלית זאל ער אין זין האבן יוצא זיין מיט דער ברכה אויף דעם (ארבע כנפות) אויך : אונ בשעת ער טוט אן דעם טלית אודר ארבע כנפות) זאל ער מכוין זיין דאש ער וויל מקיים זיין דיא מצוה פון ציצית אז וויא עש שטייט אין דער תורה (ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם) אונ זאל אזו זאגן דא בין איך מקיים דיא מצוה פון ציצית : דאש איך וויל זיין גיצייכנט מיט דער הייליגי מצוה וואש הקב״ה האט אונז גיגעבן זיא איז גיוואגן קעגן כל התורה : אזו וויא עש ווערט דא נאך מעסיר בשיידט ווערן : אונ בשעת ער לייגט תפלין זאל ער זאגן דא בין איך מקיים דיא גרושי מצוה פון תפלין : דאש איך וויל זיין גיצייכנט מיט דעם צייכן פון הקב״ה אז וויא דער פסוק זאגט וקשרתם לאות על ידיך והיו לטוטפות בין עיניך) : אונ דרינן איז גישריבן דיא פיר פרשיות (קדש : והיה כי יביאך שמע והיה אם שמוע) : אונ בשעת ער זאגט דיא ברכה זאל ער זיא זאגן מיט גרויש כונה : אונ זאל אויף זיך מקבל זיין (עול מלכות שמים) דעם יאך פון הקב״ה : אונ דאש איז איין עדות אז מיר זענן זיין פאלק אונ ער אונזר גאט : אזו וויא אשר הענגט אן זייני קעבט איין חותם דאש זיא זאלן אים קענן אזו אויך דיא ציצית אונ תפלין איז דער חותם פון הקב״ה : דרום איז איטליכר מחויב צו האלטן דיא תפלין מיטאר מיט זיא ניט גיין אויף איין אום ריין אורט : אויך טאר מען אין זיא ניט ריידן קיין דברים בטלים ער מוז תמיד אין זינן האבן אויף די תפלין עש איז אויף אים דער הייליגר שם (הגדול והנורא) מיטאר אפילו קיין רגע אין זיא ניט פאר געסן :

אונ ווייל מיר קענן זיך ניט האלטן אזיינצין טאג הייליג אונ ריין : דרום האבן דיא חכמים גיזאגט דאש מיזאל נאר אן טון תפלין בשעת (קריאת שמע) אונ (שמונה עשרה) : ביז נאך (ובא לציון) : דען דיא ווייל קען מען זיא האלטן הייליג אונ ריין : אונ במורא אונ זאל תמיד גידענקן אין דעם שם (המיוחד הגדול הגבור והנורא ונורא) שמו הגדול

הגדול) וואש ער האט אויף זיך : אונ זאל לכל הפחות האבין אין זיך גאטש פארכט דיא ווייל דאש ער זאל ניט ריידין אין דיא תפילין · אבר דיא ציצית זענין ניט אזו הייליג וויא תפילין דען אין תפילין שטייט גישריבין דער שם וויפל מאל אבר ניט אין ציצית : דרום מעג מען וואל גיין מיט זיא אפילו אין בית הכסא אריין : אויך טאר קיינר ניט גיין פיר איילין אן ציצית : דען דיא מצוה איז זייער גרויש : אונ איז גירעכינט קעגין אלי תרי"ג מצות דען דאש ווארט ציצית בטרעפט זעקס הונדרט : אונ אכט פעדים אונ פינף קניפן : איז סך הכל זעקס הונדרט מיט דרייצעהן : אונ זיא העגין אויף די פיר עקין : דאש בטייט אויף דיא פיר עקין פון דער וועלט : וויא דוא ביסטו מחוייב צו האלטין דיא תרי"ג מצות : זעה (יוסף הצדיק) איז גיוועז אין מצרים אונ האט פארט גהאלטין אלי מצות אויך זאגט דער פסוק (וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה' וגו' ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם וגו' וראיתם וגו') : אין דעם פסוק איז צו פרעגין פיל קשיות אונ דיא גמרא שרייבט פיל דער פון : נאר איך וועל קורץ בשרייבן :

דיא גמרא פרעגט ווארום שטייט (וראיתם אותו) · בלשון יחיד עש וואלט גיקענט שטין (וראיתם אותם) : בלשון רבים דען עש גייט דאך אויף דיא ציצית : דרום זאגט דיא גמרא פון דאנין לערנין מיר וועד עש האלט רעכט דיא מצות איז ער זוכה צו זעהן דיא שכינה זעלברט אונ אויך דר וואש איז גיווארנט אין דער מצוה פון ציצית : דער האט ארום זיך פיל שומרים וואש היטין אים פאר אלים בייזין : אונ ווערט בשירמט פון דעם יצר הרע · אויך גיפונין מיר אין מעשה אין דער גמרא· עש איז גיוועז אמענטש וואש פלעגט זייער גיזהר זיין אין דער מצוה פון ציצית : אמאל האט ער גיהערט וויא עש איז פאר האנדין אין איין שטאט אשייני זונה פון דיא היידין : אונ זיא איז בייא קיינים ניט גילעגין סיידין ער האט איר גינעבין פיר הונדרט גילדין דער מענטש האט גישוקט צו איר פיר הונדרט גילדין : אונ זיא האט אים אפ גישטעלט איין צייט ווען ער זאל צו איר קומן : ער איז אהין גיקומן צו איר אויף דער צייט אונ ער האט זיך גיזעצט אויף איר טיר : איז אריין גינאנגין איר מויד : האט ער איר גיוויזין דיא בריב וואש דיא זונה האט צו אים גישיקט : זיא האט דאש דער ציילט דער זונה : האט זיא אים גיהייסן אריין קומן : אונ זיא האט איש גיבעט זיבין בעטין פון איטיל זילבר : אונ נאך איין בעט פון איטיל גאלד : אונ בייא איטליכין בעט איז גיוועזן אזילבערנר לייטר : אונ בייא דעם גילדינים בעט אגילדנר לייטר : זיא איז ארויף גיגנגין אונ האט זיך גיזעצט אויפין גילדיגים בעט : אונ ער האט זיך גיזעצט אקעגין איר אין דעם קומן זייני פיר ציצית אונ שלאגין אים אויף זיין פנים : אזו גייט ער אראפ אונ זעצט זיך אויף דער ערד : גייט זיא אויך אראפ אונ זעצט זיך לעבין אים · אונ פרעגט אים וואש פאר איין אום ווערדיקייט האשטו גיפונין אין מיר · דאש דיא ווילשט בייא מיר ניט ליגין : דא שווערט ער איר איך האב קיין מאל קיין שענירין מענטשין ניט גיזעהין פון דיר · נאר איך וועל דיר זאגין ווארום איך וויל בייא דיר ניט ליגין : גאט האט אונז גיגעבין דיא מצוה פון ציצית שטייט דער בייא צווייא מאל (אני ה' אלהיכם) דאש בטייט אזו וויא איך שטראף דעם וואש אבט ניט דיא מצוה : אזו אויך גיב איך שכר דעם וואש אבט זיא דיא מצוה : אונ אצונד זענין מיר אקעגין גיקומן אלי פיר ציצית אזו וויא פיר עדות וואש וועלין עדות זאגין דאש איך טוא מיט דיר דיא עבירה : דרום בין איך פון דיר אוועק גיגאנגין : איך וועל לאזין פאר פאלין דיא פיר הונדרט גילדין אונ וויל מיט דיר ניט זינדיגין דא זאגט זיא איך וועל דיך ניט אוועק לאזין ביז דוא זאלשט מיר אויף שרייבין וויא דו הייסט אונ פון וואנין דוא ביסט : אונ צו וועלכין רבי גייסטו אין בית המדרש אריין : ער האט איר דאש אלש אויף גישריבין אונ לאזט איר דאש געלט אונ גייט אהיים : אזו באלד איז דיא זונה גיגאנגין אונ האט צו טיילט איר געלט אויף דרייא חלקים : איין שליש האט זיא אפ גיגעבין דעם שר וואש זיא האט דארטין גיוואנט : איין שליש דיא ארמי לייט : אונ איין שליש האט זיא מיט זיך גינומן : אונ זיא איז גיקומן פאר רבי חייא אונ זאגט זיים מיך מגייר : איך וויל ווערין איין יודין : זאגט ער צו איר טאמיר האסטו גיגעבין דייני אויגין אויף איין בחור : דאש דוא האסטו לוסט צו אים אונ ביסט בייא אים גילעגין דרום ווילסטו דיך מגייר זיין : זאגט זיא ניין מיין ליבר רבי אזו אונ אזו איז דיא מעשה גיוועזן : אונ זיא ווייסט אים דיא בריב וואש דער מענטש האט איר גיגעבין : דא זאגט רבי חייא צו דעם זעלבינגן מאן אונ צו דער זעלבינר פרויא גייט אונ נעמט זיך בנאנדר : אונ איר זאלט האבין כוזל אונ

ברכה בזאנדר און דש בעט וואש איר האט דרויף גיוואלט ליגין באיסור ליגט אצונד בהיתר דעם שכר האלשו בקומין אויף דער וועלט און דעם רעכטין שכר וועסטו האבין אויף יענער וועלט : דער האט גאר קיין שיעור ניט דרום זאל איטליכר גיווארנט זיין אין דיא מצוה פון ציצית און זאל זיא בודק זיין פאר דער ברכה אויב עש זענין גאנין אלי אכט פעדים : ווסט הייסט עש אברכה לבטלה :

און ווען איינר וויל אן טון זייני ציצית באלד וויא ער שטייט אויף פון זיין בעט : דאש ער וויל ניט גין פיר איילין אן ציצית זאל ער זיי אן טוזן אברכה און נאך דעם וואשין זאל ער זיא בודק זיין און זאל מאכין דיא ברכה : און ווען ער גייט אין שיל אריין און טוט אן דעם טלית דארף ער נאך אמאל אברכה מאכין אודר ער זאל אין דער היים קיין ברכה ניט מאכין : נאר ער זאל אין זין האבין יוצא צו זיין מיט דער ברכה פונם טלית אויף ביידי : אזו אויך ווען איינר טוט אן דורך אנאנדר צעהן קליידר מיט ציצית זאל ער מאכין איין ברכה אבר אלי : אבר אז ער טוט זיא ניט אן דורך אנאנדר : ער בטראכט זיך נאך דער ברכה נאך קליידר אן צו טאן : דארף ער איבר דיא איברגי איבר נייאם אברכה מאכין : אויך אום שבת און יום טוב איז ניט מיזאל אויף איטלבין בזונדר אברכה מאכין דען אין דיא טעג איז ניט מיזאל פיל ברכות מאכין :

רבי אליעזר זאגט דער וואש האט ביא זיך ציצית און תפלין און מזוזות און זייני טירן : דאש זענין דריא גישווינדי קעסטליכי און גרושי מצות : דער קומט ניט באלד צו קיין עבירה דען דער יצר הרע האט קיין מאכט ניט אין דעם מענטשין וואש איז ארום גירינגלט מיט מצות : (רבא) זאגט דער וואש טוט אן דעם טלית און ליגט תפלין און ליינט קריאת שמע מיט כוונה איז ער פאר זעכרט אז ער איז איין בן עולם הבא : (אביי) זאגט איך בין אים ערב אז דאש גיהנם וועט ניט שולט זיין אין אים : (רב פפא) זאגט איך בין אים ערב דאש הקב״ה איז אים מוחל אלי זייני עבירות דריבר : דרום ווייל דיא רבנים זענין אזו ערב זאל איטלכר גיווארנט זיין צו ליגין טלית און תפלין מיט כוונה און זאל אויך מכוין זיין דאש מיר זענין זיין פאלק : און מיר וועלין טראגין אויף זיך זיין חותם : און דער מיט נעמין מיר אויף זיך דעם יאך פון זייני מצות : צו טאן זיא מיט גאנצין הארצין און ליב : איטליכר זאל גיווארנט זיין צו זין אין שיל פון דיא ערשטי צעהן : דען דיא חכמים זאגין אז דר ועלכר מענטש בקומט אזו פיל שכר וויפל דאש גאנצי קהל :

דיא צייט וואש מען מעג שון אברכה מאכין איבר דיא ציצית איז ווען מיקען דר קענין צווישין ווייס און בלאוי אבר דער וואש טוט אן דעם (ארבע כנפות) פריר זאר ער קיין ברכה ניט מאכין נאר אז עש קומט דיא צייט זאל ער בודק זיין די ציצית און זאל אברכה מאכין אודר ער זאל אן טואן אנגדר קלייד מיט ציצית און זאל אין זין האבין יוצא צו זיין מיט דער ברכה אויף יענים אויך : און דיא צייט וואש מען מעג שון אברכה מאכין איבר דיא תפלין איז ווען עש איז שון אזו טאג דאש ער דער קענט פיר איילין ווייט דאש פנים פון זיין חבר וואש איז ניט גוויינליך ביא אים : אבר פריר ניט אבר ווען איינר וויל ארויש גין אין פעלד אריין פאר טאג זאל ער זיא ליגין אן אברכה : און אז עש ווערט טאג זאל ער גרייפן אין זיא און זאל אברכה מאכין : אבר חאטשי ער איז אין פעלד דארף ער דיא תפלין ריין האלטין דאש ער זאל ח״ו קיין נפיחה ניט לאזין אויך ניט משתין זיין און אויך כל זמן ער האט דיא תפלין אויף זיך מוז ער זיא אין זין האבין אויך טאר ער אין זיא ניט ריידין קיין דברים בטלים גלייך וויא ער גייט אין זיא און שיל : ווייל ער האט אויף זיך דעם (שם הגדול) און דיא לייט וואש גייאן אזו אהיים מיט טלית און תפלין אודר זיא שפאצירן זיך אין זיא און ריידין שמועות און דברים בטלים אודר אפילו זייערי עסקים : דיא וועלין בוודאי עונש לידין ליום הדין : אטייל לייט ליגין דיא תפלין אין דער היים איידר זיא גייאן אין שיל אריין כדי דש זיי זאלין זיין ארום גירינגלט מיט דריא גרושי מצות ציצית און תפלין און מזוזה עש איז זייער גיט ווער עש קען דאש טאן אבר דיא לייט וואש גייאן אוועק אין שיל אריין נאך פאר טאג קענין זיא דאש ניט טואן : אטייל לייט ליגין דיא תפלין פאר (ברוך שאמר) אטייל פאר קטורת : אטייל צו (עוטר ישראל בתפארה) : איטלכר האט זיך זיין כוונה און עש איז אלש גיט : און איטלכר מענטש זאל לויפין אין שיל אריין גישווינדי און פון דער שיל זאל ער גין באמעליך : און בשעת ער גייט אין שיל אריין זאל ער אריין גין וועדליך צוויא טירן בריא אודר ער זאל ווארטין אזו לאנג ביז ער וואלט גיקענט צוויא

נעמין

גערין‌בריט גיזונדר נאך זאל ער זיך בוקן אונ זאל גיט תפלה מון ביז ער זיצט זיך אנידר אונ ווי באלד ער זעצט זיך זאל ער זיך בעטן ווער בין איך פון וואנן בין איך אזוי גיקומן אונ ווי אזוי וועל איך גיין ווייא קאן איך אזוי היבן מיין פנים קעגן דעם גרויסן הערן וואש איך האב קעגן אים גיזינדיגט אונ האב אים אויפט דער ווידר גיטאן דאך פון זיינע גרויסע גינאד אונ בארים הרציקייט וואש ער טוט מיט זיינע לייט : דער מיט קום איך זינדיגר מענטש תפלה טאן פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה דער נאך זאל ער אויף שטיין אונ זאל זאגן (מה טובו) אונ זאל זאגן אלי דיא ברכות דורך אנאנד ווייא זייא שטיאן פאר אים אונ המזמרות גוג איזהו אונ ברוך שאמר (מזמור לתודה אשרי הללויה ויברך דוד ויושע) ישתבח אונ ברכו אונ קריאת שמע אונ אמת ויציב אונ שמונה עשרה · אונ נית רעדן אונ שטיאן שטייט שין אויבן :

דיא צייט פון דער תפלה פון שחרית איז זינט עש ווערט טאג ביז דרייא שעה אויפן טאג · דאש איז דיא רעכטי צייט אבר דער עיקר מצוה איז אזו ווייא דיא פרומי לייט האבן גיטאן אין ירושלים דאש זייא האבן אן גיהובן קריאת שמע איידר דיא זון איז אויף גיגאנגן אונ דאבין באלד אן גיהובן (שמונה עשרה) זייא זענין גיוועזן חכמים אונ דאבין גיקיינט טרעפן דיא זעלביגי רגע : אבר מיר ווייסן נית דיא חכמה · דרום איז דיא צייט ביז דרייא שעה אויפן טאג · אונ אויב ער האט נית גיקענט דאווינן אין דיא ערשטי דרייא שעה האבן איז דיא חכמים גיגעבן נאך אשעה צייט ביז פיר שעה אויפן טאג · אבר דער וואש דאווינט דער נאך איז דיא צייט פאר זוימט : אונ ער נעמט נית אזו איין גרויסן שכר ווייא דער וואש דאווינט אין דער צייט : אבר דער וואש פאר זוימט דיא תפלות שחרית ביז נאך מיטאג : דא מוז ער צוי מנחה צווייא מאל דאווינן : קיין מענטש טאר נית גיין צו זיין חבר אים אפ צו געבן אגוט מארגין איידר ער דאט זיין תפלה גיטאן פאר הקב״ה · אבר אז ער בגעגינט אים אויף דער גאס מאג ער אים וואול זאגן אגוט מארגין : ווייל ער פלייבט זיך נית צו גיין צו אים אהיים : אויך טאר קיינר קיין שום ביסן נית עסן אונ טרינקן פארין דאווינן : אבר וואשיר מעג ער יוא טרינקן אויב ער וויל גאר אטרינק :

ווען איינר קומט שפעט אין שיל ארין אז דאש קהל האלטין שון אין מיטן דאווינן : אונ ער איז דאך מחויב צו דאווינן בקהל דאש זיין תפלה זאל בעסיר מקובל זיין · ווייא זאל ער טאן זאל ער אן הייבין פאריגט אונ זאל איבר היפן (איזהו) :

אונ זאל ווייטר דאווינן בקהל כסדרי · אונ נאך דעם דאווינן זאל ער זאגן (איזהו) : אונ אויב ער קומט אז נאך שפעטיר זאל ער (הודו) אויך איבר היפן : אונ ווען ער קומט · אז נאך שפעטיר זאל ער אן הייבין פון (ברוך שאמר) · קומט ער אבר אן אז דאש קהל זאגין ברכו · זאל ער מיט זייא דאווינן כסדר : דער נאך זאל ער אן הייבין פאריגט אבר ברכת התורה דארף ער שוין נית זאגן : ווייל ער דאט שוין יוצא גיוועזן מיט ברכת (אהבה רבה) : דאש זיא איז אויך אברכה אויף דער תורה : אונ אויך (וברוך שאמר) אונ (ישתבח) זאל ער זאגן דיא ברכה אן איין (שם) דאש ער זאל זאגן (ברוך מהולל בתשבחות) אונ ווי ישתבח (ברוך אל מלך גדול בתשבחות כו׳) · אבר דיא איבריגי ברכות דארף ער יוא זאגן :

דיא גמרא זאגט אין (פרק אין עומדין) דאש קיינר טאר זיך נית שטעלין שמונה עשרה דאש ער האט גירעט ווייר אפילו דברי תורה אידן · ער מאכט זיך פריד אלויטרי מחשבה : מבי״ט דורך איטל גילעכטר ה״ו דאש הייסט קלות ראש : נייארט דורך גרויש כוונה : ער זאל זיך גידענקן פר וועמין ער שטעלט זיך צו רעדין דיניגרייד דרום דאט מען מתקן גיוועזן מ׳זאל פריר דאווינן (ברוך שאמר) אונ הללויה אונ ישתבח אונ קריאת שמע כדי אז דער מענטש וועט קומין אן · צו הייבין שמונה עשרה וועט ער שוין זיין אין אלויטרי כוונה : דרום דיא ערשטי צדיקים אונ אנדרי גוטי לייט פון פאר צייטן פלעגין ווייטן איין שעה איידר זייא דאבין אן גיהובין שמונה עשרה : דאש זייא האבן פון זיך ארויס גיווארפין דיא אנדרי מחשבות : אונ האבן אן גיהובין שמונה עשרה גיפלייכט מיט גרויש כוונה : ווען מ׳האט אפילו פייאר גיליגט אויף זייער לייב בשעת שמונה עשרה דאבין זייא אויך נית גיפילט · אונ דיא גמרא ברענגט אויך דרוך פיל מעשות דאש עש זענין גיוועזן פיל צדיקים אונ חסידים וואש איז זייא צו גיקומין פיל סכנות בשעת שמונה עשרה : אונ זייא דאבין נית מפסיק גיוועזן · איטליכר איז מחויב זייני פיס גליך צו האלטין בשעת שמונה עשרה : אז ווייא דיא מלאכים שטיאן · ווייא דער פסוק זאגט (ורגליהם רגל ישרה) · דיא מלאכים שטייאן גליך גיפסייסט מיט זייערי פיס : אונ זאל איב קערין זיין פנים צו דער וואנט פון מזרח אז ווייא דער פסוק זאגט (ויסב חזקיהו פניו אל הקיר) חזקיהו האט אום גיקערט זיין פנים צו דער וואנט אונ האט תפלה גיטאן · אונ אפילו ער שטייט בייא אנאנדרי זייט נית בייא מזרח זאל ער דאך אום קערין זיין פנים צו דער וואנט :

אויך זאל מען צו האלטין דיאי אויגין בשעת קריאת שמע אונ שמונה עשרה כדי זייא זאלין נית קוקן בשעת דאווינן אויף קיין שום זאך וואש איז מבטל זייער כוונה : אונ אויך אז

זיער

דער חזן זאגט דיא הוכי שמונה עשרה זאל ער און: אום קערין זיין פנים צו דער וואנט פון מזרח אונ אפילו דיא לייט וואש האבן שטעט זאלין אויך אום קערין דאש פנים צו דער וואנט דאש זיי זאלין ניט זעהן וואש עש טוט זיך אין זייערי פיר איילין אונ סייא ער זיצט סייא ער שטייט טאר ער ניט קוקין וואש עש טוט זיך אין זייני פיר איילין · איטליכר איז מחויב צו האלטין זייני אויגין אראפ אונ דאש הארץ ארויף צו הקב״ה : אונ ער טאר ניט קוקין אויף דר וואנט אפילו זיא איז אין זייני פיר איילין : ווען ער איז אויף אזו איין אורט דאש ער ווייכט ניט וויא מזרח איז זאל ער זיך שטעלין וויא אים דאכט זיך צום בעסטין · אונ זאל זיין הארץ האבין צו הקב״ה : איטליכין זאל זיך דאכטין ער רעט מיט הקב״ה : אזו וועט אים בודאי אן האפין איין מורא אונ פחד : אונ זאל גידענקין מיט ווען ער רעט אונ כר ווען ער שטייט עש טאר קיינר ניט אויש שפייאן אין מיטן שמונה עשרה : אונ ווען עש קומט אים אן שפייאכן אין זיין מויל זאל ער שפייאן אין איין טוך : אונ אוב ניט זאל ער אים קערין זיין פנים הונטר זיך צו דער לינקר זייט אונ זאל אויש שפייאן: אבר ניט אויף זיין רעכטי זייט : מכ״ש דש פאר זיך אונ זאל איין וייל שטיל שווייגין פארין שפייאן אונ נאך דעם שפייאן : דאש ער זאל דיא צייט קיין שם ניט זאגין ח״ו : דען עש איז גלייך אז וויא איינר רעט מיט איין שר אונ שפייאט אים אין זיין פנים :

ווען איינר דאווינט פארין קהל איז עש אויך איין איסור אונ אפילו ווען איינר דאווינט אין דער היים זאל ער זיך פלייסין צו דאווינין אין דער זעלביגר צייט וואש דאש קהל דאווינין דען דענמאלט איז זיין תפלה מער אן גינומין אונ בווילגט פאר הש״י אז וויא דער פסוק זאגט (ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון) דוד המלך זאגט איך טיא מיין תפלה צו דיר גאט אין דער צייט אז דאש קהל טואין זייער תפלה : דען דיא זעלביגי צייט איז דיא תפלה אן גינומין אונ בווילגט פאר דיר גאט · איטליכר איז מחויב צו זעהין ער זאל האבין איין שטאט אין שיל : מיט היינט זאל ער דאווינן אויף דער שטאט אונ מארגין אויף אנדרר שטאט : רב הונא זאגט ווער עש האט איין שטאט צו זיין תפלה איז דער גאט פון אברהם אין זיין היליף :

איטליכר איז מחויב צו האבין בזונדרי קליידר צום דאווינין : דש זייא זאלין ריין זיין : דיא צדיקים אונ חסידים אונ אנדרי גרושי לייט זענין זייער נזהר דרינן : ער זאל שטיין בשעת דאווינן אז וויא איין קנעכט שטייט פר זיין הערין : אונ אז וויא איינר שטייט פר אמלך אודר פר איין שר : אונ האט פר אים אזו איין משפט וואש רירט אן אין זיין גוף אונ געלט : ער זאל שטיין מיט זייני אויגין אראפ אונ זיין הארץ ארויף צו הש״י זייני הענט אויפין הארץ : דיא לינקי האנט אין דער רעכטיר : אונ זיין קאפ זאל זיין איין גיבוגין ניט מיט גאוה איטליכר איז מחויב צו צו דעקין זיין קאפ : מיט צו גיין מיט דעם הויליגן קאפ אונ אויך ארום צו גארטלין זיך מיט אגארטיל : דאש ער זאל מאכין אצווישין שייד צווישן זיין הארץ אונ דיא ערוה : דאש זיין הארץ זאל ניט זעהין דיא ערוה : אונ זוסט טאר ער קיין שם ניט זאגין: אויך זאל זיך איטליכר וואול ריין מאכין פארין דאווינין : ער זאל זיך פוריר אויש היסטן אונ אויש שנייצין דיא נאז : ווען איינם בייסין זיין פלאט בשעת דאווינין טאר ער זייא ניט אראפ נעמין מיט דיא הענט : נאר דורך אמלבוש : ווען איינם פאלט אראפ זיין מאנטיל אודר זיין טלית בשעת דאווינין זאל ער ניט מפסיק זיין דיא כוונה אים אן צו טאן נאר ער זאל ווייטר דאווינין : דען דער וואש דאווינט מיט כוונה זאגט אויף אים דער פסוק (תכין לבם תקשיב אזניך) דיא וואש בריטין אן זייערי הערציר בשעת דאווינין פאר נעמט הקב״ה זייער תפלה : אונ אויב ניט ווערט זיין תפלה ניט דער הערט : אז וויא דער פסוק זאגט (בפיו ושפתיו כבדוני ולבו רחוק ממני ותהי יראתם אותי מצות אנשים מלומדה) מיט זייער מויל אונ לעפצין הערליכן זייא מיך אונ זייער הארץ איז ווייט פון מיר : אונ זייער פארכט פאר מיר איז נאר אז וויא איינר טוט זיין גיוויינטליך קייט כלומר דאש מיינט מען אן כוונה : אויך זאגט דר פסוק (קרוב אתה בפיהם ורחוק מכליותיהם) זייא זענין נאהונט מיט זייער מויל אונ ווייט מיט זייערי גידאנקין : אויך זאגט דער פסוק (ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו ולבו לא נכון עמו) זייא ריידין אים איבר מיט זייער מויל : אונ זייער צונג לייקנין זייא נאר צו אנדר מחשבה : דען זיין הארץ איז ניט אן גירעכט צו הקב״ה אויך זאגט דער פסוק גאט ב״ה זאגט (ולא אותי קראת יעקב) ניט מיך האסטו גירופין יעקב דאש מיינט מען דיא ישראל : דאש זייער כוונה איז ניט צו גאט :

נוא זעהן מיר דאך אז דער וואש טוט תפלה אן כוונה ווערט זיא ניט דער הערט: אונ ווען ער קען קיין כוונה ניט האבין איז בעסיר ער זאל גאר ניט דאווינן : דען תפלה אן כוונה איז אזו וויא אגוף אן אנשמה : אטייל זאגין ווער עש האט גידאווינט אן כוונה דארף ער איבר נייאס דאווינין : אונ אטייל זאגין וואש וועט עש אים העלפין : ער וועט דאך דאש אנדרי מאל אויך קיין כוונה ניט האבין : אזו איז עש דאך נאך אגרעסרי עבירה דרום האבין דיא חכמים מבטל גיוועין דיא זאך טאמיר וועט ער דאש אנדרי מאל אויך ניט מכוון זיין : אבר ווען ער האט ניט מכוון גיוועין אין דיא ערשטי דרייא ברכות דארף ער זייא נאך אמאל זאגין מיט כוונה : אבר אטייל זאגין אז אפילו דיא ערשטי דרייא ברכות זאל מען אויך נאך אמאל ניט דאווינין : דען קענט זייער וואול

פאר שטייאן וויא גרויס דיא עבירה איז דער פון, ז אויבן איז אוך פיל גישריבן דער פון אויך איז איטליכר מחויב די ווערטער שארף ארויס צו ריידין מיט דיא לעפצין : דאס דיא אויערן זאלין הערין וואס דאס גויל רעט ; אבר ער זאל ח"ו ניט הויך שרייאן דען ער איז ח"ו (מקטני אמנה) דאז ער גלייבט ניט דאס הקב"ה דער הערט דיא תפלה וואס מען דאווינט שטילר הייט :

ווען איינר איז איין שיכור דאס ער וואלט שוין ניט גיטארט ריידין פאר איין שר ; טאר ער ניט דאווינין ; אונ ווען ער דאווינט יוא איז זיין תפלה אום ווערדיג ; כלומר הקב"ה איז ממאס זיין תפלה ; נאר ער זאל ווארטין ביז ער ניכטרט זיך אויס דער נאך זאל ער דאווינין ; אבר אפילו אז ער האט גידאווינט בשעת שכרות הייסט עס אויך איין תפלה דאס ער דארף ניט נאך אמאל דאווינין ; אבר אריבטר שיכור איז זיין תפלה גאר ניט ; ער מוז נאך אמאל דאווינין ; ווען איינר האט פאר זוימט דיא צייט פון שמונה עשרה זאל ער בצאלין צו דער אנדריר תפלה וואס ער דאווינט דער נאך ; אז וויא עס וועט בשיידין ווערין אויך מאר קיינר ניט זיצן אין חברש פיר אילין בשעת דער חבר שטייט שמונה עשרה ; אפילו ער דאווינט אויך ; ווען איינר האט שוין גידאווינט שמונה עשרה ; אונ קומט אין שיל אריין בשעת דאס קהל דאווינין שמונה עשרה ; אונ ער קען עפים מחדש זיין אין דער תפלה וואס ער האט עס פריר ניט מתפלל גיוועזן ; למשל ער וויל זאגין איין (יהי רצון) פאר אקראנקין אין דער ברכה פון (רפאינו) ; אודר ווידוי אין דער ברכה (סלח לנו) אודר עפים אנדר חידוש אודר ער האט פריר גידאווינט אן כוונה מעג ער נאך אמאל דאווינין מיט קהל ; אונ זוסט ניט ; אונ וואס ער זאל מכוין זיין בשעת שמונה עשרה אונ פריר אונ דער נאך שטייט שוין אויבין קיינר זאל זיך ניט איבר נעמין מיט זיין תורה אונ מעשים טובים אודר מיט זיין כוונה ; דאס ער וועט זאגין דריבר איז ראוי זיין תפלה זאל אן גינומן ווערין ; דען ער מאכט נאך זיין תפלה צו איין עבירה חס ושלום ; נאר ער זאל תפלה טאן ווייל השי"ת איז איין רחמן אין דער בארימט זיך איבר דיא וואס ריפן אים אן מיט גאנצין הארצין אונ לייב :

נון וועל איך שרייבין וויא מען מעג מחדש זיין אין שמונה עשרה ; אונ וויא מיטאר ניט אין דיא ערשטי אונ דיא הינטרשטי דרייא ברכות טאר קיין יחיד ניט מחדש זיין ; אבר אין דיא מיטלסטי דרייצעהן מעג מען יוא מחדש זיין ; ווען איינר וויל מתפלל זיין גאט זאל אים געבין ער זאל קענין לערנין אודר אגוט הארץ זאל ער זאגין זיין (יהי רצון) אין דער ברכה פון אתה חונן ; ווען איינר וויל מתפלל זיין דער יצר הרע זאל אים ניט אפ ריידין פון תשובה זאל ער זאגין זיין יהי רצון אין דער ברכה פון (השיבנו) ; וויל ער זאגין ווידוי זאל ער זאגין אין דער ברכה פון (סלח לנו) ; וויל ער מתפלל זיין פאר אקראנקין זאל ער זאגין זיין (יהי רצון) אין (רפאינו) ; וויל ער מתפלל זיין אויף פרנסה אונ שפייז ; זאל ער זאגין זיין (יהי רצון) אין (ברך עלינו) אנזייל זאגין אין דער ברכה פון (ראה נא בענינו) ; אין דער ברכה פון (שמע קולינו) מעג ער מתפלל זיין וואס ער וויל ; דען זיא איז דער כלל פון אלי ברכות ; וויא ער זאל זיך בוקן אין שמונה עשרה שטייט אויבין אין הלכות בית הכנסת ·

ווען איינר האט זיך טועה גיוועזן אין שמונה עשרה אין דיא ערשטי דרייא ברכות מוז ער נאך אמאל אן הייבין פונם אן הייב ; האט ער זיך טועה גיוועזן אין דיא הינטרשטי דרייא ברכות דארף ער זיך אום קערין צו רצה ; אבר אז ער האט זיך טועה גיוועזן אין דיא מיטלסטי ברכות זאל ער זיך אום קערין צו דר ברכה וואס ער האט זיך טועה גיוועזן · ווען איינר האט גיזאגט (משיב הרוח) אום זומר זאל ער נאך אמאל אן הייבין פון (אתה גבור) ; אבר אז ער האט שוין אויס גילאזט דיא ברכה פון (מחיה מתים) מוז ער אן הייבין פונים אן הייב ; אזו איז אויך דער דין אז ער האט פאר געסין צו זאגין (משיב הרוח) אום ווינטר ; אונר אז ער האט פאר געסין צו זאגין (טל ומטר) איז אנדר דין ; דינר מאנט ער זיך פאר רצה ; זאל ער עס זאגין אין דער ברכה (שמע קולינו) דער מאנט ער זיך אבר נאך רצה אפילו פאר (עושה שלום) זאל ער זיך אום קערין צו (ברך עלינו) אבר אז ער דר מאנט זיך אז ער איז שוין אויס גיגאנגין (עושה שלום) מוז ער ווידר אן הייבין פונים אן הייב ; אונ מוז דאווינין איבר ביידע שמונה עשרה ; ווען איינר האט פאר געסין צו זאגין יעלה ויבא אום ראש חודש אודר חול המועד ; איז דער דין אזו ; האט ער פאר געסין צו שחרית אודר צו מנחה דארף ער נאך אמאל דאווינין ש"ע ; אבר ניט צו מעריב ; אונ ווען ער דער מאנט זיך פאר עושה שלום זאל ער אן הייבין פון רצה ; אונ ווען איינר האט פאר געסין צו זאגין על הניסים אום (חנוכה) אודר (פורים) דארף ער זיך ניט אום קערין ; ווען איינר האט גיזאגט דיא וואכינדיגי שמונה עשרה אום שבת אונ האט זיך דער מאנט אין מיטן אברכה ; זאל ער גומר זיין דיא ברכה ; אונ זאל אן הייבין פון שבת ; דער נאך זאל ער זאגין רצה ביז סוף ; דא וועל איך בשיידין ווען איינר האט פאר זוימט איין תפלה וויא ער זאל טאן :

ווען איינר האט פר געסין צו דאווינין מנחה ; אודר ער איז גיוועזן איין אונס ; אונ האט ניט גיקענט דאווינין ; דארף ער דאווינין צו מעריב צוויא מאל שמונה עשרה ; דאס נאך מעריב זאל ער אן הייבין (אשרי) אונ דאווינין מנחה ; האט ער פאר געסין דאווינין מעריב זאל ער דאווינין צו שחרית צוויא מאל שמונה עשרה ;

האט ער פאר געסן צו דאווינן שחרית : זאל ער דאווינן צו מנחה צווייא מאל שמונה עשרה : אבר דיא תפלה פון דער וועלכיגר צייט זאל ער פריר דאווינן : דער נאך דאש בצאלונג : דען ער קען ניט בצאלין קיין אלטין חוב איידר ער בצאלט דעם נייאם חוב : אונ חעך זיר האט פר געסין צו דאווינן מנחה אום ערב שבת זאל ער דאווינן צו מעריב צווייא שמונה עשרה פון שבת : דעסט גלייכין אז ער האט פאר געסין מנחה פון שבת זאל ער דאווינן מוצאי שבת צווייא וואכינדיגי שמונה עשרה : אבר ער דארף ניט זאגין (אתה חוננתנו) אין דער אנדרר שמונה עשרה : אונ אויב ער האט יוא גיזאגט אין ביידי איז ער אויך יוצא : אבר אז ער האט אין דער ערשטיר ניט גיזאגט : אונ אין דער אנדרר יוא : נוא וויל ער דאך האבין דיא ערשטי פר מנחה אונ די אנדרי פר מעריב דרום איז ער ניט יוצא : אונ מוז נאך אמאל דאווינן איין שמונה עשרה פאר מנחה :

אונ ווען איינר וויל בצאלין איין שמונה עשרה מיט דעם דאש ער ווערט צו הערין דעם חזן אונ נאך זאגין ווארט בייא ווארט איז ער אויך יוצא : נאר ער זאל זעהן ניט צו פאר הערין קיין שום ווארט אונ זאל נאך זאגין אמן אויף איטליכר ברכה : אונ אויב ניט איז ער ניט יוצא : אזו איז אויך דער דין מיט יעלה ויבא : אונ וויא איז דאש גירעט אז עש העלפט בצאלין נאך אשמונה עשרה : דאש איז נאר אז ער האט פאר געסין : אודר ער איז גיוועזן איין אונס : דאש ער האט גיהאט אמשפט פאר איין שר אונ האט ניט צייט גיהאט : אודר עש האט אים זיך גיטראפין איין סכנה : אודר ער האט גימיינט עש איז פריא איך וועל נאך צייט האבין צו דאווינן : אבר דער וואש האט אין מיט וויל פר זוימט דיא צייט צוף אים זאגט דער פסוק (מעות לא יוכל לתקן) דער פאר פרימטר קען ניט בצאלין : אבר פון דעסט וועגין אז ער וויל נאך אמאל דאווינן בתורת נדבה ניט בתורת חובה מאג ער דאווינן אונ דארף גאר ניט מחדש זיין אונ וויא ער זאל זאגין אמן שטייט שוין אויבן אביסל דר פון : דיא חכמים זאגין עש איז מער מצוה דער וואש זאגט נאך

אמן פון דעם וואש זאגט דיא ברכה דען דער וואש זאגט דיא ברכה איז גליך אז וויא איינר דער ציילט עפים אודר ער ווייזט איין שטר אן עדות אזו קאן זיין אז עש איז איין שקר : אבר אז ער האט עדות דרויף מאכין דיא אים פאר איין ווארהאפטיגין מענטשין : אזו אויך דער וואש זאגט נאך אמן אין גליך אז וויא איין עדות : און ווען יוא עש איז אזו איין גרושי זאך : דרום זאל איטליכר גיווארנט זיין דרינן : אז וויא איך וועל דא בשיידין : איטליכר איז מחוייב נאך צו זאגין אמן מיט גרויש כוונה : דאש ער זאל גלייבין אין דער ברכה וואש דער חזן זאגט אז עש איז אזו גיוועזן : אונ עש וועט אזו זיין : אונ זאל אזו לאנג מאריך זיין מיטען אמן ביז ער זאל דאש מבוין זיין ניט מער אונ ניט ווינציגר : דיא גמרא זאגט ווער עש זאגט נאך אמן מיט דער גאנציר כוונה אפילו עש איז אויף אים גגזר גיווארן ביז ח״ו פאר זיבציג יאר : איז ער עש דר מיט מבטל : עש איז פר האנדין פיל כוונות אויף דעם אלים וואש שטייט דא : אבר דאש איז דיא עיקר כוונה וואש דער מענטש זאל האבין בשעת ער זאגט אמן דרום זאגט דיא גמרא עש זאל קיינר ניט זאגין קיין אמן (חטופה) : דאש האט אין זיך צווייא טייטשין : דאש ער זאל ניט זאגין מיט איין פתח (אמן) אודר אמן : נאר ער זאל זאגין (אמן) : נאך איין טייטש איז (חטופה) פאר צוקין : דאש ער זאגט אמן איידר יענר לאזט אויש דיא ברכה : דרום זאגט בן עזאי ווער עש זאגט איין (אמן חטופה) ווערין פאר צוקט זייני יאר ח״ו : דער נאך זאגט דיא גמרא ווער עש זאגט איין אמן (חטופה) איילנדיג אונ פאר צוקט אן כוונה : ווערין זייני יאר איילנדיג פאר צוקט : אונ דער וואש זאגט איין (אמן יתומה) גלומר ער ווייסט ניט אויף וועלכיר ברכה ער זאגט דעם אמן : איז זיין עונש דאש זייני קינדר ווערין יתומים : אבר דער וואש איז מאריך אזו לאנג וויא איך האב אויבין גישריבן דער לענגרט

מען אים זייני יאר :

דער וואש זאגט אמן מיט דער גאנציר כוונה עפינט מען אים דעם טויער פונם גן עדן : אזו וויא דער פסוק זאגט (ויבוא גוי צדיק שומר אמונים) עש זאל ארין קומין דער צדיק וואש ווארט מיטין אמן ביז יענר לאזט אויש די ברכה אונ זאגט עש מיט גרויש כוונה : בשעת דער חזן האלט (מודים) איז איטליכר מחוייב זיך צו בוקין : אונ זאל זאגין (מודים דרבנן) אונ זאל אויש לאזין ברוך אל ההודאות אן אשם : אונ זאל זיך ניט צו שטארק בוקין : דאש זיין פנים זאל ניט אויש קומין קעגין דער ערוה : די לייט וואש שטייאן ניט אויף צו (מודים) : אונ בוקין זיך ניט : דאש איז איין עבירה אין דיא אנדרי : איינש ער זיצט בשעת דער חזן זאגט דיא שמונה עשרה : דאש אנדרי ער בוקט זיך ניט צו

מודים

מודים) : דיא גמרא זאגט ווער עש בוקט זיך ניט צו מודים ווערט פון זיין (שדרה) נאך זיין טוט איין שלאנג : דען איז דער דין ער זאל זיך בוקן גישווינד : אוג זאל זיך באמיצלך אויף הייבן אזו וויא דיא שלאנג טוט · אוג ער טוט דאש גוט : דרום ווערט ער אשלאנג:ווען איינר האלט אין מיטען שמונה עשרה : אוג דער חזן האט אן גיהובין צו זאגין קדושה : זאל ער שטיל שווייגין : אוג נאר צו הערין אין הארצין : אזו איז אויך דער דין ביי מודים: זאל ער צו הערין אין הארצין:אוג טאר זיך ניט בוקין:סייא ער האלט אין מיטען אברכה:אודר תחלת אודר סוף פונדי ברכות וואש מידארף זיך ניט בוקן : אטייל זאגין מיטאר ניט צו הערין אין הארצין אוך : נאר ער זאל דאווינן בכדר :

נאך שמונה עשרה זאל ער אויש גיין (עושה שלום) אז וויא אויבן שטייט אין הלכות בית הכנסת · דער נאך זאל מען זאגין תחנון : פאר נאכט זאל מען פאלין אויף דער לינקר האנט · אין דער כריא אויף דער רעבטיר אז וויא אויבין שטייט · דער נאך זאל מען זאגין אשרי למנצח ובא לציון) · מען בדארף גרויש כוונה האבין צו דער קדושה פון (ובא לציון) : דען עש איז אויף תרגום לשון : אויך שרייבט דער טור אורח חיים רבי שמעון בן גמליאל זאגט פון רבי יהושע בן לוי וועגין אויף וואש שטייט דיא וועלט · אויף דעם וואש מיזאגט ובא לציון : אוג אויף דעם (אמן יהא שמיה רבא) וואש מיזאגט נאך דער דרשה : דאש איז זייער אגרושי מצוה : דרום מוז מען עש זאגין מיט גרויש כוונה : אוג אז ער קומט צו (ברוך אלהינו שבראנו לכבודו) זאל ער זיך פרייאין מיט גאנצין הארצין : אז וויא אויבין שטייט דער משל דער פון : דער נאך זאל דער חזן זאגין גאנץ קדיש : דער נאך (עלינו) אוג קדיש יתום : אוג ער זאל ניט באלד ארויש גיין פון דער שיל : דען עש איז גליך וויא ער פאטירט צראפ פון זיך אמשא ח״ו : נאר ער זאל זיצן אביסל · אוג דאש איז אויך אגרושי מצוה אז וויא דער פסוק זאגט (אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה) : אום מאנטיג אוג דאנרשטיג זאגט מען לאנג (והוא רחום אוג ה׳ אלהי ישראל) דען דאש זענין דיא צווייא טעג וואש הקב״ה האט מוחל גיוועזן צו דיא ישראל אויף דעם חטא (עגל) דען אז דיא האבין דער נאך תשובה גיטאן האט גאט ית׳ גיזאגט צו משה גייא אויף צו מיר אויפין בארג סיני וועל איך דיר

שרייבין אנדרי לוחות אויף דעם אורט פון דיא ערשטי וואש דוא האסט צו בראכין דא איז משה ארויף גיגאנגין אום דאנרשטיג אוג האט זיך דארטין גיזומט פערציג טאג אין פערציג נעכט אוג איז ווידר אראפ גיקומן אום מאנטיג האט אים הקב״ה אין בשורה טובה גיזאגט (סלחתי כדבריך) איך האב פאר געבין אז וויא דו האסט גיבעטין דיא אלי פערציג טעג אוג אויך נעמט מען אויש דיא ספר תורה : אוג מען לייגט צעהן פסוקים אין דער פרשה פון דער וואך אבר קיין הפטורה זאגט מען ניט וויל דאש פאלק איילין זיך צו זייער מלאכה אוג הענדיל :

אויך דעסט גלייכין אום ראש חודש זאגט מען אויך קיין הפטורה ניט פון דעם טעם וועגין · אבר שבת אוג יום טוב זאגט מען יוא אין הפטורה · תענית צו מנחה זאגט מען אויך אין הפטורה וויל דעגמלט איילין זיך ניט דאש פאלק צו זייער ארביט : אין אטייל ערטר זאגט מען (אל ארך אפים) : אום מאנטיג אוג דאנרשטיג אין שבת צו מנחה אוג אין אין תענית רופט מען מען ניט אויף נאר דרייא אוג אום ראש חודש רופט מען אויף פיר · אוג אום יום טוב פינף אוג אום יום כיפור זעקס : אוג אום שבת זיבן : בשעת לייגין מוז זיין אמנין אוג אויב עש איז מער ניט דא נאר ניין חאטשי עש זענין פאר האנדין ווייבר אוג קינדר וואש זענין נאך ניט אלט דרייצעהן יאר טאר מען ניט לייגין מיט אברכה אויך אז דער מנין זענין אין צווייא חדרים טאר מען אויך ניט לייגין מיט אברכה : ביידין דער חזן שטייט אויף דער טיר וואש פון איין חדר אין אנדרין · דעם וואש מען רופט אויף טאר ניט מאכין דיא ברכה ביז דער חזן ווייזט וויא מווערט אים לייגין אוג ער זאל זיך אום קערין אויף אזייט אודר ער זאל צו מאכין דיא ספר תורה בשעת ער מאכט דיא ברכה : בדי מיזאל ניט מיינין דיא ברכה שטייט אין דער ספר תורה: אזו איז אויך דער דין ביא דער אנדרר ברכה וואש נאך דעם לייגין אוג מיזאל דיא מענטשין דורך אנאנדר אויף רופין אוג דעם וואש מען רופט אויף צום הויכטרשטין זאל בלייבין שטיין אויפין בלעמיר ביז מען הייבט אויף דיא ס״ת אוג זאל זיא בלייטין אז וויא דער בעל גלילה דאש פיל לייט זאלין זיא בלייטין אוג טון איר כבוד · נאך דעם לייגין הייבט מען אויף דיא ס״ת אוג מען ווייזט דאש כתב איטליכין מענטשין דרום גיט דער בעל הגבהה אויף אלי זייטין אזו וויא דער סדר איז

אטייל

אטייל קהילות זאגין תחנות אונ (יהי רצון) אונ אטייל זאגין (אב הרחמים) נאך דעם ליינין איטליכי שטאט וויא איר מנהג איז דער נאך זאגט מען (אשרי ובא לציון) :

# תפלת מנחה

**דיא** צייט פון מנחה איז נאך זעקס שעה מיט אהלבי אופין טאג אונ מיר רעכנין תמיד דעם טאג פאר צוועליף שעה : אונ אויך דיא נאכט פאר צוועליף שעה : סייא אום זומר סייא אונ ווינטר: אונ דיא צייט פון מנחה איז דרייא שעה מיט אהלבי אויפין טאג : דאש הייסט מנחה גדולה : רבי יהודה זאגט דיא צייט איז ביז עליף שעה מיט אפערטיל אופין טאג דאש איז דרייא פערטיל שעה פאר נאכט · אונ וויא איטליכר וויל זאל ער טאן נאר ער זאל זעהן גיט צו פאר זומן דיא צייט : דרום זאל זיך איטליכר אין זין ארייין נעמין ניט צו פאר זוימן דיא צייט פון מנחה : דען דיא תפלת מנחה איז מער אן גינומן בייא הקב״ה פון אלי תפלות אזו וויא מיר גיפונין אויך בייא אליהו דאש זיין תפלת מנחה איז דר הערט גיווארין אונ עש איז אראפ גיקומן אפייאר פונם הימל פאר דיא אויגין פון כל ישראל: אונ דאש איז דער טעם דרום איז דיא תפלת מנחה מער אן גינומן ווייל דעמאלט האט דער מענטש זייני רעכטי עסקים אונ ער בצווינגט זיין יצר הרע אונ גייט אונ טוט תפלה פאר הקב״ה : דען הקב״ה האט ליב דיא לייט וואש בצווינגין דעם יצר הרע : אונ האט פיינט דיא לייט וואש ציהן אים נאך : דרום [illegible] חכמים פאר באטין דאש קיינר זאל זיך ניט זעצין עסין אודר אן הייבין מלאכה פאר מנחה אפילו ער וועט זיא קאנטשין פאר מנחה ביז ער זאל פריר דאווינין מנחה: אונ וועןאיינר האט אן גיהובין איין מלאכה אודר ער האט זיך גיזעצט צו איין סעודה איז ער מחוייב אוועק צו ווארפין אונ דאווינין מנחה. · דען דיא תפלת מנחה איז חשובר בייא הקב״ה פון דיא קטורת אונ קרבנות : אזו וויא דער פסוק זאגט עש זאלין אן גנומן ווערין מייני תפלות מער פון דיא קטורת אונ מער וויא איך וואלט אויף גיהובין מייני טעניר צו ברענגין קרבנות דאש מיינט מען תפלת מנחה :

אין איין תענית מוז מען מין כוונה האבין צו מנחה וויא אנאנדרט מאל צו מנחה · דען דעמאלט איז מען הונגריג אונ מיד : אונ דאש לייב איז דער שלאגין : אזו וויא דער פסוק זאגט (תפלה לעני כי יעטוף) דאש מיינט מען דיא תפלה פון איין עני וואש ווערר זיך ארום מיט אן מעבמייקייט ער פאר גיסט זיין תפלה פאר גאט מיט כוונה : איטליכר איז מחוייב זייני הענט צו וואשין איידר ער קומט אין שיל ארייין אפילו איינר זיצט איבר איין ספר אונ לערנט טאר ער דער נאך ניט דאווינין ביז ער מוז פריר דיא הענט וואשין · ווען איינר האט אבר קיין וואשר ניט איז ער מחוייב צו גיין איין מייל וועגס וייטר פון וואשר וועגין : אונ צריק איז ער נאר מחוייב גיין אתחום שבת · אונ מער ניט: אבר אז ער ווייש איז שון שפעט דאש ער וועט מיט זיין גיין עובר זיין דעם זמן תפלה : אודר עש איז אום מיגליך וואשר צו קריגן זאל ער אפ רייבין זייני הענט אין דער וואנט :

מען דארף זאגין (אשרי) פאר שמונה [illegible] אזוי וויא דיא גמרא זאגט דער וואש זאגט אשרי דרייא מאל אלי טאג דער איז בוודאי איין בן עולם הבא : דער טעם איז ווייל דרינן שטייט (רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם) הקב״ה טוט דאש ווילין פון זייני פארכטיר אונ דער הערט זייער גישרייא אונ העלפט זייא : אזו וועט ער דער נאך דאווינין שמונה עשרה מיט אפרייליך גימיט : דיא גמרא זאגט עש זאל זיך קיינר ניט שטעלין שמונה עשרה (בקלות ראש) דאש מיינט מען אז ער רעט פריר שמיעות : אודר מכ״ש דברים בטלים : אודר ער איז אן צארין : נייארט דורך פריירין אונ פארכט אונ זאל אביסל ווארטין פאר שמונה עשרה אונ נאך שמונה עשרה אזו וויא בייא שבת ביסטו מחוייב מוסיף צו זיין (מחול על הקודש) פריר אונ דער נאך : אזו אויך ביסטו מחוייב בכבוד האלטין אונזרי שילן וואש זייא זענין אוף דעם אורט פונים בית המקדש פארין דאווינין אונ דער נאך : אויך זאגט דיא גמרא אפילו איין חרובי שיל ביסטו אויך מחוייב נוהג כבוד זיין : אזוי וויא דער פסוק זאגט (והשימותי את מקדשיכם) איך וועל פאר וויסטין אייער בית המקדש : נוא ווערט עש דאך גירופין בית המקדש כאטשי עש איז שון וויסט אונ דיא קדושה איז נאך דרויף: ווען איינר גייט אין שיל ארייין אמיצין ארויש רופין : אודר עפיס ארויש טראגין אונ אריין טראגין : איז ער זיך מחוייב אין שיל אנידר זעצין אונ זאל זאגין עטליכי פסוקים ווייל דיא שכינה רואט דרינן : אונ אויב ער קען קיין פסוק ניט זאל ער זאגין (אשרי יושבי ביתך

עוד

עוד יהללוך סלה) קאן ער דאש אויך ניט זאל ער אזו בלייבן זיצן איין ווייל: אונ זאל זיך גידענקן ווען ער וואלט גיגאנגן פאר איין שר בשר ודם אין זיין חדר אזו וואלט ער דאך גיגאנגן מיט גרויש מורא: מכ״ש פר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה: אונ ניט אזו וויא אטייל לייט מאכן אגישריא נאך דעם דאווינן וויא אין אביר הויז אונ אופט קריגן זייא זיך אין ש״ל: דאש איז איין הארבי עבירה צו דיא זעלביגי לייט וואש טואן אזעלכי ביטרי עבירות אין די ליבי ש״לן:

נון איר ליבי לייט איך וויל אייך לערנין וואש איר זאלט טאן אז עש זאל אויף אייך פאלין דיא מורא פון גאט:

איר זאלט זיך אום קערין מיטען פנים צו דער וואנט דאש איר זאלט או״ת קיינם ניט זעהן אין זייני פיר איילן בשעת דאווינן: אונ פר וועמין איר שטעלט זיך צו הירן: וועט אייך בוודאי איין מורא אן תאפין אונ דער וואש האט ניט קיין שטאט צו דער וואנט זאל ער אראפ האלטין זייני אויגן אונ זאל אויף קיינם ניט קוקין: אונ וויער עש בגערט דאש צו טאן העלפט אים הקב״ה דער צו: אז וויא דיא גמרא זאגט (הבא לטהר מסייעין לו) ווער עש קומט זיך ריינגן העלפט מען אים פון הימל: (הבא לטמא כו׳) אונ ווער עש קומט זיך מטמא זיין מיט זייני בייזי מחשבות בקומט ער אויך זיין בגער: דרום זאל איטליכר אויף זיך נעמין דיא מורא פון גאט: דער מענטש דארף גאר אן הייבין: אז וויא דיא גמרא זאגט (כל התחלות קשות) אלי אן הייבונג איז שווער: אבר דער נאך קומט עש אים גרינג אן: איר ליבי לייט לאז אייך דיא יראה קיין קליני זאך ניט זיין. דען דיא וועלט אונ יעני וועלט הענגט דרויגן אז וויא דער פסוק זאגט (ועתה ישראל מה ה׳ אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך) משה רבינו ע״ה האט גיזאגט צו ישראל נון וואש בגערט הש״י פון דיר גאר דיא זאלסט זיך פארכטין פאר גאט דיין גאט מיט דיין גאנצין הארצין אונ לייב נון זעהין מיר אז אונזר גלייבין הענגט אין גאטש פארכט: ווען דער זעלביגר מענטש וואש פארכט זיך פאר גאט טוט ניט באלד קיין עבירה: אונ אלי מצות קומין אים גרינג אן אונ ער האט דיא וועלט אין יענע וועלט: אונ דער מענטש וואש פארכט זיך ניט פאר גאט איז ביי אים אלש פאר קערט: אונ ער איז אז וויא איין גוף אן אנשמה: אז וויא עש וועט נאך בעסר בשיידט

ווערין אין פרק (ענין המצות)

דער וואש גיט אודר פארט אין וועג אודר ער רייט אויף אין פערד: אונ עש קומט דיא צייט צו דאווינן זאל ער אזו דאווינן גיזאנדיג אונ זיצנדיג אודר רייטנדיג אפילו ער קומט ניט אויש מיט זיין פנים קיין מזרח דען אז ער וועט זיך אנידר שטעלין וועט ער קיין כוונה ניט קענין האבין וויל ער אײלט צו זיין וועג: אטייל לייט זעגן זיך זיא נוהג אנידר שטעלין צו דעם ערשטין פסוק פון קריאת שמע דאש איז (שמע ישראל) אונ צו דיא הינטרשטי דרייא ברכות פון שמונה עשרה: בדי דיא זאלין קענין אויש גיין (עושה שלום) דאש איז אויך רעכט: אונ דער וואש דאווינט שמונה עשרה רייטנדיג אויפן פערד: זאל ער עש פירין דרייא טריט הינטר זיך צו עושה שלום דרום אויך ווער עש פארט אין איין וואגין אודר אין אשיף אויב ער קען זיך שטעלין איז זייער גוט פון עושה שלום וועגין: ווען איינר איז אין וועג אין איין מקום סכנה דאש ער קען ניט זיין תפלה טאן: זאל ער זאגין דיא קורצי תפלה וואש שטייט אין (אורח חיים סימן ק״י):

אונ איטליכר זאל זיך אויף שרייבין דיא (תפלת הדרך): אונ זאל עש זאגין באלד אז ער גייט ארויש פון זיין הויז: אונ עכ״פ זאל קיין מענטש ניט גיין קיין מייל אן (תפלת הדרך) אונ אז ער האט פאר געסין זאל ער עש נאך זאגין ביז אין תחום שבת פון דער שטאט וואש ער וויל דארט בלייבן גענעכטיגן:

איטליכר איז מחויב גיווארנט צו זיין צו לייאנין קריאת שמע אויף זיין בעט אזו ווערט ער בשירמט פר רוחות רעות אונ פר אלי מזיקים ר״ל: אונ ער זאל אזו לאנג לייאנין קריאת שמע ביז ער ווערט אנטשלאפין: אזו וועט אים ניט צו קומין קיין בייזי חלומות דיא זעלביגי נאכט וויל ער איז אנטשלאפין גיווארין פון דברי תורה:

אויך זאל איטליכר גיווארנט זיין דאש ער זאל זיין בצניעות אין זיין קאמיר: אונ זאל זיין העמד ניט אויש טאן ביז ער לייגט זיך אין בעט אריין: אויך אין דער פריא זאל ער עש אן טאן בצניעות דאש דיא פיר ווענט זאלין ניט זעהן זיין בלויז לייב: דער כלל פון דער זאך איטליכר זאל גידענקין (מלא כל הארץ כבודו) אז דער כבוד פון הקב״ה איז איבר דער גאנצר וועלט אונ דוא קענסט זיך ניט פר בארגין פאר אים: דער צדיק וואש האט גאטש פארכט אין זיך איז ער גוויש מדקדק אין אלי זייני מעשים אונ עש דאכט זיך אים

תמיד ער שטייט פאר הקב"ה: אז וויא דוד המלך ע"ה האט גיזאגט (שויתי ה' לנגדי תמיד) איך טוא גאט יתברך צו קענין מיר תמיד: אויך האט ער זיין זון שלמה צוואה גילאזט (בכל דרכיך דעהו) אין אלי דייני וועגין אונ מעשים גידענק אים: אונ לאז זיך דיר דאכטין דיא שטייסט פאר הקב"ה. אין דיא צוויא פסוקים הענגט (כל התורה כולה): אונ דער זעלביגער מענטש וואש האט גאטש פארכט אין זיך גידענקט ער אין דיא פסוקים אונ ער וועט בוראי קיין עבירות ניט טון אונ דיא מצות קומן אים גרינג אן אונ איז א רעכטער צדיק אונ חסיד אבער דער וואש איז ניט קיין גאטש פארכטר העלפט אים ניט אפילו קיין הונדרט פסוקים דען ער קערט זיך ניט דרינן אונ גייט נאך דעם יצר הרע: אונ ער איז פון דיא רעכטי רשעים וואש הקב"ה האט פיינט אונ זייער תפלה ווערט ניט דער הערט אבער דיא תפלה פון צדיקים איז גליבט אין גאטש אויגין אונ ער גלוסט דער צו:

סילוק הלכות תפלה: בעזרת האל אשר לו נאה תהלה: איידר איך וועל שרייבין דעם אנדרין פרק וועל איך שרייבין אין הג"ה:

דיא (יראה) אונ (אהבה) פון הקב"ה איז ניטיילט אויף צווייאן. עש איז פאר האנדין איין מענטש וואש פארכט זיך פאר הקב"ה: דאש ער וועט אים שטראפין אין זיין לייב אונ גיטש. אודר ער פארכט זיך פארין גיהנם. דיא זעלביגי יראה איז זייער גיט דאש ער פארכט זיך תמיד פאר הקב"ה. אז דער פסוק זאגט (למען תהיה יראתי על פניכם לבלתי תחטאו) דרום זאל זיין דיא פארכט פון גאט אויף אייך כדי איר זאלט ניט זינדיגן. אבער עש איז נאך פאר האנדין אבעסרי יראה דער פון. דאש איין מענטש פארכט זיך פאר הקב"ה וויל ער איז אגרויסר הער אונ האט אין זיך זייער פיל מעלות אונ גדולות. דער זעלביגר וואלט זיך גיפארכטן פאר הקב"ה ווען אפילו עש זאל קיין עונש ניט זיין: דאש איז דיא רעכטי יראה: אויף דעם האט משה רבינו ע"ה גיזאגט וואש בגערט הקב"ה פון אייך ניט מער נאר איר זאלט זיך פארכטין פאר אים דער וואש האט דיא מדה אין זיך וואול צו אים אבער דר וואש פארכט זיך פאר עונש איז עש ניט קיין רעכטי יראה. דען ווען ניט דער עונש וואלט ער עובר גיוועזן אויף אלי עבירות אונ וואלט נאך גינאגין דעם יצר הרע. אויף דעם אלביין זאגט דער פסוק (ויראת מאלהיך אני ה') זאלסט זיך פארכטין פאר דיין גאט: דען איך בין גאט וואש קען שטראפין:

דיא (אהבה) איז אויך גיטיילט אויף צוויא חלקים: עש איז פאר האנדין אמענטש וואש האט ליב הקב"ה פון שכר וועגין: דהיינו דאש ער הט אים גגעבן עושר אונ כבוד: אודר ער זאל אים געבין גן עדן: אודר פון עולם הבא וועגין: עש איז וואול גוט דאש ער האט זיין בטחון אויף הקב"ה: אבער עש איז ניט דיא רעכטי (אהבה): דען ווען ניט דאש וואלט ער אוועק גילאזט דיא (אהבה): דיא אנדרי איז דיא רעכטי (אהבה) דאש איין מענטש האט ליב הקב"ה ניט פון שכר וועגין נאר ער בגערט תמיד צו דינן צו זיין הייליגן נאמין אונ צו טאן זיין רצון פון ליבשאפט וועגין: גלייך אז וויא איין קינד וואש האט ליב זיין פאטיר אזו וויא (אברהם אבינו) האט גיטאן דאש ער האט זיך גילאזט אין פייאר אריין ווארפין פון קידוש השם וועגין: אונ אזו אויך (חנניה מישאל ועזריה) אונ נאך פיל צדיקים אונ חסידים האבן מקדש השם גיוועזן: אונ האבן זייער לייב אונ גיטש ניט גיאכט קגן דער ליבשאפט פון הקב"ה: וואול צו דעם מענטשן וואש איז זוכה צו קומן צו דער מדה וואול צו זייני עלטרין: אונ זייני קינדר אונ קינדש קינדר דורי דורות גניסן זיין זכות:

דער פרק רעט פון תשובה וויא מיזאל תשובה טאן:

# הלכות תשובה פרק שלישי

שובה (ישראל עד ה' אלהיך כי כשלת בעונך) דער נביא שטראפט דיא ישראל אונ זאגט טיא תשובה צו גאט דיין גאט דען דוא ביסט זייער גישטרויכלט אין דייני זינד: (רבי לוי) זאגט דיא תשובה איז אזו גרויס זאך דאש זיא גרייכט ביז אין הימל כסא הכבוד. וויא דער פסוק זאגט (שובה ישראל עד ה' אלהיך) דאש מיינט ביז אין דעם כסא הכבוד: אויך זאגט דער פסוק (אם תשיב ישראל אלי תשוב) ווען איר ישראל וועט תשובה טאן וועט אייער תשובה גרייכן ביז צו מיר צו מיין כסא הכבוד. (רבי יהודא בר סימון) זאגט טוט תשובה ישראל: ווען אפילו איר האט פאר לייקנט אין גאט חס: דאש איז דאך דיא הרבסטי עבירה העלפט פארט תשובה: אז וויא מיר גיפינן דאש דיא ישראל האבן עטליכי מאל עבודת גלולים גידינט. אונ הקב"ה האט זיא איבר גיענפרט צו דיא פיינט אין דיא הענט אריין: דער נאך אז זיא האבן

האבן תשובה געטאן האט נאט יתברך זיא אן גינומן : אונ האט זיא גישוקט איין נביא אונ ער האט זיא גיהאלפין פון זייערי פיינד : אונ האבן גיטאן נקמות אין זייערי פיינד : פון דעם לערנין מיר אז דיא תשובה העלפט אויף אלי עבירות אין דער וועלט : אז וויא עש ווערט דא נאך בעסיר בשיירט ווערין : רבי אליעזר זאגט דער מנהג איז אז איין מענטש איז מבזה זיין חבר פאר לייט אונ דער נאך בעט ער אים איבר זאגט ער צו אים בעט מיך איבר פאר לייט וועל איך דיר מוחל זיין · אבר אליין וויל איך דיר ניט מוחל זיין : אבר הקב״ה איז ניט אזו ווען איינר טוט איין עבירה פאר לייטן: אודר ער שענט אונ איז מבזה פאר לייטן : דער נאך אז ער שטעלט זיך אין זיין חדר אליין אונ וויינט אונ פאסט אונ טוט תשובה אונ בעט מחילה פון הקב״ה : דא איז ער אים מוחל :

אונ הקב״ה האלט אויף זיין צארין : אונ האפט אויף דער תשובה פון דיא רשעים : אז וויא מיר גיפונן בייא משה רבינו ע״ה אז ער איז ארויף גיקומן אויפן הימל האט ער גיזעהן דאש הקב״ה האט גישריבן (ה׳ ארך אפים) גאט ית׳ האלט אויף זיין צארין טאמיר וועט ער תשובה טאן : דאש אים משה רבינו ע״ה גיפרעגט פאר וועמן שרייבסטו דאש : האט אים הקב״ה גיענפערט פאר דיא צדיקים אונ פאר דיא רשעים : האט משה רבינו גיזאגט דיא רשעים לאזין באלד פלארין ווערין: אונ זיא זיא הן מיט דיין צארין : האט הקב״ה גיזאגט משה דוא ווערסט נאך קומן דער צו : אונ אז דיא ישראל האבן גיזונדיגט מיטען עגל אונ מרגלים האט משה גיבעטן (ה׳ ארך אפים) : האט אים הקב״ה גיענפערט משה דוא האסט דאך גיזאגט דיא רשעים לאזין פלארין ווערן : האט משה אן גיהויבן . אונ גיזאגט (ועתה יגדל נא כח ה׳ כאשר דברת לאמר) אצונד לאז זיך דער גרייסן דער כח פון גאט וויא דוא האסט גירעט צו זאגן דאש דוא דער לענגירסט דיין צארין צו דיא רשעים : האט הקב״ה גיזאגט יוא איך וועל אויף האלטין מיין צארין אויב זיא וועלין תשובה טאן : עש איז אנרושי זאך אונ ווען מיזאל רעכט תשובה טאן וואלט באלד גיקומן משיח :

אונ משה רבינו ע״ה האט אונז דרויף פר זיכרט ווען מיר וועלין תשובה טאן וועט הקב״ה מקבל זיין אונזר תשובה : אונ וועט אונז דער לייזן : אז וויא דער פסוק זאגט (ושבת עד ה׳ אלהיך ושמעת בקולו וגו׳) : אז וויא עש וועט נאך בעסיר בשיירט ווערין אין פרק פון דער גאולה:

רבי יהושע בן לוי זאגט דיא תשובה איז אגרושי זאך : דאש אפילו דיא עבירות ווערין אים גירעכנט פאר מצות : אונ דיא תשובה דער לענגירט אים זיין לעבין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט: אז וויא דער פסוק זאגט (ובשוב רשע מרשעתו ועשה משפט וצדקה עליהם חיו יחיה) אז דר רשע קערט ווידר פון זיין שלעכין אונ טוט משפט אונ צדקה דער לענגרט אים הקב״ה זיין לעבין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט:

(רבי חמא בר חנינא) זאגט די תשובה איז זייער גרויש דאש זיא ברענגט ארצואה אויף דער וועלט : אז וויא דער פסוק זאגט (שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם) טוט תשובה איר זינדיגי לייט וועל איך אייך שיקן איין רפואה אויף דער וועלט :

רבי אליעזר זאגט קום אונ זעה וויא איין גרושי זאך איז דיא תשובה : הקב״ה איז ניט וויא איין מענטש : ווען אז איין מענטש דער צערינט דעם אנדרן אונ דער נאך זיל ער אים איבר בעטין : אזו איז אים אספק אויב ער וועט אים מוחל זיין אונ אויב ניט אויך איז אים אספק טאמר דארף ער צו אים שיקן לייט : אודר ער זאל אים איבר בעטין מיט געלט : אבר הקב״ה איז ניט אזו ער בגערט ניט מזאל צו אים שיקן לייט אונ אויך קיין געלט נאר ווערטר אונ אגוט הארץ · אז וויא דער פסוק זאגט (קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳) נעמט מיט אייך רייד אונ קערט ווידר צו גאט אזו וועט איר בקומן אלי רעט גוטין : אויך זאגט דער פסוק (ומודה ועוזב ירוחם) דער וואש בקענט זייני זינד אונ פאר לאזט זיא ווערט ער דער בארימט : אונ זיין רייד אונ ווידוי וואש ער זאגט פאר הקב״ה איז גליך אז ער וואלט גיבראכט אלי קרבנות פון דער וועלט אונ ווען ניט תשובה וואלט דיא וועלט קיין קיום ניט גיהאט : אויך הקב״ה האט ניט גיוואלט בשאפין דיא וועלט ביז ער האט פריר בשאפין דיא תשובה : אונ דאש איז איינש פון דיא זיבן זאכין וואש זענין בשאפין גיווארין איידר דיא וועלט איז בשאפין גיווארין : ווען הקב״ה האט גוויסט דש דער מענטש ווערט בשאפין מיטען יצר הרע אזו וועט ער בודאי זינדיגן : נוא ווען הקב״ה זאל אים משפטין נאך זייני מעשים נאך אזו וואלט דיא וועלט קיין קיום ניט גיהאט : דרום האט הקב״ה

בשאפין

זיין יסורים אונ תעניתים : דערמאלט ווערט עס אים ערשט פר געבין : אבר אז איינר טוט אין עבירה וואס הענגט דריין חילול השם : דהיינו ער טוט איין עבירה בפרהסיא פאר אמנין לייט : אודר ער שווערט שבועת שוא : אודר שבועת שקר : אודר שבועת חנם דער מיט איז דאך ביא אים גאר ניט גיאכט דער כבוד פון (השם יתברך) : אודר ער איז מחלל השם מיט זייני בייזי מעשים : אודר איין תלמיד חכם וואס איז זיך ניט נוהג וויא מען דאיף : דער מיט ברענגט ער דאש דיא עמי הארצים פאר שמייעקן דיא תורה : אודר איין תלמיד חכם וואס טוט איין אום רעכט : אונ ער מאכט דאש דיא לייט טאן עש אים נאך : דעם זעלבין הילפט ניט ביז ער מוז האבין דיא פיר : תשובה : אונ יום כיפור : אונ תענית : דער נאך אז ער שטארבט ווערט עש אים פאר געבין : דיא פיר אידלייא תשובה דארף וויסן איטלכר בעל תשובה :

נאך זענין פאר האנדין זיבן זאכין וואס איטלכר בעל תשובה דארף זיא וויסן : דאש ערשטי ער מוז לידין גיהנם פון תענוגין זייני זינד : אונ מוז חשבון אפ געבין אויף זייני מעשים וואס ער האט גיטאן ביא זיין לעבין ער זאל חס ושלום ניט גידאנקין עש איז ניט פאר האנדין קיין דין ומשפט אויף יענר וועלט : דרום מאג איך טאן וואס מיין הארץ גלוסט : ווארום זאל איך פאסטין אוד וועל בעסיר לעבין אין וואויל טעג דער וואש גידענקט זיך אזו אונ טוט קיין תשובה ניט : זאל ער וויסן דאש הקב״ה וועט אים ברענגין צום דין אונ משפט וויא דער פסוק זאגט (על כל מעשיך יביא ה׳ אלהים למשפט) אויף אלי דייני זאכין וועט דיך גאט ברענגין צום משפט סייא אויף דיא גוטי סייא אויף דיא שלעכטי : אונ אפילו דיא פאר הולטי זאכין וואס דוא מיינסט עש איז שוין לאנג פאר געסין אונ דוא וועסט גיצאלט ווערין נאך דייני מעשים נאך אזו וויא דער פסוק זאגט (כי אתה תשלם לאיש כמעשיהו) דען דיא גאט בצאלסט איטלכן נאך זייני מעשים נאך : דרום זאל ער זיך גידענקין אז ער וועט תשובה טאן אין ווידוי זאגין וועט זיך גאט מרחם זיין איבר אים אונ וועט אים מוחל זיין : אזו וויא דער פסוק זאגט (מכסה פשעיו לא יצליח) דער וואס פר הולט זייני זינד : וועט ניט גלינגן : אבר דער וואס בקוינט זייני זינד ווערט דער בארימט :

דאש אנדרי ער מוז זיך גידענקין אונ בטראכטין וואש פאר עבירות ער האט גיטאן : אונ מוז זיך תמיד צום הארצין נעמין אז ער איז ארחוטא : אזו וועט ער תשובה טאן דרויף : אזו וויא דער פסוק זאגט (אחרי שובי נחמתי ואחרי הודעי ספקתי על ירך וגו׳) נאך מיין ווידר קערין האב איך מיך בדאכט וואש פאר עבירות איך האב גיטאן : אונ נאך דעם אז איך בין גיוואר גיווארין פון מייני זינד האב איך מיך גיקלאפט אויף דיא זייטן אונ אפן הארן אונ האב ווידוי גיזאגט : דאש דריטי ער מוז וויסן דעם גרוסין שכר וואש ער וועט האבין אז ער וועט רעכט תשובה טאן : אזו וויא דער פסוק זאגט (יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישוב אל ה׳ וירחמהו ואל אלהינו כי ירבה לסלוח) לאז דער רשע פאר לאזין זיין בייזין וועג אונ דער אום רעכטר מענטש זייני בייזי מחשבות : אונ זאל ווידר קערין צו גאט מיט תשובה : אזו וועט זיך הקב״ה דער בארמין איבר אים אונ צו אונזר גאט דען ער גיווערט צו פאר געבין : אונ אז ער וועט ניט גידענקין אין דעם שכר וועט ער בודאי קיין תשובה ניט טאן : דאש פערדי ער מוז גידענקין אז אלי זייני עבירות ווערין איין גישריבין אונ גיחתמת אויף אלי זייני גלידר וואש ער האט מיט זיא גיזינדיגט : אזו וויא דער פסוק זאגט (וביד כל האדם יחתם לדעת כל איש מעשיהו) אין דער האנט פון איטליכן מענטשין איז גיחתמת צו וויסן איטליכר מענטש זייני מעשים : אונ הקב״ה גידענקט אלי דיא מעשים : אזו וויא דער פסוק זאגט (הלא הוא כמוס עמדי חתום באוצרתי לי נקם ושלם וגו׳) פאר וואר אייערי שלעכטי מעשים זענין פאר חתמית אין מיין אוצר איך וועל מיך נוקם זיין אונ וועל בצאלין נאך זיין פאר דינסט נאך : נוא ווען ער וועט דרינן גידענקין וועט ער בודאי רעכט תשובה טאן :

דאש פונפטי ער מוז וויסן דאש זייני זינד ווערין אים פאר געבין אונ הקב״ה איז אים מוחל דורך רעכטי תשובה : אזו וויא דער פסוק זאגט דיא ישראל האבין גיזאגט צום נביא (כי פשעינו אתנו וחטאתינו עלינו ובם אנחנו נמוקים ואיך נחיה) אלי אונזרי שולד זענין מיט אונז אונ אונזרי זינד זענין אויף אונז אונ דורך זייא וועלין מיר מוזין צו גיין אין גיהנם וויא קענין מיר האבין דש אייביג לעבין האט זייא דער נביא גיענטפרט אזו האט גאט גיזאגט (חי אני נאום ה׳ אלהיכם אם אחפוץ במות הרשע כי אם בשובו מדרכיו וחיה) איך שווער ביא מיין אייביג לעבין זאגט גאט אייער גאט אויב איך וויל אין דעם טויט פונים רשע דש ער זאל קומן אין גיהנם נאר ער זאל תשובה טאן אויף זייני בייזי מעשים וועט ער בקומין דאש אייביגי לעבין :

דאש זעקסטי איטליכר זאל זיך צום הארצין נעמין אונ זאל וויסן וואש השי״ת האט אים גיטאן ער האט אים בשאפין מיט אלי

אלי זייני גלידר : אונ האט אים גיבראכט אויף דער וועלט : אונ האט אים גיגעבין איין הארץ צו פריבן את צו פאר שטיין איין זאך אונ אויגן צו זעהין · אונ אויערין : אונ דיא איבריגי גלידר ער זאל מיט וויא דינן הקב״ה אונ טאן זיין ווילן כדיי ער זאל זוכה זיין צו עולם הבא : אונ ער האט גיזינדיגט קעגין אים מיט אלי זייני גלידר אונ אויב ער וועט ניט גידענקן וועט ער בודאי קיין תשובה ניט טאן דרום איז איטליכר בעל תשובה מחוייב צו וועגין מיט זיין שכל דעם שכר קעגין דעם עונש אונ זאל בצייטין תשובה טאן · דאש זיבטי ער זאל לייזין דעם יאך פון דער תשובה : אונ זאל זיך אפ שיידין פון אלי עבירות וואש ער פלעגט צו טאן :

אונ אז דער יצר הרע וועט אים אן ריידין צו עבירות זאל ער אום בצווינגן · אונ זאל בעקיר פאלגין דעם יצר טוב : אונ זאל ניט קוקן אויף דעם וואש איז אים שווער אונ שלעכט אוועק צו וארפין זיין גיוויינטליכקייט ער זאל זיך גידענקן אז וויא איין קראנקן גוט מען איין ביטרי גיטראנק אונ רפואות · כדי ער זאל גיזונד ווערין אונ לעבין בלייבין · נוא וויפל איז דען נאר דש לעבין פונים מענטשין נאר זיבציג יאר : מכל שכן וק״ו דאש איינר זאל זיך וויא טואן דאש זיין נשמה זאל גיזונד ווערין אונ זאל בקומן דאש אייביג לעבין : דען אזו וויא דער קראנקיר איז קראנק אין זיין גוף אזו איז דער חוטא קראנק אין זיין נשמה · אזו וויא דער פסוק זאגט (שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם) קערט ווידר איר ווילדי קינדר וועל איך היילין אייך פון אייערי ווילדקייט אונ זינד זאוך שטייט (ושב ורפא לו) לאז ער ווידר קערין וועט אים גאט היילין אויך שטייט (הסולח לכל עונכי הרופא לכל תחלואיכי) גאט פאר גיט אויף אלי אייערי זינד אונ היילט אלי אייערי ווייטאג · נוא זעהן מיר דאך אז עש שטייט דאש לשון רפואה ביא תשובה · דרום איטליכר וואש וויל תשובה טאן מיט גאנצין הערצין זאל ער גידענקן אין דיא זיבן זאכין : אונ אויב ניט וועט ער ווייל זיין לעבין וועט זיין קיין תשובה ניט טאן : אונ אויב אפילו ער וועט יוא תשובה טאן וועט זיא ניט זיין מיט גאנצין הארצין :

אויך דיא תשובה האט פיר כללים : אונ איטליכר כלל האט פינף פרטים : אזו וויא איך וועל דא בשיידין אי״ה · דער ערשטר כלל איז ער זאל זיך בדענקן אויף זייני זינד אונ בייזי מעשים דאש אנדרי ער זאל זייא פר לאזין · דאש דריטי ער זאל בוויליגן הקב״ה מיט זיין תשובה : דאש פערדי ער זאל גידענקן דעם גרוסין שכר פונים בעל תשובה : אצונד וועל איך בשיידין דיא פינף פרטים פונם ערשטין כלל · דער ערשטיר פרט איז ער זאל באלד תשובה טאן : אונ זאל זיך פארכטין טאמיר וועט ער שטארבין איידר ער וועט תשובה טאן : אודר טאמיר וועט אים הקב״ה באלד שטראפין אויף דער וועלט וויא דער פסוק זאגט , ותנו כבוד לה׳ אלהיכם בטרם יחשיך) גיט כבוד צו אייער גאט איידר עש ווערט פינצטר אייער ליכט : אויך זאגט דער פסוק (זכור את בוראך בימי בחורותיך עד אשר לא יבואו ימי הרעה) גידענק דיין בשעפר אין דייני יונגי טעג איידר עש וועלין קומין דיא בייזי טעג · פלומר טיא תשובה אין דיין יוגנט · דען אויף דער עלטיר וועט דיר שווער אן קומין · דער אנדרר פרט ער זאל הונגר טעניג זיין פאר הקב״ה פון וועגין זייני זינד וויא דער פסוק זאגט (ויכנעו עמי אשר נקרא שמי עליהם) : זייא זאלין הונגר טעניג זיין מיין פאלק כדי עש זאל גירופין ווערין מיין נאמין אויף זייא : אויך שטייט (ובהכנעו ישוב חרון אף ה׳ ממנו) דער וואש איז זיך מכניע קעגין גאט קערט ער ווידר זיין צארין פון אים :

דער דריטר פרט איז דער וואש וויל זיין ארעכטיר בעל תשובה זאל ער פר ענדרין זייני קליידר אונ זיין עסין אונ טרינקן אונ זייני רייד : דען איין בעל תשובה דארף טאן איטיל מעשים טובים : אונ זאל גיין אין איין רעכט פארטיגן וועג : אויך זאל ער זיך זעצין אויף אנדר אורט וויא ער פלעגט פריר צו זיצן : סייא אין שיל סייא אין דער הייזאוך זאל ער וואנדרוין פון איין שטאט אין דער אנדריר · אונ דאש איז זייער מכפר דען צווישין פרעמדי ווערט מען זייער הונטר טעניג : אונ זאל זיך פארכטין פאר דיא עבירות וואש ער פלעגט צו טאן · דהיינו האט ער גיזונדיגט מיט איין אשה זאל ער מיט קיין שום אשה ניט ריידין אונ ניט קויפין אונ פארקויפין איר · סייא מיט אלמנות סייא ניט בתולות · אונ זאל תמיד זיצין אונ וויינין אונ שרייאן וויא איבר מייני זינד וואש איך דאב גיטאן אונ זאל בעטין פון הקב״ה ער זאל אים מוחל זיין אונ זאל מקבל זיין זיין תשובה · אז וויא דער פסוק זאגט (קרעו לבבכם ואל בגדיכם) צו רייכט אייערי הערציר מיט וויינין · אז וועט איר ניט צו רייסין אייערי קליידר איבר אייערי קינדר : דען פון דיא זינד וועגין שטארבין דיא קינדר ר״ל : דער נאך זאגט דער פסוק (ושובו אל ה׳ אלהיכם) אונ טיט תשובה צו גאט אייער גאט · אויך זאגט דער פסוק (על זאת הגרו שקים וספדו והיללו) אויף דעם דאזיגן גערט אן זעק אונ קלאגט אונ וויינט : אויך שטייט (הלכוף כאגמון ראשו ושק ואפר יציעו ויתכסו שקים האדם והבהמה ושובו אל ה׳) בוקט אייער קאפ אז וויא איין טשרעטיל : אונ טיט אן איין זאק אונ אש אויף אייער קאפ · לאזין זיך בדעקן מיט זעק דיא מענטשין אונ בהמות : דאש מען מיינט דיא שלעכטי לייט זעגין וויא דיא בהמות : אונ טיט תשובה דען דיא גרייכט ביז אין דעם כסא הכבוד פון גאט :

דער פערדיר פרט ער זאל זיך פאר וואונדרין אויף דעם וואש ער האט גיטאן אזעלכי גרושי עבירות · אונ זאל וויינין אונ זיפצן אונ טרויארין דרויף : ווי דער פסוק זאגט (פלגי מים ירדו עיני

עיני על לא שמרו תורתיך) טאכין מיט וואשיר האבין גירונן מיני אויגין איבר דיא לייט וואש היטן ניט דיין תורה · דער פיפטר פרט איז ער זאל תמיד אזו זאגין וויא צו מיר דאש איך האב זיך ניט גישעהמט אזעלכי עבירות צו טאן : וויא האב איך גיקענט אזו דער צערנן מיין ליבן גאט יתברך אז ער וועט זיך אזו איין ריידין וועט ער בוודאי תשובה טאן : וויא דער פסוק זאגט (כי אחרי שובי נחמתי ואחרי הודעי ספקתי על ירך בושתי וגם נכלמתי וגו׳) נאך מיין תשובה האב איך מיך גיבראכט · אונ נאך דעם אז איך בין גיוואר גיווארין פון מיני זינד האב איך מיך גישעהמט דא וועל איך שרייבין דיא פינף פרטים פונם אנדרן כלל : דער ערשטיר פרט איז ער זאל פאר לאזין זייני בייזי מעשים : אונ

זאל טאן איטלי מצות אונ דאש ווילן פון הקב״ה פון ליבשאפט וועגין · וויא דער פסוק זאגט (שנאו רע ואהבו טוב) האט פיינט בייז אונ האט ליב גוטץ : אויך שטייט (שש הנה שנא ה׳ ושבע תועבת נפשו עינים רמות ולשון שקר וידים שופכות דם נקי לב הורש מחשבת און רגלים ממהרות לרוץ לרעה יפיח כזבים עד שקר ומשלח מדנים בין אחים) זעקס ענין וואש הקב״ה האט פיינט ואונ דש זיבטי איז פר אום ווערדיגט זיין לייב : דיא הויכע אויגין דאש מיינט מען בייזי אויגין וואש פאר גינט ניט די לייטין : אונ דיא פאלשי צינג : אונ דיא הענט וואש פאר גיסן אום שולדיג בלוט : דאש מיינט מען דער וואש פאר שעהמט זיין חבר דא פאר גיסט ער זיין בלוט אונ דאש הארץ וואש טראכט אים רעכט : אונ דיא פים וואש לויפין צו בייזין : אונ דער וואש זאגט פאלש עדות : אונ דער וואש מאכט קריג צווישן איינם אונ זיין חבר · אויך שטייט (שומר ידו מעשות כל רע) ער זאל היטין זייני הענט פון צו טאן אלי דאש בייזי : אויך שטייט (יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישוב אל ה׳ וירחמהו ואל אלהינו כי ירבה לסלוח) לאז דער רשע פאר לאזין זיין בייזין וועג : אונ דער אום רעכטיר מענטש זייני בייזי מחשבות : אונ זאל ווידר קערין צו גאט וועט ער זיך דער בארמין איבר אים : אונ צו אונזר גאט דען ער מערט צו פאר געבין : למשל ער זאל ניט קוקין אויף איין אשה וואש איז אסור צו אים : אודר אויף איין אנדרי זאכין · דער אנדריר פרט איז ווען עש קומט אים אריין איין שלעכטי מחשבה זאל ער טראכטין אמצוה צו טאן : אודר צדקה צו געבין אז וויא דער פסוק זאגט (ולא תתרו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם) : אונ איר זאלט ניט

אום קערין נאך אייערי הערצר אונ אויגין בייז צו טאן :

דער דריטר פרט איז ער זאל פאר לאזין דיא עבירות פון זיין תשובה וועגין : אונ פון גאטש פארכט וועגין : אז וויא דער פסוק זאגט (סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי) עש האט גיצוילט פאר דיין פחד מיין לייב : אונ פאר דייני משפטים טיא

איך מיך פארכטין אונ נאך שטייט (יראה ורעד יבא בי ותכסני פלצות) פארכט אונ שרעקניש איז גיקומן אין מיר אונ עש האט מיך בדעקט ציטרניש : דער פערדיר פרט איז ער זאל פאר לאזין די עבירות פון וועגין גאטש פארכט · ניט ער זאל ווייזין פאר לייטין אז ער איז פרום : אונ דאש הארץ איז גאר אנדירש אז וויא דר פסוק זאגט (ותהי יראתם אותי מצות אנשים מלומדה) גאט האט גיזאגט צום נביא דיא פארכט פון ישראל פאר מיר איז גאר וויא די מענטשן וואש טיאן זייער גיוויינטליכקייט : למשל ער איז גיוויינט צו גיין אין שיל אריין · אונ טוט עש ניט פון מצוה וועגין · אודר ער דאווינט אן כוונה · דאש מויל רעט אונ דאש הארץ ווייסט ניט וואש : איין בעל תשובה דארף זיך דער ווייטרין דער פון : נאר ער זאל זיין כוונה האבין צו גאט יתברך :

דער פיפטר פרט איז ער זאל פאר לאזין זייני עבירות : אונ זאל אויף זיך נעמין ער זאל ווייל ער זיין לעבין וועט ער קיין בייזי מעשים ניט צו טאן · אז וויא דער פסוק זאגט (ולא נאמר עוד למעשה ידינו אלהינו) מיר וועלין ניט זאגין גאט צו אונזרי מעשים · כלומר מיר וועלין ניט זאגין צו דער עבודת גלולים דוא ביסט אונזר גאט אויך זאגט דער פסוק (אם פעלתי און לא אוסיף) אויב איך האב גיווערקט אום רעכט : וועל איך שוין ניט מערין צו טאן אזעלכים : דא וועל איך שרייבין דיא פינף פרטים פונם דריטן כלל :

דער ערשטיר פרט איז דעם בעל תשובה זאל זיך דונקן זייני עבירות זענין זייער גרויש : אונ אפילו ער האט גיטאן אקליני עבירה פאר לידט ער אויך פיל גוטש : אז וויא דער פסוק זאגט (וחוטא אחד יאבד טובה הרבה) פון וועגין איין חטא וועט ער פאליהן פיל גוטש : דער אנדריר פרט איז עש זאל זיך אום האבין דיא עבירה שטייט פאר אים : אז וויא דער פסוק זאגט (וחטאתי נגדי תמיד) מיין זינד איז קעגין מיר תמיד דער דריטר פרט איז ער זאל אויף שטיין פאר טאג אונ זאל תפלה טאן צו גאט אז ער זאל מקבל זיין זיין תשובה : אז וויא דער פסוק זאגט (קומי רני בלילה לראש אשמורת) שטייא אויף אונ טיא תפלה ביא נאכט אין אן הייב פון דער דריטר (אשמורה) דען די נאכט איז גיטילט אויף דרייא (משמורות) דאש איז חלקים : אונ זאל זאגין ווידוי אונ תחנות : דען דיא וועלביגי צייט גידענקט הקב״ה אין זיין בית המקדש וואש איז חרוב גיווארין : אונ דאש זייני קינדר זענין פאר טריבין גיווארין : אונ גידענקט אין זייני צדיקים אונ חסידים וואש לאזין זיך אום ברענגין פון קידוש השם וועגין :

דרום

קענין בשטיין : אז וויא דער פסוק זאגט (ומי יכלכל את יום בואו וגו׳) ווער קאן אויש ליידן דעם טאג פון זיין קומן : אונ

דיא חופה איז ניט מכפר סיידן דורך תשובה : דאש אנדרי הקב״ה איז ניט מוחל בשעת דער חופה דעם וואש האט גקענט

געהענט תשובה טאן אונ האט ניט תשובה געטאן : דאש זענין דיא הארבי פיר עבירות וואש האלטין אויף פון דער תשובה :

נאך זענין פאר האנדין פינף זאכין פון דיא פיר אונ צוואנציג וואש האלטין אויך אויף דעם מענטשין פון תשובה : אבר דיא ערשטי פיר זענין הארבר דער פון : דאש ערשטי ווער עש שייד זיך אפ פונם קהל ווען זיא טואן תשובה אודר דאש קהל האבין גוזר תענית געוועזן אונ ער שייט זיך אפ דער פון : אזו איז ער ניט זוכה צו זעהן אין זייער נחמה : אונ ער האט קיין חלק ניט אין זייערי (זכיות) : דאש אנדרי דער וואש קריגט אויף דיא רייד פון דיא חכמים : דער פון קומט דאש ער גייט ניט צו זייא : אונ לערינט זיך ניט פון זייא דעם וועג פון תשובה : דאש דריטי ווען איינר זעהט זיין חבר אמצוה טאן שפעט ער אונ לאכט פון אים : דאש פערדי ווער עש איז מבזה זייני רבנים : אונ רעט אויף זייא שענדליכי רייד : דאש פונפטי דער וואש האט פיינט שטראף דאש ער זאגט צו זיין חבר עש דארף מיך קיינר ניט שטראפין : ציא דיך זעלברט בייא דיין נאז : דאש מיינט מען שטראף דיך זעלברט : אונ קריגט זיך מיט אים : דער זעלביגר הייסט איין לץ אונ איין (כסיל) דאש האט אין זיך צווייא טייטשין : (כסיל) איז איין נער : אודר איין רשע : שלמה המלך ע"ה האט אויך געזאגט מיזאל קיין לץ אונ קיין כסיל ניט שטראפין דריבר קען ער אויך קיין תשובה ניט טאן : דען ער האלט זיך פאר איין פרומין מאן : אונ אז דער רב אונ דרשן פון דער שטאט קומט שטראפט דיא לייט קומט ער ניט צו דער דרשה אונ אפילו ער קומט שון יוא הערט ניט צו אונ קערט זיך ניט דער צו : דען זייני מעשים געפעלין אים זייער וואל :

נאך זענין פאר האנדין · פינף זאכין פון די פיר אונ צוואנציג וואש דריבר קען דער מענטש קיין תשובה ניט טאן סיידין דורך שווערקייט · דאש ערשטי דער וואש שעלט פיל לייט דען ווען איינר שעלט איין מענטשין קען ער אים איבר בעטין : אונ אז ער איז אים מוחל איז אים הקב"ה אויך מוחל · אבר פיל לייט ווייסט ער ניט וועמין צו בעטין : דרום קען ער ניט תשובה טאן סיידין דורך שווערקייט : דאש אנדרי ווער עש טיילט זיך מיט אגנב · דער גנב זעלברט קען בעסר תשובה טאן פון אים · דען ער ווייסט בייא וועמין ער האט גיגנבית אזו קערט ער עש אים אום: אודר ער בעט אים ער זאל מוחל זיין : אבר דער זעלביגר מענטש העלפט נאך דעם גנב : אונ ער מאכט אים מער גנבן · אונ ער ווייסט דאך ניט וועמין צו געבין אודר פון וועמין ער זאל בעטין מיזאל אים מוחל זיין דרום איז זיין תשובה דורך שווערקייט : דאש דריטי ווער עש געפונט עפיס אונ לאזט ניט אויש רופן : דאש פערדי ווער עש גזלת עניים אודר יתומים אונ אלמנות : דאש פיפטי דער וואש נעמט שוחד איינם צו צו פסקינן דש איז אויך אגרושי עבירה ווייל ער ווייסט ניט וויפל געלט ער האט יענים אויש געבראכט מיט דעם וואש ער האט דעם צו געפסקת :

נאך זענין פאר האנדין פינף עבירות פון דיא פיר אונ צוואנציג דאש איבר זיא קען ער ניט תשובה טאן · ווייל זיא זענין בייא אים גרינג : אונ ניט געאכט אין זייני אויגן · דאש ערשטי ווער עש עסט מיט איין בעל הבית אונ דער בעל הבית זעלברט האט ניט גינוג צו עסין חאטשי ער האט אים דאך געבעטין עסין : הייסט עש דאך איין (אבק גזל) דאש אנדרי ווער עש לייאט געלט איין ארומאן אויף אזו איין משכון וואש דער ארומאן האט זיין פרנסה דער פון : דהיינו איין האק אודר איין זעג אונ ער ניצט דער מיט : דש ער טראכט וואש שאט עש דער כלי · דאש איז אויך איין אבק גזל : דאש דריטי ווער עש קוקט אויף דיא ווייבר וואש זענין אסור צו אים אונ האט הנאה דער פון : דאש איז אויך איין הארבי עבירה : דען ער טראכט איך האב מיט זייא חלילה קיין עבירה ניט געטאן אזו טוט ער קיין תשובה דרויף ניט · אז וויא דער פסוק זאגט (ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם) איר זאלט ניט אפ קערין נאך אייערי הערציר אונ אייערי אויגן · דאש מיינט מען איר זאלט ניט גלוסטין מיט אייערי הערציר אונ אויגן וואש אסור איז · דאש פערדי ווער עש איז זיך (מתכבד) מיט דער שאנד פונם חבר · דש מיינט מען ער האלט זיך חשוב אונ דער מיט איז ער מבזה זיין חבר אונ שענט אים : אפילו דער חבר איז ניט דער ביי איז עש אויך אגרושי עבירה · דער טוט אויך קיין תשובה ניט דען ער טראכט זיך וואש האב איך יענים געטאן : דש פונפטי ווער עש איז חושד (בכשרים) איין ערליכן מאן אז ער האט אום רעכט געטאן : דער טוט אויך קיין תשובה ניט · דען ער טראכט זיך וואש האב איך יענים געטאן :

נאך זענין פאר האנדין פינף הארבי עבירות פון דיא פיר אונ צוואנציג

צוואנציג וואש דער מענטש קען זיך ניט אפ גיווינן פון זיא: אז וויא דיא גמרא זאגט ווען עש מיט איין עבירה צוויא דרייא מאל · איז זיא ביא אים שוין גליך וויא איין היתר : דרום מיט ער דרויף קיין תשובה ניט : דרום מוז איטליכר זייער אונ זייער גיווארנט זיין אוועק צו ווארפין דיא שלעכטי מידות : דאש ערשטי איז רכילות אונ לשון הרע : דאש אנדרי איז איין רגזן : דאש דריטי איז דער וואש פלוכט איין חכם אודר אפילו זיין אייגן קינד אודר אפילו זיך זעלברט · דאש פערדי ווער עש שווערט פאלשי שבועות אודר אום זוסטי שבועות : דאש פופטי ווער עש טראכט שלעכטי מחשבות אונ דער וואש בהעפט זיך צו רשעים · דען ער לערנט זיך פון זיא קיונטש ניט. דיא אלי טיאן קיין תשובה ניט : דען וויל זיא זענין גיוואונט דרינן איז עש ביא זיא קיין עבירה ניט · נון ליבי לייט דאש זענין דיא פיר אונ צוואנציג זאכין וואש דער לאזין ניט דעם מענטשין תשובה צו טאן : דאך ווען ער טיט יוא תשובה דרויף הייסט ער אויך איין בעל תשובה : אונ האט אויך איין חלק לעולם הבא :

(בזמן שבית המקדש היה קיים) אין דער צייט אז דאש בית המקדש איז גישטאנין ווען איינר האט איין עבירה גיטאן : אונ האט דרויף תשובה גיטאן · אז עש יז גיקומן יום כיפור האט מען גינומן איין ציקלי אונ מיהאט עש אוועק גישוקט (לעזאזל) · אין דער מדבר אריין · דא האט דאש זעלביגי ציקלי מיט זיך גינומן אלי דיא עבירות פון כל ישראל אין דער מדבר אריין אבר אצונד בעו״ה האבן מיר קיין בית המקדש ניט : אבר דיא תשובה איז נאך גיבליבן : אונ אפילו ווען איינר איז גיוועזן ארשע אלי זייני טעג אונ טיט תשובה אידר ער שטארבט · אזו ווערין אים פאר געבין אלי זייני עבירות : אונ עש ווערט אים ניט גידאכט קיין שום עבירה : אדרבה זייא ווערין אים נאך גירעכינט פאר מצות : אז וויא דער פסוק זאגט (ורשעתו לא יכשל בה ביום שובו מרשעתו) אונ זיין שלעכין פונם רשע ווערט ער ניט גישטרויכלט אין דעם טאג ווען ער טיט תשובה דרויף · (איזהו היא תשובה גמורה) וועליכס איז דיא רעכטי תשובה וואש נאט חיל האבן פונם מענטשין · אונ זיא איז גיליבט אין זייני אויגן : דאש איז ווען דער מענטש טיט סיא איז גרינגי סיא איין הארבי עבירה אונ האט חרטה דרויף · אונ זאגט וידוי · אונ דער נאך קומט אים ווידר דיא עבירה צו דיא הענט · אונ ער האט זיא בכח צו טאן : אונ טיט זיא ניט · למשל ווען ער האט עפים גיגנבת : אונ טיט תשובה דרויף : אונ דער נאך קומט אים ווידר צו דיא הענט דאש ער וואלט ווידר גיקענט גנבנען : אונ קיין מענטש וואלט ניט גיוואר גיווארין דער פון אודר ווען איינר האט מזנה גיוועזן מיט איין אשה · אונ טיט תשובה דרויף דער נאך קומט דיא אשה ווידר צו אים : אונ ער טיט ניט דיא עבירה : דאש איז דיא רעכטי תשובה וואש נאט וויל האבין : אז וויא דער פסוק זאגט (וזכור את בוראך בימי בחרותיך) גידענק דיין בשעפר אין דיין יוגנט אז דוא האסט נאך בכח דיא עבירה צו טאן לאז זיא אוועק פון וועגין דיין בשעפר וואש האט דיך בשאפין: אונ ווער עש טיט תשובה ערשט אויף דער עלטיר : חאטשי זיא איז ניט אזו גוט וויא דער וואש טיט תשובה אין דער יוגנט ווערט ער דאך גירעכינט פאר איין בעל תשובה : אונ אפילו ער איז גיוועזן איין רשע גמור אלי זייני טעג נאר דעם טאג פארין טויט טיט ער תשובה אונ שטארבט אין דער תשובה ווערין אים אויך פאר געבין אלי זייני עבירות : אז וויא עש שטייט אין פרק (שוב יום אחד לפני מותתך) · טיא חאטשי תשובה אטאג פארין טויט אזו הייסט עש אויך איין תשובה :

אויך זאגט דער פסוק (תשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם) הקב״ה ברענגט יסורים אויפן מענטשין דאש ער זאל תשובה טאן אידר זיין נשמה גייט אים אויש : אונ דאש איז אים אויך גירעכינט פאר איין תשובה : אונ זייני עבירות ווערין אים פאר געבין : אויך זאגט דער פסוק אין איוב (ותקרב לשחת נפשו וגו׳) אידר עש גינעהנט צו דער גרוב זיין לייב דאש אידר זיין נשמה גייט אים אויש · אונ ער בעט צו נאט מיט תשובה אונ וידוי : אזו איז עש אויך בווילגט צו נאט : אזו וויא מיר גיפינן אין דער גמרא עש איז גיוועזן איינר וואש האט גיהייסן רבי אליעזר בן דורדיא : וויא אונ דיא פרקים שטייט נוא זעהן מיר דאך ווער עש איז איין רשע אלי זייני טעג אונ איין שעה פאר זיין טויט טיט ער תשובה · אזו איז זיא אן גינומן : אונ ער האט עולם הבא : אונ דער תנא זאגט אויך אין פרק קו״ק דיך ארום בצייטין דיא זאלסט ניט פאר זוימן דעם טאג פארין טוט אן תשובה: דרום איז איטליכר מענטש מחוייב אלי טאג תשובה צו טאן : ווייל ער ווייסט דאך ניט ווען ער וועט שטארבין: דרום הייסט הקב״ה (נוראה״ן ער ווערט גיפערכט : וואלט

ער

ער ניט מוחל געווען די עבירות: דא וואלט איטליכער פארט עבירות געטאן אונ וואלט זיך ניט געפארכטן פאר הקב״ה: אבער וויל הקב״ה איז יא מוחל די עבירות: אזו האט איטליכער מורא פאר הקב״ה: אונ מיט תשובה טוט ער זאל אים מוחל זיין די עבירות דען עס איז אמשל אין שר וואס האט ליב אטייל חשובים אונ זיא זענין זייער חשוב אונ הויך גיאכט אין זייני אויגן: אמאל האלטין די שרים צווישן זיך איין עצה אונ גייאן ביא נאכט אונ עפנין אויף דעם אוצר אונ גנבינן גאלד אונ זילבער אונ אבנים טובות: אין דער פריא שטייט ער אויף אונ געפינט דאס זיין אוצר איז אפין אונ עס איז אלש ארויש גינגבת: דא גיבייט דער שר זייני קנעכט דאס זיא זאלין נאך קלערין ווער עס האט דיא מעשה געטאן דיא קנעכט זענין גיוואר גיווארין אונ גייאן צום שר אונ זאגין צו אים ווייסט איר ווער עס האט דאס געטאן אייערי ליבי שרים וואס איר האלט זיא אזו חשוב: זיא האבן אייך בגנבת: אזו איז זיך דער שר זייער מצער אויף זייני חשובים מער וויא אויף זיינע טעשי אונ ער וואלט זיא גערן בשירקט פון דעם פאלק וואס ווילן אין זייער נקמה: אזו הייבט ער אן צו זאגין צו זייני קנעכט איר זאגט ליגנרם גייט אונ ברענגט זיא פאר מיר וועל איך זעהן אויב זיא האבן עס געטאן אידר ניט אונ ער שיקט שטילר הייט צו זיא איין גיטרייאן קנעכט ער זאל זיא זאגין ווארפט אריין דיא גניבה אין ים אריין: דען מיר גייט ניט אין געלט איך האב נאך פיל אוצרות: אונ דיא עבירה איז ניט גיאכט אין מייני אויגן קינן אייער ליבשאפט: אזו האבן אלי אריין גיווארפין דיא גניבה אין ים אריין: נאר איינר האט זיך גיפונן וואס האט בהאלטין זיין גניבה: נון אז זיא קומן פארין שר שטעלט ער זיך קעגין זיא זייער צארינג אונ הייסט זיא בזוכן: אונ הייסט זיא אויש טין זייערי קליידר אונ גיפינט ביא קיינים ניט נאר ביא דעם איינם: אזו ווערט ער זייער ברוגז אויף אים: אונ זאגט דיא אנדרי עבירה וואס דוא האסט געטאן איז ערגיר פון דער ערשטיר: דען פריער האב איך זיך גיטראכט עס איז קיין חידוש ניט דען עס קען זיין דער יצר הרע האט דיך אן גירעט: דרום האב איך דיר גילאזט ווארנין דוא זאלשט די גניבה אין ים אריין ווארפין: אונ דוא האסט מייני רייד ניט פאר גומן: אונ דייני חברים האבן מיך יוא גיפאלגט נון זעה איך דיין ביז הארץ: אזו וועל איך דיר דיין שכר געבין

אונ האט אים געהייסן אן טאן גרושי יסורים: אונ דיא אנדר האט ער אהיים גישיקט מיט גוטין מיר: אונ דער רשע מוז יסורים ליידין פאר זיא אלי: אזו איז דאס אויך הקב״ה האט גישיקט זייני גיטרייאי משרתים דאש זענין דיא נביאים אונ האט זיא גיווארינט אויף דער תשובה אונ זיא זאלין פון זיך אראפ ווארפין דיא זינד אידר זיא קומן צום משפט אונ דער רשע וויל זייני זינד ניט אראפ ווארפין: אונ האלט זיא ביא זיך: דא איז ערגיר פון דעם וואש ער האט די עבירה גיטאן: דען פריער האט אים דער יצר הרע בצוואונגין: אבר דא זעהט ער דאך זיין טויט פאר זייני אויגן אונ האלט פארט ביא זיך דיא עבירות אונ קערט זיך ניט צו דיא רייד פון דיא נביאים וואש האבן גיזאגט טוט תשובה איר קינדר ישראל אזו וועט איר האבן דאש איביגי לעבין: אונ אויב ניט וועט איר פלוצלינג שטארבין אונ וועט פאלירן אייער עולם הבא: אבר דער וואש טוט תשובה אפילו אשעה פארין טויט האט ער אחלק לעולם הבא אזו וויא מיר זעהן וויא עס איז גיגאנגין מיט (רבי אלעזר בן דורדיא):

אזו אויך זאגט דער פסוק (טוב שם משמן טוב כו׳) עס איז בעסר איין שם טוב פון אלי שמעקנדיגי אייל: אזו איז אויך בעסר דער טאג וואש דער מענטש שטארבט אין איז מיט תשובה איידר דער טאג וואש ער איז גיבארין גיווארין: דען אז דער מענטש ווערט גיבארין איז איין ספק אויב ער וועט שטארבין מיט תשובה אונ אויב ניט: אבר ווען ער איז שוין גישטארבין מיט תשובה דא איז גיט זיין חלק אויף יענר וועלט צו עולם הבא: דרום זאל איטליכר בצייטין תשובה טאן איידר זיין זין גייט אונטר דאש מיינט מען איידר עס קומט דיא צייט ער זאל שטארבין: נון וועל איך בשיידין וועלכם עס הייסט אין רעכטי תשובה: דאש ערשטי ער מוז פאר לאזין זייני עבירות זיא ניט צו טאן: דאש אנדרי ער זאל אין זיין מחשבה האבין ער וויל דיא עבירות שוין ניט טאן: דאש דריטי ער זאל זיך תמיד ברענקן: אונ זאל חרטה האבין אויף דעם וואש איז אים גישעהן: אונ זאל זיך דרויף זייער מצער זיין: דאש פערדי ער מוז זיין מחשבה לויטר מאכין ביז דאש הקב״ה זעלברט ווערט אויף אים עדות זאגין דאש ער האט שוין דיא עבירות ניט גיוואלט טאן: דאש פונפטי ער מוז ווידוי זאגין: אונ בקענין זייני זינד פאר הקב״ה אונ אין זיין ווידוי זאל ער כוונה האבין ניט צו טאן

טאן דיא עבירות : אונ זאל דרויף חרטה האבין אונ זאל זיך מצער זיין : אין אויב ער איז דאש ניט מבוין איז זיין תשובה אונ ווידוי גאר ניט גירעכינט : ניט אזו וויא אטייל לייט זאגין ווידוי אן כוונה : אונ ווייסין ניט וואש זייא זאגין : דש זעקסטי ער מוז ארויש ריידין מיט דעם מויל איטליכי עבירה באזונדר : אונ דרויף בקענין אונ חרטה האבין פאר הקב"ה :

אג ער זאל זאגין זיין ווידוי שטילר הייט : דאש קיינר זאל אים ניט הערין : אדרבה עש איז איין עזות קייט ווער עש בקענט זייני זינד פאר לייטין : דרום איז דאש אויך גיוועזן איינש פון דיא ניסים וואש זענין גיוועזן אין בית המקדש דאש בשעת זייא זענין גישטאנין זענין זייא גישטאנין זייער ענג : אונ בשעת זייא האבין זיך גיבוקט איז גיוועזן ווייט איינר פונם אנדרין פיר איילין דאש קיינר זאל ניט הערין דיא ווידוי פון זיין חבר · דאש איז אלש גירעט גיווארין פייא דיא עבירות וואש צווישין אים אונ צווישין הקב"ה : אבר ווען איינר האט איין אום רעכט גיטאן קעגין זיין חבר פייא מיט געלט : אודר מיט אנאנדר זאך : איז זיין תשובה ער זאל זאגין פאר לייטין ליבי רבותי איך האב מיין חבר אום רעכט גיטאן : אצונד בעט איך פריר מחילה פון הקב"ה : דער נאך פון מיין חבר : איך האב גיזונדיגט צו גאט יתברך דער נאך צו מיין חבר : היינט האב איך חרטה אונ בין אויף מיר מקבל תשובה דאש איך וועל אים שוין קיין מאל קיין אום רעכט ניט טאן אונ אויך ניט קיין אנדרין דאש איז דיא רעכטי תשובה : אויך זאל איטליכר מענטש וויסין דאש יום כיפור איז ניט מוחל דורך תשובה נאר דיא עבירות וואש צווישין אים אונ צווישין הקב"ה דהיינו ווען איינר האט גיזונדיגט מיט אזונה · אודר ער האט גיגעסין טריפות אודר נבילות : אודר רעכט גלייכין אנדרי עבירות דרויף דארף ער זייני עבירות ניט בקענין פאר לייטין : נייארט ער זאל דאש פארכטין מיט פאסטין אונ חרטה אונ ווידוי אונ תשובה אבר דיא עבירות וואש זענין צווישין אים אונ זיין חבר מוז ער פריר זיין חבר איבר בעטין אז וויא אויבין שטייט :

אח אויך אפילו ער האט זיין חבר נאר דער צערינט מיט רייד מוז ער אים איבר בעטין : וויל ער עש אים ניט מוחל זיין : זאל ער אים איבר בעטין פאר דרייא לייט : וויל ער אים נאך ניט מוחל זיין זאל ער ווידר נעמין אנדרי דרייא לייט : אזו ביז דרייא מאל : אבר אז ער וויל אים נאך דעם אלים נאך ניט מוחל זיין זאל ער אים לאזין גיין : אונ דיא עבירה איז אויף אים : ווייל ער איז אזו אום דער באדמיג אונ וויל אים דיא עבירה ניט מוחל זיין : וויא זאל אים דען גאט זייני זינד מוחל זיין : אונ דעם וואש איז גרינג צו דער צערינן : אונ איז שווער צו בווילגן דער איז ניט פון דיא קינדר פון אברהם אבינו : דרום זאל איטליכר באלד מוחל זיין כדי גאט זאל אים אויך באלד מוחל זיין : אויך דער וואש וויל ניט מוחל זיין ווערט זיין תפלה ניט דער הערט : אדרבה ער מאכט דאש זייני זינד ווערין גידאכט : דען מען זאגט וויא אזו זאל אים גאט מוחל זיין זייני זינד : ער האט דאך יענים ניט גיוואלט מוחל זיין : דרום ווערט זיין תפלה פאר שטופן : אונ ווערט ניט דער הערט : אונ ווען זיין חבר איז גישטארבן איידר ער האט אים איבר גיבעטין : זאל ער נעמין צעהן לייט : אונ זאל זיך שטעלין אויף זיין קבר : אונ זאל זאגין איך האב גיזונדיגט צו גאט פון ישראל אונ צו דעם (פלוני) וואש ליגט דא אין דעם קבר : אונ אויב ער איז דעם מת עפיס שולדיג גיבליבן זאל ער עש אפ געבין זייני יורשים : אונ אויב עש איז ניטא קיין יורשים זאל ער עש אפ געבין דעם בית דין : דר בעל תשובה זאל זיך ניט אריין נעמין אין זינן דש הקב"ה האט אים פיינט פון וועגין זייני עבירות וואש ער האט גיטאן פאר זיין תשובה : עש איז ניט אזו · אדרבה ער איז נאך גיליבט אין דיא אויגן פון הקב"ה גלייך וויא ער איז ערשט נייא גיבארין : אונ נאך מער זייני זינד ווערין אים גירעכינט פאר מצות : ווייל פריר האט ער הנאה גיהאט פון דער עבירה : אונ אצונד לאזט ער אוועק דיא הנאה את זיא איז אים מיאוס : אונ בצווינגט זיין יצר הרע : אונ פר לאזט זייני בייזי מעשים :

דיא חכמים זאגין אפילו דיא רעכטי צדיקים קענין ניט שטיין אויף דעם אורט וויא דיא בעלי תשובה שטייאן לעו"ה : איך וועל דא קורץ בשיידין דיא זאך : איין בעל תשובה האט פאר זוכט דיא הנאה פון עבירות : אונ פאר לאזט עש פון זיין תשובה וועגין : אבר דער צדיק האט ניט פאר זוכט דיא הנאה : אזו קען זיין אפשר אויב ער וואלט זיא יוא פאר זוכט וואלט ער זיא ניט אפ גילאזט : נון זעהט וואש פאר אגרוישי מעלה דער בעל תשובה האט : פריר איז ער גיפיינט גיוועזן אין גאטש אויגן : אצונד איז ער גיליבט : פריר איז ער אפ גישיידט גיוועזן פון הקב"ה : אצונד איז ער בהעפט אין אים : אונ איז בייא אים נושא חן : פריר איז זיין תפלה ניט דער הערט גיוועזן : אצונד איז זיא יוא דער הערט : אונ ער ווערט גיענטפרט אויף אלי זייני בקשות : אונ ניט דאש אליין הקב"ה גלוסט נאך צו זיין תפלה : דער בעל תשובה זאל זיך אז פרג זיין : ער זאל זיין איין עניו : אונ ווען איינר שפעט פון אים : אונ זאגט צו אים וואש האלטטו דיך אזו פרום דוא האסט דאך דיא אלי דיא עבירה גיטאן : אזו זאל אים דאש ניט דארין

ארבעה

פרייבט ער זאל שרייבן אונ זאל זיך פרייאן : דען דער נעמט בייא אים אראפ זייני עבירות : אונ דער וואש וואַרפט אים דאש אויש איז ער איין נאר אונ איין רשע : אונ ער מוז דריבר ענגשט ליידן גלייך ווייא ער וואלט זעלברט דיא עבירה גיטאן : דרום זאל איטליכר גיווארנט זיין ניט צו שטעכין פון איין בעל תשובה : דען ער פר זונדיגט זיך באלד אין אים :

אזו אויך זאגט דיא גמרא ווען דוא זעהסט איינם איין עבירה טאן זאלסטו אים ניט אויש וואַרפין : נאר שטראף אים שטילר הייד : אונ ווען דוא זעהסט איין תלמיד חכם איין עבירה טאן זאלסטו אים דריבר ניט שלעכט האלטין : דען ער האט בודאי דרויף תשובה גיטאן : אזו אויך דעסט גלייכן אנאנדרין טארפסטו אויך ניט אויש וואַרפין : דען טאמיר האט ער דרויף תשובה גיטאן : די תשובה פון איחיד איז ניט אזו גוט ווייא פון אקהל : דען די תשובה פון אקהל ווערט תמיד אן גינומן : אזו ווייא דער פסוק זאגט (הן אל כביר לא ימאס) נון גאט פאר שעהמט ניט דיא תפלה אונ תשובה פון פיל לייט : אויך זאגט דער פסוק (ומי גוי גדול אשר לו אלהים) ווער איז אזו איין הויך פאלק וואש גאט איז נאהנט צו אים : אונ אלי צייט ווען זייא רופן אים ענטפרט ער זייא אונ נעמט אן זייער תשובה אונ תפלה : אבר עש איז פאר האנדין צייטין דרויף דהיינו אום עשרת ימי תשובה איז זיין תשובה מער אן גינומן ווייא אנאנדירש מאל : אזו ווייא דער פסוק זאגט (דרשו את ה׳ בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב גו׳) פארשט גאט אין דער צייט אז ער איז נאהנט צו אייך : זאגין דיא חכמים אז דאש גייט אויף דיא עשרת ימי תשובה : אויך זאגט דער פסוק (ובקשתם משם את ה׳ אלהיך כו׳) איר זאלט זוכין פון דארטן גאט דיין גאט אונ דוא ווערסט אים גיפונן אויב דוא ווערשט צו אים תשובה טאן מיט גאנצין הארצין אונ לייב : זאגין דיא חכמים אז דאש גייט אויך אויף דיא עשרת ימי תשובה : דען הקב״ה האט אויש דער ווילט אין דעם חודש תשרי מער איידר אין אלי חדשים ווייל ער איז דער זיבטר : אזו אויך האט גאט אויש דער ווילט דעם זיבנטין טאג צו מאכין שבת : אונ דאש זיבנטי יאר צו מאכין שמיטה דיא זיבנטי שמיטה צו מאכין (יובל) : אזו אויך דאש זיבנטי טויזנט יאר איז גאר הייליג : אז דיא עש ווערט בשיידט ווערין אין הלכות שבת : אויך האט זיך הקב״ה אויש דער ווילט אין דעם זיבנטין הימל וואש הייסט (ערבות) : אויך דיא זיבנטי שעה איז די נשמה אריין גיגעבין גיווארין אין אדם הראשון : דאש זיבנטי דור פון אדם הראשון איז חנוך לעבדיגר הייד אין הימל אריין דאש זיבנטי דור פון אברהם אבינו איז גיוועזן משה רבינו ע״ה : דער זיבנטר זון פון ישי איז דוד המלך ע״ה : דער זיבנטר זון פון דוד איז שלמה המלך ע״ה : דרום איז אויך דיא תשובה אין דעם חודש תשרי מער גילובט זיין גאנטש אויגין : אבר באמת איז דיא תשובה אגאנצין יאר גוט אבר ניט אזו ווייא אין חודש תשרי :

אודר דרום איז אין דעם חודש תשרי מיין אן גינומן די תשובה ווייל אדם הראשון איז בשאפין גיווארין אום ראש השנה : אונ אין דעם זעלביגן טאג האט ער גיזונדיגט : אזו איז הקב״ה זייער צאריג גיוועזן איבר אים : אונ זאגט צו אים איין מצוה האב איך דיר גבאטין : אונ דיא האשטו זיא ניט קענט האלטין : ווייא ווערין דייני קינדר טואין אז איך ווער זייא געבין זעקס הונדרט מיט דרייצעהן מצות : אז אדם הראשון האט דאש דער הערט האט ער חרטה גיהאט : אונ האט תשובה גיטאן : אזו האט אים הקב״ה מוחל גיוועזן : אונ האט אים דער לענגירט זייני יאר : אונ האט צו אים גיזאגט דוא זאלשט זיין אסימן צו דייני קינדר : דאש ווען זייא ווערין תשובה טאן ווער איך זייא אויך זייערי זינד פאר געבין אזו ווייא איך האב דיר פאר געבין : דיא גמרא פרעגט ווארום האט דיא תורה אן גישריבן אויף ישראל דיא גרושי עבירה פון עגל : הקב״ה האט זייא דאך מוחל גיוועזן דרויף : אזו אויך ווארום האט די תורה אן גישריבן דיא הארבי עבירה פון דוה״ה הקב״ה האט אים דאך מוחל גיוועזן דרויף : אונ אויך עש איז דאך פאר האנדין אנדרי מלכים וואש האבין גרעסרי עבירות גיטאן : איינר האט מזנה גיוועזן מיט זיין מוטר : איינר האט מזנה גיוועזן מיט זיין שוועסטיר : אונ איינר מיט זיין טאכטיר : ווארום האט דאש דיא תורה ניט בשיידליך אן גישריבן : ענפערט דיא גמרא דאש קומט צו ווייזין אז ווען איין קהל אודר אפילו איין יחיד ווערט איין עבירה טואין : אזו זאלין זייא תשובה טואין ווערט זייא גאט מוחל זיין :

אונ זעקס אירליא מעלות אונ צייטין איז פאר האנדין אויף דער תשובה איינר ארגיר פון דער אנדריר : דיא ערשטי מעלה איז ווער עש טוט תשובה אין דער יוגנט אז דער יצ״ה איז נאך שטארק בייא אים אונ ער בצווינגט אים אויף דעם האט גיזאגט דער נביא (השליכו מעליכם את כל פשעיכם וגו׳) וואַרפט פון אייך אראפ אייערי זינד אונ מאכט אייך פרישי הארץ אונ נייא גימוט דאש איר זאלט נאך זיין דעם יצר טוב : אויך זאגט דער פסוק (וזכור את בוראך בימי בחורותיך) גידענק דיין בשעפר אונ טוא תשובה אין דייני יונגי טעג : דיא אנדרי מעלה איז אויך ווער עש טוט תשובה אין דער יוגנט : אבר זיין תשובה קומט דרום ווייל ער קען שוין ניט קומן צו דער עבירה : דאש איז אויך גוט אבר ניט אזו ווייא דיא ערשטי דיא דריטי מעלה איז ווער עש טוט תשובה דרום ווייל ער פארכט זיך פאר יסורים אונ עונש פון זיין זינד וועגין : דיא פערדי מעלה איז ווער עש טוט

תשובה דרום ווייל עס האט אים גיטראפן יסורים אודר אנאנדר זאך : דיא פיפטי מעלה ווער עס טוט תשובה אויף דער עלטר אז ער ווערט אלט מאל שלאפיר אונ קאן שוין ניט טאן וועלכי עבירות וויא ער פלעגט צו טון · דיא זעקסטי מעלה איז ווער עס טוט תשובה אז ער ליגט שוין קראנק פארן טויט דרום ווייל עס איז יוא אזו איין תשובה איז בעסר פון דער אנדרר : זאל קיינר ניט פאר זוימן מיט זיין תשובה אונ וויא באלד איינר ווערט קראנק זאל ער תיכף ווידוי זאגן : אונ זאל ניט ווארטן ביז דיא קראנקהייט ווערט זיין שווער אויף אים טאמר וועט ער ח"ו דער נאך ניט קענן ווידוי זאגן אודר טאמיר וועט ער ח"ו פון זינן קומן : אונ דיא לייט וואש זעגן ביא דעם קראנקן זענין מחוייב אים צו דר מאנין ער זאל ווידוי זאגן אונ זאלין צו אים זאגן עס זענין דאך פאר האנדין פיל לייט וואש האבין שוין ווידוי גיזאגט : אונ אצונד גיאין זיא ארום אופין מארק רעדן דיא ווידוי איז איין רפואה אונ עס זענין פאר האנדין פיל לייט וואש האבין ניט גיוואלט זאגן קיין ווידוי · אונ זענין אזו גשטארבין אן ווידוי אבר מיטאר אים ניט זאגן דיא רייד פאר זיין ווייב אונ קינדר דאש זיא ווערין וויינן אונ ווערין אים שווער מאכין זיין הארץ מיזאל אים אויך זאגן אפילו דיא מענטשין וואש גיין ארום אופין מארק זענין אויך ניט זוכר פארן טויט דרום וועט ער ניט שאטין אז דוא וועסט ווידוי זאגן :

עס איז פאר האנדין אמענטש וואש טוט איין עבירה · אונ ווערט אויף איר מער גישטראפט וויא זיין חבר ווערט אויף איר גישטראפט דהיינו אז איין תלמיד חכם טוט איין עבירה האט ער מער עונש פון איין עם הארץ וואש טוט איין עבירה · אזו אויך איין אלטיר אז ער טוט איין עבירה האט ער מער עונש פון איונגן : אז איין רייכיר גנבת האט ער מער עונש וויא איין ארומר גנבת אונ ווען איין שלעכטיר מענטש האלט זיך בגאוה האט ער מער עונש וויא אגרושר מאן האלט זיך בגאוה · אונ דער וואש גזלט איין ארומאן האט ער מער עונש וויא ער גזלת איין רייכין · אזו אויך ווער עס טוט איין שאדין צו איין צדיק אודר צו איין אלטין מאן : אודר ער איז אים מצער הט ער מער עונש ווי ער וואלט עס אנאנדרין גיטאן · אז וויא דיא גמרא זאגט (הכל לפי המבייש והמתבייש) דער עונש איז אלש נאך דעם וואש פאר שעהאט אונ ווערט פאר שעהמט אויך דער וואש טוט איין עבירה אום שבת אודר אום יום טוב אן איין תענית איז זיין

עונש גרעסיר וויא אנאנדרט מאל · אויך זענין פאר האנדין אמייל זכיות וואש זענין בעסיר פון דיא אנדרי דהיינו דיא תפלה פון איין צדיק איז בעסיר פון דער תפלה פון ארשע אונ ווען איין יונגר דינט גאט מיט גאנצין הארצין · איז בעסיר איידר וויא איין אלטיר טוט דאש אונ ווען איין ארמיר האנדילט באמונה איז פיל בעסיר איידר וויא איין רייכר האנדילט באמונה דרעכט גלייכין פאר קערט קענין עונש · אונ ווען איין גרושר מאן איז איין עניו איז ער מייר גליבט אין גאטש אויגן וויא איין שלעכטר מאן איז איין עניו : איר ליבי לייט זייט וויסין דאש דיא וועלט איז גיגליכין צו איין ים וואש שטורמט דורך איין שטורם ווינד אזו גיפונין זיך פיל לייט וואש ווילין פארט אריבר גיין אונ ווערין דער טרינקין אין דיא טיפי וואשיר : דיא אנדרי זעהן אז דיא זענין דער טרינקין גיווארין אונ גיאין זיא פארט נאך אונ ווערין אויך דער טרינקין : דער נאך קומן נאך מער לייט אונ זעהן דאש יענע זענין דער טרינקין : אונ קערין זיך ניט דרינן אונ גיאין אויך אריין אונ ווערין אויך דער טרינקין אין דעם קומט צו גיין איין חכם אונ במראכט זיך מיט כל המצאות אונ מאכט זיך איין שיף מיט איין זעגיל בוים אונ מיט גראבי שטריק אונ דונגט זידרידער וואש זאלין אים רידלין דיא שיף אזו פארט ער בשלום איבר דעם ים אזו איז אויך דיא וועלט דיא לייט לופין נאך זייער הענדיל אונ דיא לייט וואש ווערין דרינן דער טרינקין דאש זענין דיא רשעים זיא טראכטין ניט אויף עולם הבא אונ פאלין אין גיהנם אונ דער חכם דאש איז דער בעל תשובה דיא שיף איז די תשובה אונ די רעדר דש זענין דיא מיט פאסטין אונ צדקה אונ תפלה אזו וויא דיא רעדר האבין גרויש מיא אזו האט דער בעל תשובה אויך גרויש מיא מיט זיין תשובה אונ דער זעגיל בוים דאש זענין דיא מצות בכוונה רעדן אזו וויא מיקען ניט פארין אן דעם זעגיל בוים אזו אויך דיא מצות אן כוונה זענין גישט גירעכינט אונ דיא גראבי שטריק דאש זענין דיא תפלות דאש דורך זיא ווערט דעם מענטש אן גיקניפט אין הקב"ה אונ ווערט גיבראכט לעולם הבא :

פינף ציטין איז פאר האנדין וואש דער מענטש האט צייט תשובה צו טאן : דיא ערשטי צייט איז תיכף דעם טאג אז ער טוט דיא עבירה : עס איז גלייך אז וויא עס קומט איין פלעק אויף אמלבוש . אז מען נעמט אים תיכף ארויש איז גוט : אונ אויב ניט איז ניט גוט : אזו אויך מיט דר

עבירה

עבירה מאכט ער אפלעק אין זיין נשמה : אזו אז ער טוט
באלד תשובה גייט ארויש דער פלעק אונ אויב ניט גייט ער
ניט ארויש : דאש אנדרי ווער עש פאר זוימט דעם טאג
אבר ער טוט נאך תשובה אין זיין יוגנט דאש דריטי ווער עש
טוט ערשט תשובה אויף דער עלטר:דש פערדי ווער עש טוט
תשובה אז ער ליגט קראנק אויפן טויטן בעט דאש פופטי
ווער עש שטארבט גאר אן תשובה : אונ בלייבט אין זיין
בויזקייט : דאש איז איין משל צו פינף כיתות וואש פארן אין
איין שיף אויפן ים : דא קומט איין שטורם ווינט אונ ווארפט
זייער די שיף טאג אונ נאכט אונ זיא קענן ניט קומן צו קיין
יבשה אמאל האט זיא דער ווינט פאר טראגן צו איין אינזל
אין מיטן ים דיא ליט גיאן ארויש אויפן אינזל אונ גיפונן
דארטן גוטי פירות אונ גוטה קרייטעכר אונ אלירלייא פייגיל
אונ בהמות אונ קוואלין וואשר אונ אלש וואש זייער הארץ
בגערט דיא ערשטי כיתה זאגט מיר ווילן ניט ארויש גיין פון
דער שיף פון אונזר וואל טאג ווייל דען טאמר וועט קומן
אשטורם ווינד אונ וועט פאר טראגן דיא שיף אזו וועלן מיר
מוזן שטארבן אויף דער אינזל · אונ אונזר האב אונ גיטר
וועט אלש פלארן ווערן : דיא אנדרי כיתה גייאן יוא ארויש
אונ עסן פון דיא מאכלים אונ נעמן מיט זיך אין שיף אריין
אבר זיא קערן זיך אום באלד אין שיף אריין דיא דריטי
כיתה גייאן ארויש אונ בלייבן פון דרויסן : אונ גייאן
נאך וואול טעג · אונ עסן אונ טריקן אונ באוין זיך שייני
הייזר אונ טואן זיך אן גרויש תענוג · אויפן אינזל : ביז עש
קומט איין ווינט אונ דיא רידר הייבן אן צו רידרן דיא שיף ·
אונ מען הייבט אן צו טרומיטרן · אזו לויפן זיא באלד אין
שיף אריין אונ גיפונן דאש דיא אנדרי ליט זיצן אויף זייער
שטעט · אונ זיא מוזן זיך שוין זעצן אין אייגנ שאפט : דיא
פערדי כיתה זאגט מיר ווילן נאך קומן אין שיף אריין דיא
רודיר ווילן ערשט עסן אונ ווילן ערשט אויף שטעלין
דעם זעגיל בוים : אונ זיא זוימן זיך אויפן אינזל אונ גייאן נאך
נאך תענוגים · אונ זיא מיינן זיא וועלין נאך קומן צו דער
שיף : אין דעם הייבט אן דיא שיף צו גיין : אזו דער שרעקן
זיא זיך : אונ דיא שיף איז אבר שוין ווייט אוועק פון זיא ·
אזו מוזן זיא שווימן אונ גייאן ביז אין האלז אין וואשר ביז
זיא גרייכן צו דער שיף אבר זיא מוזן נאך פיל הענגיר זיצן
פון דער דריטה כיתה : דיא פופטי כיתה בלייבן אויפן אינזל
אונ קערן זיך ניט דרין וואש די שיף פארט אוועק · אונ זיא

מיינן זיא וועלין זייערי טעג אזו פר ברענגן אין תענוג אויף
דעם אינזלער נאך קומט דער ווינטר אונ דיא ביימר
ווערן פאר דארט אונ עש קומט דיא קעלט אונ שנייא אונ
רעגן : אונ זיא האבן ניט צו עסן אונ טרינקן אונ מוזן זיך
נאך באהאלטן אין זייערי הייזר פאר דיא חיות רעות : אונ
זיא ווייגן אונ שרייאן אונ קיינר קען זיי ניט העלפן : אונ
זיא מוזן דארט שטארבן פאר הונגר · אודר זיא ווערן צו
ריסן פון דיא חיות רעות :

אזו איז אויך דער מענטש · דיא וועלט איז גלייך צו איין
אינזל אונ דיא מעשים טובים זענן גליך אז וויא איין
שיף : דען ווען איין מענטש גייט אין גלייכן וועג · אונ דינט
השי"י אונ לאזט זיך ניט בצווינגן פון דעם יצר הרע אזו גייט
ער ארום אויף דער וועלט בשלום אונ קומט אויך לעולם
הבא בשלום אין גן עדן אריין : דיא ערשטי כיתה דאש זענן
דיא רעכטי צדיקים · זיא ווילן ניט נאך גיין נאך וואול טעג
אונ תענוג : דיא אנדרי כיתה איז דיא וואש טואן עבירות
אבר זיא טואן באלד תשובה דרויף : זיא קומן ווידר אויף
זייער אורט אין גן עדן אריין · אונ זיצן גרוים · דיא דריטי
כיתה איז דיא וואש טואן פיל עבירות אונ טואן קיין תשובה
ניט ביז אויף דער עלטר חאטשי דש הייסט דאך אויך איין
תשובה אבר עש איז ניט אזו גיט וויא דיא ערשטי כיתה דיא
פערדי כיתה איז דיא וואש טואן ערשט תשובה פארן טויטש
דרום האבן זיא גאר איין ענג אורט אין גן עדן ווייל זיא
האבן פאר זוימט מיט זייער תשובה : אונ זענן פריר נאך
גיגאנגן נאך תענוגים דיא פופטי כיתה זענן דיא רעכטי
רשעים וואש טואן גאר קיין תשובה ניט זיא בלייבן אין
גיהנם ווייל זיא האבן ניט גידענקט אין זייער שיף דאש איז
דיא תורה אונ מעשים טובים : אונ דיא חיות רעות צו רייסן
זיא דאש מיינט מען דיא מלאכי חבלה ר"ל זיא ווארפן
אים אין דעם אפ גרונד פונם גיהנם אונ איטליכר זאל זיך דעם
משל אין מות אריין נעמן אונ זאל ניט פאר זוימן מיט זיין
תשובה :

פיר כללים זענן פר האנדן אויף דער תשובה איינש איז ער
מוז זיך ברענקן אויף איטליכר עבירה וואש ער האט
גיטאן : דאש אנדרי ער מוז זיא פאר לאזן גאר צו טאן דש
דריטי ער דארף ווידוי זאגן : דש פערדי ער דארף אוף זיך
מקבל זיינקין מאל קיין עבירה ניט צו טאן אונ דארף אזו זאגן
(רבון כל העולמים) איך האב גיזינדיגט דיא אונ דיא עבירה

זאל זיין ׃

דער פסוק זאגט (זרעו לכם לצדקה וקצרו לפי חסד) דיא פסוקים וועגין אזו פר טייטשט איר זאלט זייען דיא צדקה גלייך ווי אייגר זייעט קארין ׃ אודר ווייץ דא ווערט איר אפ שנייד׳ן (חסד) אונ ווען איינר זייעט קארין אודר ווייץ ׃ אזו ווייסט ער ניט אויב עש ווערט וואקסין ׃ אודר אויב ער ווערט עש אפ שניידין דען עש קען זיין דער האגיל ווערט עש אויש שלאגין ׃ אבר דער וואש זייעט צדקה ווערט ער בוודאי שניידין ׃ אונ אזו וויא פון איין קארין וואקסין אויש פיל קארינש אזו אויך פר איין שילינגר צדקה ווערט מען גיבענטשט מיט אלפי אלפים אונ דאש איז דאך ידוע אז (גמילות חסד) איז פיל בעסיר אונ חשיבר פון צדקה׃דען צדקה איז נאר פר עניים׃אונ גמילות חסד איז פאר עשירים אויך ׃ צדקה איז נאר פאר איין לעבדיגן ׃ אונ גמילות חסד קאן זיין מיט דעם טויטן אויך ׃ צדקה גיט מען נאר געלט ׃ אבר (גמילות חסד) איז מיט זיין לייב אונ גיטש ׃ דרום זאגט דער נביא זייעט אייך צדקה וועט איר אפ שניידין חסד ׃ אונ דרום אויך זאגט ער דאש לשון זייען ביא צדקה ׃ דען אזו וויא איינר זייעט קארין בהאלט ער עש אין דער ערד ׃ אזו אויך איז צום בעסטין צדקה צו געבין שטילר הייט ׃ אז וויא איך וועל עש דא בעסיר בשיידין ׃ אויך זאגט דער פסוק (נירו לכם ניר) אקירט אייך איין אקיר ׃ דאש מיינט מען אזו וויא אז איינר וויל אקרין איין פעלד קוקט ער זיך אויש אזו איין פעלד וואש זאל דרויף גוט וואקסין אזו אויך זאל מען זעהן צדקה געבין צו פרומי לייט ׃ אונ צו דעם וואש לערינט תורה ׃ אונ ניט צו שלעכטי ׃ אונ אויב דו וועבט וועלין זאגין וויא קען מען וויסן אז דער איז אגוטר אונ דער איז אשלעכטר ; דרום זאגט דער נביא (ועת לדרוש את ה׳) עש איז איין צייט צו פארשטין גאט ; כלומר אפילו דוא ווייסט ניט דעם מענטשין גיב אים פארט צדקה אונ האלט אים פאר פרום ; ביז אליהו הנביא וועט אונז ווייזין וועמין מיזאל צדקה געבין ; דער נאך זאגט דער נביא (אשריכם זורעי על כל מים) וואול צו אייך דאש איר זייעט אויף אלי וואשרין ׃ דאש מיינט מען גוט אייער צדקה צו דיא וואש לערנין תורה וואש זיא איז גיגליכן צו וואשיר אונ זיא בלייבט נאר ביא דיא נידריגי לייט ; אונ ניט ביא דיא בעלי גאוה ׃

דער פסוק זאגט (בבוקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך) דאש טייטשין דיא חכמים ווען דוא האשט צדקה גיגעבין צו איין עני זאלשטו צו אים ניט זאגין איך האב שוין היינט גיגעבין קום אנדרש מאל ׃ נייארט דוא זאלסט אים ניט אוועק לאזין ליידיג ׃ דען אין דעם זכות פון צדקה איז מען זוכה צום לעבין אויף דער וועלט אונ אויף יענר וועלט ׃ אונ דער וואש גיט צדקה דיא רעכט איז וויא עש ווערט דא ווייטר בשיידט ווערין ; דער איז זוכה אויך צו שטיין צו (תחיית המתים) ; אונ איז זוכה צו קומין צו דער (מחיצה) פון הקב״ה ׃ אונ ער ווערט הנאה האבין פון דעם לויטרקייט פון דער שכינה ׃ אונ דיא צדקה גייט פארין מענטשין אויף דער וועלט אונ אויף יענר וועלט ; דרויף זאגין פר האנדין פיל פסוקים ; נאר איך וויל דרינן ניט מאריך זיין ; ווער עש וויל דאש ניט גלייבין זאל זיך נעמין דעם (ספר המוכר) ווערט ער עש גיפינין בשיידליך ; אויך בהיט אים דיא צדקה פאר מיתה משונה אונ פאר דעם גיהנם ; אונ ברענגט אים צו עולם הבא ׃ אונ זיא גייט פאר אים אונ ווייזט אים דעם וועג אין גן עדן אריין ; אונ זיא איז זיין מליץ אונ טענית פאר אים ביא דעם גרוסין משפט אויך ראבין דיא חכמים ז״ל גיזאגט ווען דוא האסט ביא דיין טיש עניים זאלסטו זיך פרייאין אויף דעם וואש דוא האסט דיא הונגריגי זאט גימאכט ; כדי דוא זאלסט לאנג לעבין אויף דער וועלט ; אונ ווערסט אויך בקומין דאש אייביגי לעבין ; אז וויא דער פסוק זאגט (אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה׳) וואול דעם מענטשין וואש קלוגט צום ארומאן ; אין דעם בייזין טאג ווערט אים גאט מציל זיין פרעגט דיא גמרא וואש הייסט גיקלוגט צו איין ארומאן ; גאר דאש מיינט מען ער בקלערט זיך מיט זיין חכמה צו העלפין דעם ארומאן מיט כל המצאות ; מיט לייאן ; אודר מיט אנאנדרי זאך ; (ביום רעה ימלטהו ה׳) דער וואש טוט אזו ווערט אים קיין בייז ניט צו קומן ; ווען איין ארומאן קומט צו איין עושר אונ בגערט פון אים צדקה אודר ער זאל אים לייאן ; דא שיקט גאט איין מלאך אונ שטעלט זיך לעבין דעם ארומאן ; אונ זעהט אונ הערט אלש וואש ער רעט מיט דעם עושר ; אונ וואש דער עושר ענפירט אים ; דען גאט ב״ה פריבט אויב ער איז זיך נוהג מיט זיין צדקה וויא עש קער צו זיין ; אויב ער גיט זיא מיט גוטין מוט אונ מיט שמחה ; אודר מיט איין טרויאריג פנים ; אונ אויב ער גיט זיא בשתיקה ; אודר בפרהסיא ; אויך פריבט ער דעם ארומאן אויב ער לאזט זיך בנוגין מיט דעם וואש מען גיט אים ; אונ אויב ער רעט ניט קיין שלעכטי רייד קעגין דעם עושר ; אודר אייב ער איז ניט מתרעם אויף גאט צו זאגין ווארום האט ער יענים גיגעבין פיל געלט אונ עשירות אונ אים ניט ; דען מיט דיא רייד טוט ער אגרושי עבירה ; דער וואש גוט ניט קיין צדקה וועדליג זיין עשירות ווערט אים זיין עשירות בהאלטין צו בייזין ער ווערט פאלורן פון דער וועלט אונ יענר וועלט ; אונ זיין עשירות ווערט אויך פאלוירין ; אזו אויך דער ארומאן וואש לאזט זיך בנוגין מיט וואש מען גוט אים אונ ער רעט ניט קיין שלעכטי רייד וואש זעגין דער ווירר גאט אונ לייט ח״ו ; אונ נעמט אן זיין ארומקייט פאר ליב ; דאש וויא גאט האט מיט אים גיבאפט איז אלש רעכט ; דער בקומט זיין שכר כפל

כפלים

פפרים אויף יענער וועלט · אונ זיין שכר איז גרעסיר פון דעם וואש גיט צדקה ; דען ער זאגט צו הקב"ה ליבר גאט האסטו מיר אויך גיזאלט געבין געלט וואלט איך אויך צדקה גיגעבין ; פון דעסט וועגין זאל דער ארומאן אויך צדקה געבין פון דעם ביסל וואש ער האט :

אויך זאל איטליכר וויסין אז דער ארומאן וואש נעמט צדקה בייא דעם עושר טוט ער מיט אים פיל מער גוטש : איידר דער עושר טוט מיט אים : דען דער עושר גיט אים געלט אודר עסן אונ טרונקן ; אודר ער מאכט אים איין מלבוש ; אבר ער בקומט דורך אים טויזנט מאל מער : דאש גאט גיט אים מזל אונ ברכה אונ לאנג לעבין : · אונ אלש וואש אויבן שטייט אויש גירעכנט : אויך זאל איטליכר וויסן אז דער וואש גייט זיין חבר צדקה געבין : האט ער מיין שכר פון דעם וואש גוט צדקה ; דען דער טוט גוטש מיט דעם ארומאן : אונ נאך מער גוטש מיט דעם עושר וואש ווערט גיטייט : אונ אויך דער וואש גייט זיין חבר צו צדקה איז ער דאך בוודאי אויך איין בעל צדקה : אזו איז זיין שכר זייער גרויש : עש שטייט אין פרק (יוסי בן יועזר) זאגט דיין טיר זאל תמיד אופין שטיין : אונ עש זאלין זיין ארומי לייט אין דיין הויז בשעת דוא עסט : אודר ווען דיא האבט עפים צו ארביטן זאלסטו עש געבין צו עניים ; כדי זייא זאלין זיך פאר דינן אויף פרנסה ; נאך איין פשט איז דיין טיר זאל תמיד אופין זיין דאש דיא אורחים זאלין ארייין גיין ; דען אז דיא טיר איז צו שעמין זייא זיך אן צו קלאפין ; אודר טאמור קומט איין הונגריגר אורח ; אונ איידר דוא וועקט אים עפנן ווערט ער פאלין פאר דער טיר ח"ו ; אונ דער שכר פון הכנסת אורחים איז גרעסיר פון צדקה אונ זיין גרויסר שכר האט גאר קיין שיעור ניט ; אזו האט אויך גיטאן אברהם אבינו ע"ה ; אונ דער וואש איז איין מכניס אורח איז ער מזרע אברהם אבינו ; אונ ווען דער אורח קומט אין דיין שטיב ארייין זאלסטו אים צו נעמין מיט ליבשאפט : אונ זאלסט אים תיכף געבין עסין טאמור איז ער הונגריג אונ זאלסט אים ניט פרעגין אויב ער וויל עסין : דען טאמר שעהמט ער זיך פאר דיר אונ ווערט זאגין ניין : אז וויא מיר גיפונין דרויף פיל מעשיות אין דער גמרא דאש אטייל לייט זענין דריבר גישטארבין ; דרום זאל מען אים תיכף געבין : אונ זאל מיט אים ניט ריידין קיין שמיעות ביז ער עסט אפ :

אונ אז דוא גיסט אים עסין זאלסטו אים געבין מיט אפריליך פנים אונ זאלסט עש אים פאר גונין:אונ זאלסט זיך שטעלין קיגן אים גלייך וויא דוא האסט גניג אים מכבד צו זיין : אונ וואלסט אים גיגערין מער גיטאן : אונ זאלסט זיך חדוף מצער זיין : אונ זייא אים מכבד מיט דעם בעסטין עסין אונ טרינקן : אונ דאש בעסטי גילעגר : אונ דוא ביטסט אים מטריח אין צו ריידין ער זאל זיך ניט שעהמן עסין : אונ בשעת דער אורח איז בייא אים טאר ער ניט ווייזין קיין שום רוגזה אויף זייני (בני בית) ; דען ער וועט מיינין דיא רוגזה איז איבר אים : אזו וועט ער דער שראקין ווערין · אונ וועט זיך שעהמן צו עסין ; אויך טאר אים דער בעל הבית ניט דער ציילין פון זייני היזקות ; אדרבה ער זאל אים טרייסטין מיט גוטי רייד : ער זאל צו אים זאגין מיין ליב האביר עס אונ טרינק אונ זארג ניט : אצונד ביסטו בייא מיין טיש עש קענן נאך וואול זיין איך זאל בייא דיר איין אורח זיין : איך האב גילובט איז גאט גניג צו געבין עסן פאר זעלכי אורחים · איך וואלט גערין רוא זאלסט צו מיר נאך אורחים ארייין ברענגין ליבר גאט עס איך פאר גון דיר עש מיט גאנצין הארצין עש ווייסט קיינר ניט וויא גאט קען מיט אים פירן : אונ ער זאל זיך דרויף מצער זיין וואש ער קען אים ניט מער כבוד אנטאן:דש אלש איז מען מחויב צו טאנצו איטליכן אורח אפילו צו איינעם האבין מכ"ש צו איין תלמיד חכם:אויך איז דער בעל הבית מחייב צו שטיין בייא דעם טיש אונ זאל אוועק נעמין אונ דער לאנגין אלש וואש מען דארף : אז וויא אברהם אבינו ע"ה האט גיטאן אונ משרע"ת פאר זיין עוועד :

נון קענט איר וואול פאר שטיאן וויא גרויש דיא מצוה איז דער פון דען אברהם אבינו האט דאך גיהאט פיל משרתים אונ האט פארט זעלבסט משמש גיוועין בייא דעם טיש : אונ דער בעל הבית וואש איז ניט מקיים דאש אלש וואש אויבן שטייט וויא צו אים : דען ער מאכט זיין מצוה צו איין עבירה אויך טאר דער בעל הבית ניט דער מאנין דעם עני זיין אומגליק דאש ער זאל ניט טרויעריג ווערין: אז וויא שלמה המלך האט גזאגט(טובה ארוחת ירק ואהבה שם משור אבוס ושנאה שם) עש איז בעסיר אביסל קרויט מיט ליבשאפט איידר איין פעטיר אוקס מיט פיינט שאפט · דער מדרש שרייבט אויף דעם האט שלמה המלך גיזאגט דעם פסוק : אז דער אשמדאי האט אים אוועק גיגעבין אויף פיר הונדרט מייל איז ער ארום גיגאנגין אין אלי לענדר : אמאל איז ער ארייין גיקומן צו איין בעל הבית : אונ ער האט אים דער קענט אז ער איז שלמה המלך : דא האט ער אים זייער מכבד גיוועזן : אונ האט אים גישעכט איין פעטין אוקס : בשעת ער האט גיגעסין האט דער בעל הבית אים אן גיהובין פרעגין : מיין ליבר שלמה וויא אט איז דאש גיקומן דאש איר זענט אזו פר

שטוקן

שטויסן פון אייער מלוכה : איך גידענק דאס איר האט גישעכט פיל טויזנט אוקסן אין איין טאג : עס איז דאך ניט גיוועזן אויף דער גאנצער וועלט אזו איין מלך וויא איר זענט : האט שלמה המלך אן גיהובן צו וויינן און האט ניט גיקענט עסן : אזו איז ער פון דארט אוועק גיגאנגן און איז גיקומן צו אנאנדערן בעל הבית : און דער איז גיוועזן ארום : און האט אים גיגעבן צו עסן קרויט אן פלייש : בשעת עסן זאגט ער צו אים מיין ליבר שלמה נעמט אייך אן פאר ליב : און ווערט גיטרייסט : דען דעם וואס גאט האט ליב שטראפט ער : אז וויא דער פסוק זאגט (את אשר יאהב ה יוכיח) : דרום מיין ליבר שלמה איר וועט אי"ה ווידר צו אייער גדולה קומן : עסט און טרינקט מיט מיר וואס גאט יתברך האט בשערט : איך פאר גין עס אייך מיט גאנצן הארצן : איר וועט שוין באלד זיין אין ד"ר הוים · איר האט שוין ניט פיל ארום צו וואנדרן : אזו איז שלמה המלך זייער פריילך גיווארן אויף זייני רייד : און איז זייער ברוגז גיוועזן אויף דעם ערשטן בעל הבית : אז ער איז ווידר אהיים גיקומן צו זיין מלוכה האט ער גיזאגט דעם פסוק (טובה ארוחת ירק וגו) עס איז בעסר דיא קרויט פון דעם ארימאן : דאס ער האט מיר גוויזן ליבשאפט דער בייא : פון דעם פעטן אוקס פונם עושר : דאס ער האט מיך דער מאגט מיין אום קליג : אויך זאל דער אורח ניט איין שטין בייא איין קמצן דען ער פאר שעהמט זיך זעלברט און בשעת ער עסט מיט אום פאר גינט ער עס אים ניט : און מען עסט אים זיין בליט און פלייש · אויף דעם זאגט דער פסוק (אל תלחם לחם רע עין) זאלסט ניט עסן קיין ברויט מיט איין קמצן : עס און טרינקט זאגט ער צו דיר : און זיין הארץ איז ניט דער בייא : ער פאר גינט דיר ניט : אפילו דאס טרוקן ברויט מבי"ש דיא אנדרי שפייז : און אויב דוא ביסט הונגריג שטעק בעסר איין מעסיר צווישן דייני ציין איידר דוא זאלסט מיט אים עסן : ער איז אייטל ליגן און פאלש: אויך זאגט דער פסוק ווען דוא עסט זיין ברויט וועסטו עס מוזן אויס שפייאן און עס ווערין פאר דארבן דייני גוטי שפייז וואס דוא האשט מיט אים גגעסן און איין גוטר בעל הבית זאל נאכגיין נאך אורחים און אז ער בקומט זיא זאל עס בייא אים גליך זיין וויא ער וואלט גיפונען איין מציאה און אז דער אורח בלייבט בייא אים איבר נעכטיגן זאל ער אים געבן איין בעט מיט אגוט גלעגיר דען דאס איז בייא אים ליבר וויא עסן און טרינקן : און אז ער גייט אוועק זאל ער אים מיט גיבן אויפן וועג אשטיקן ברויט : דען מיר גיפונען דאס פיל רציחות און שטרויכלונג איז גישעהן פון איין שטיק ברויט וועגן : איך וויל דרינן ניט מאריך זיין : און ער איז אים מחויב צו בגלייטן : און זאל אים נאך זאגן (ברכת כהנים) : און זאל בלייבן שטין אזו לאנג ביז ער זעהט אים שוין ניט : ווער עס איז דיא מצוה רעכט מקיים איז ער בודאי מזרע אברהם אבינו : און זיין שכר האט קיין שיעור ניט : דיא גמרא זאגט מ'זאל איטלכן אורח מכבד זיין גליך וויא ער וואלט גיוועזן רבן גמליאל אבר דוא זאלשט פאר אים ניט פאר טרויאן קיין שום זאך טאמער איז ער איין גנב :

דיא צדקה וואס דיא ווייבר געבן איז מער בווילגט און אן גינומן פון דער צדקה פון מאנזביל : דען דער מאנזביל גיט אים געלט אזו דארף ער ערשט קויפן וואס ער דארף : אבר דיא ווייבר געבן ברויט און שפייז דאס זיא קענן עס באלד עסן אז וויא מיר גיפונען אין דער גמרא (מר עוקבא) מיט זיין ווייב פלעגן גין אלי מארגן פריא אין שול אריין : און עס האט גיוואונט איין ארומאן אין זייער שכונות פלעגן זיא אים אלי אין דער פריא הונטר ווארפן פיר גראשין הונטר דער טיר : און דער ארומאן פלעגט זיא גיפונן און האט גיקויפט פאר זיא ברויט זייני קינדר אמאל זאגט דער ארומאן איך וואלט גיגערין גוויסט ווער עס ווארפט מיר אלס הונטר דיא פיר גראשין אזו האט ער זיך גישטעלט הונטר דער טיר · וויא (מר עוקבא) מיט זיין ווייב זענין גיקומן און האבן זיך איין גיבוגין אים אונטר צו ווארפן דיא פיר גראשין · אזו האט דער ארומאן אויף גיעפנט דיא טיר צו זעהן ווער עס איז אזו זענין זיא אוועק גילאפן און ער איז זיא נאך גילאפן ביז זיא זענין אהיים גקומן אזו איז גיוועזן אויש גיהייצט דער אויבן צו באקן ברויט און ער איז גיוועזן זייער הייס אזו האבן זיא אויף זיך גינומן בעסר פאר ברענט צו ווערין איידר מבי"ש צו זיין דעם ארומאן און זיא זענין אריין גילאפן אין אויבן אריין און האבן זיך דארטן אנידר גיזעצט כדי דער ארומאן זאל זיא ניט זעהן וויא זיא זענן אזו זאגט (מר עוקבא) צו זיין ווייב מייני פיס ברענן מיר זאגט זיא צו אים לייג זיא אויף מייני פיס דאס פיאור האט זיך אלי מאל מער דער היצט און עס האט זיא גאר ניט גישאט

דער נאך אז זיא זענין ארויש גיגאנגין דא זאגט (מר עוקבא) צו זיין ווייב דוא ביסט פרומר פון מיר זאגט זיא צו אים דיא גוטס דעם ארומאן געלט האט ער ערשט מזא דער פאר צו קויפין שפייז אבר איך גיב אים גרייטי שפייז דאש ער קען עש באלד עסין :

אויך שטייט אין מעשה (אבא חלקיה) מיט זיין ווייב פלעגין תמיד תפלה טאן אויף רעגין : אונ ער איז גיוועזן אגרויסר צדיק אמאל האבין דיא חכמים [illegible] אים גישיקט ער זאל תפלה טאן פאר כל ישראל · אזו איז ער ארויף גיגאנגין מיט זיין ווייב אויפין בוידים אונ ער האט זיך גישטעלט אין אין ווינקיל אונ זיא אין אנדרין ווינקיל אונ האבין תפלה גיטאן דא איז גיקומן אין וואלקין צו רעגין אויף איר ווינקיל האבין דיא חכמים גיפרעגט ווארים איז דאש האבין זיא אים גיענפרט ווייל זיא גיט דיא ארומי לייט גרייטי שפייז אויך ער טוט אויך תפלה דיא רשעים זאלין שטארבין אבר זיא האט תפלה גיטאן גאט זאל זיא שטארקין זייער הארין דער מיט אז זיא אויך פרומר גיוועזן פון אים · דאש איז אויך איינש פון דיא צעהן תקנות וואש עזרא האט מתקן גיוועזן בשעת דיא ישראל זענין אויף גיגאנגין פון בבל קיין ארץ ישראל דאש איטליכי אשה זאל אויף שטיין גאנץ פריא אונ זאל באקין ברויט : דאש דיא ארמי לייט זאלין גיפינין פריש ברויט צו עסין דער פון זעהן מיר אז דיא צדקה פון דיא ווייבר איז מער אן גינעמן פון דער צדקה פון מאנזבלין דען דיא אשה איז תמיד אין דער היים אויך ווען דיא אשה גיט עפיס דעם ארומאן זאל זיא עש אים געבין מיט גאנצן הארצין אונ מיט גוטי רייד דאש זיא זאל אים ניט מבייש זיין אונ דער וואש דער בארימט זיך איבר אין ארומאן דער בארימט זיך גאט איבר אים אונ דער הערט זיין תפלה אונ ווא מער ער גיט צדקה ווערט ער אלי מאל רייכר : אזו ווא דער פסוק זאגט (יש מפזר ונוסף עוד) עש איז פאר האלדין איינר וואש פאר שפרייט זיין געלט אויף צדקה : אונ ווערט נאך גימערט מיט עשירות :

דער פסוק זאגט (מלוה ה' חונן דל) דער וואש דר בארימט זיך איבר דעם ארומאן אונ גיט אים צדקה אנטלייאט ער עש גאט : אויך זאגט דער פסוק (נותן לרש אין מחסור) דער וואש גיט צדקה צום ארומאן ווערט אים ניט גימונרט פון זיין געלט אבר דער וואש וויל ניט צדקה געבין דר ווערט ארום : אונ דער וואש פאר הוילט זייני אויגין פונם ארומאן גלייך וויא ער זעהט אים ניט קומן אויף אים פיל קללות · אונ זיין געלט ווערט גימונרט איטליכר איז מחויב מעשר צו געבין פון זיין געלט · סייא פון ירושה · סייא פון מתנות · סייא פון מציאות אונ אויך פון זיין פאר ארביטונג אונ ווען ער האט נאר רווחים ווייניגר פון צעהן שילינגר איז קען ער דאך דער פון קיין מעשר ניט געבין זאל ער עש האלטין אונ ניט אן רירין ביז ער ווייש אים נאך רווחים צו קומן אזו ווייט ער געבין מעשר בנאנץ אונ ווען ער האט פאר דינט איבר פון צעהן שילינגר זאל ער פון צעהן געבין מעשר אונ דאש איבריגי זאל ער האלטין ביז עש וועט אים צו קומן נאך רווחים : ווער עש וויל זיך רעכנט נוהג זיין מיט דעם מעשר געבין זאל ער לייגין זיין געלט אין דרייא כלים אויף איינר זאל ער אויף שרייבין (טבל) דאש איז נאך ניט גימעשרט אויף דער אנדרר (מעשר) דאש איז דאש מעשר געלט זעלבסט אויף דער דריטר זאל ער אויף שרייבין (חולין) דאש הייסט שוין גימעשרט אונ מיט דעם מאג ער טאן וואש ער וויל נאר צדקה איז ער מחויב דער פון צו געבין ניט פון דעם אום גימעשרת געלט :

דאש מעשר געלט זאל ער אוועק געבין ארמי לייט תלמידי חכמים אודר אין פראסטין ארומאן איז ער אויך יוצא ער מעג עש געבין זייני ארמי קרובים אפילו זיין ארמין זון אודר זיין טאכטר אודר זיין ברודר אודר זיין ארמי שוועסטר · אפילו לייט קויפין דער פאר ספרים אודר מצות אונ זענין מכבד לייט אונ זיך אויך מיט דעם מעשר געלט דאש איז אין איסור דען ער האט נאר דרינן דיא (טובת הנאה) צו געבין וועמן ער וויל אבר ניט די הנאה זיך זעלבסט דש איז אויך אין צדקה אבר עש זענין פאר האנדין עטליכי חילוקים צווישין צדקה אונ מעשר איינש צדקה מעג ער געבין וויפל ער וויל: אבר מעשר איז ניט ווייניגר אז איינש פון צעהן דאש אנדרי צדקה אז מען מחויב צו געבין אפילו הונדרט מאל אין איין טאג דאש מיטאר קיין ארומאן ניט ליידיג אוועק לאזין אבר מעשר דארף מען נאר געבין פון רווח דאש דריטי דער וואש האט נייר ווערליג זיין עסין איז ער פטור פון צדקה : אבר מעשר איז ער חייב דאש פערדי זיין מעשר מעג ער געבין וועמן ער וויל אבר צדקה איז זיין קרוב בילכער אונ מעשר האט אויך אין קצבה וויפל ער זאל געבין איטליכין ארומאן : אז וויא איך וועל עש בשיידן דרום דיא לייט וואש לייגין

בנאגדר

בּגאַנדר מעשר אוני צדקה געלט זאלין זייא פריה אתנאי אויש נעמין דאש זייא זאגין עש פון רעכט ווענין מגדר עש זאל האבין אין זיך דעם דין פון מעשר געבין וועמינער וויל: דיא גמרא ברענגט איין מעשה (רבי יוחנן בן זכאי) איז געפארין פון ירושלים אוני זייני תלמידים זענין אים נאך געגאנגין האט ער געזעהן איין יונגי פרויא האט געקליבין גערשטין פון אונטער דיא בהמות פון ערביים אז זיא האט דער זעהין רבי יוחנן איז זיא אים אנטגעגין געלאפין אוני זאגט רבי שפייז מיך גיב מיר עפיס עסין · פרעגט ער זיא וועער ביסטו וועער איז דיין פאטיר זאגט זיא מיין פאטיר האט געהייסין (נקדימון בן גריון) פרעגט ער זיא וויא איז אהין געקומען דיין פאטירש געלט ער האט דאך געהאט פיל געלט אוני ווייטר זאגט זיא רבי האט איר דען ניט געהערט דעם משל זאגין אין ירושלים ווער עש וויל זיין געלט איין זאלצין עש זאל אקיים האבין זאל ער געבין הר פון מעשר אוני צדקה אוני אויב ניט פאר גיט דאש געלט · דרום איז מיין פאטירש געלט גאר אוני גאנצין אריין געקומען צו דיא ערביים אין דיא הענט אריין פרעגט זיא רבי יוחנן וויא איז דיין שווערס געלט ענפרט זיא עש איז צום אויף געקומען בנאנדר איז עש אויך פלארין געווארין דער נאך זאגט זיא רבי געדענקסטו איר ניט אז איר זענט ניחתמית אויף מיין כתובה: זאגט ער אז זייני תלמידים איך געדענק דש איך בין ניחתמית אויף איר כתובה אוני זיא איז געוועזן געשריבן אויף טויזנט מאל טויזנט גאלד גילדין וואש זיא האט געהאט פון איר גרן חוץ וואש דער מאן האט איר נאך מער פאר שריבין: דא היבט אן (רבי יוחנן) צו וויינין אוני זאגט וואל אייך ישראל ווען איר זענט פרום אוני טוט דאש ווילין פון הקב״ה דא האט אייך קיין שום אומה קיין שלעכטין ניט געקענט טאן אבר וויל זייא זענין ניט פרום געוועזן זענין זייא געפאלין אין דיא הענט פון דיא עובדי גילולים · אוני ניט אזו אין זייערי הענט אליין: אפילו אין דיא הענט פון זייערי בהמות דאש זיא האט געקליבין גערשטין פון הינטער דיא בהמות:

פרעגט דיא גמרא האט דען דער נקדימון בן גריון קיין צדקה ניט געגעבין · ער האט דאך פיל צדקה געגעבין: אוני נאך מער אז ער איז געגאנגין פון זיין הויז אין בית המדרש אריין: האט מען הינטער געלייגט הינטער זייני פיס סאמיט אוני זיידני קליידר: דיא נאך זענין געקומען דיא ארמי לייט אוני האבין עש גינומן אוני האבין זיך צו טיילט: אזו אויך אז ער איז געגאנגין פון בית המדרש: ענפרט דיא גמרא יוא ער האט פיל צדקה געגעבין אבר וועליג זיין עשירות איז עש קארג געוועזן · דרום איז זיין געלט פלארין געווארין · איין טייל זאגין ער האט יוא געגעבין גנוג צדקה וועליג זיין געלט · נאר דרום איז ער געשטראפט געווארין וויל ער האט געגעבין בפרהסיא פדי דיא לייט זאלין אים לויבן: ניט פון גאנטש ווענין דרום זאל זיך איטליכר פון אים אמשל נעמין דאש זיין כונה זאל זיין מיט דער צדקה (לשם שמים) אזו וועט זיין עשירות אקיים האבין אוני ער וועט האבין די וועלט אוני יענע וועלט:

נאך איין מעשה ברענגט דיא גמרא עש איז געוועזן איין פרומער מלך ער האט געהייסין (מונבז) · אמאל איז געוועזן אין זייני צייטין אגרויסר הונגר: אוני דיא ארמי לייט האבין ניט געהאט וואש צו עסין: האט ער אויף געעפינט זייני אוצרות אוני דיא אוצרות פון זייני עלטערן אוני האט גינומן גאלד אוני זילבר אוני האט צו טיילט דיא ארמי לייט · זייא זאלין זיך קויפן עסין: זענין געקומען צו אים זייני ברודר אוני קרובים אוני האבין געזאגט צו אים וואש טוסטו דייני עלטערין האבין לאנג איין געזאמלט אוני האבין געמאכט אוצרות אוני האבין עש געהאלטין טאמיר וועט אמאל זיין · אמלחמה אז וועלין זייא עש דארפין: אוני דיא פאר ברענגשט דאש אלש אין איין יאר: אונ לא די דוא מערסט ניט דרויף דיא פאר ברענגשט עש נאך · זאגט ער צו זייא איך וועל אייך זאגין מייני עלטערין האבין געמאכט אוצרות אויף דער ערד אוני איך מאך אוצרות אויפן הימל מייני עלטערין האבין געמאכט אזעלכי אוצרות וואש דער מענטש קען זייא אויש ברענגין: אוני מייני אוצרות קען קיין שום מענטש ניט אויש ברענגין מייני עלטערין האבין געמאכט אזעלכי אוצרות וואש קענין זיך מערין: אבר מייני אוצרות מערין זיך פון זיך זעלברט: זייערי אוצרות זענין פון אייטל גאלד אוני זילבר אובר מייני אוצרות זענין פון אייטיל נפשות: מייני עלטערין האבין געמאכט אוצרות פאר אנדרי לייט · אבר איך מאך אוצרות פר מיר זעלברט אזוויא דער פסוק זאגט: (והלך לפניך צדקך) עש וועט גיין פאר דיר דיין צדקה: אוני וועט זיין דיין מליץ יושר אויף יענר וועלט: אוני דיא צדקה איז איין כלי פון הקב״ה אזוויא דער פסוק זאגט (לך ה הצדקה) · דען קיין מענטש קאן דאך קיין צדקה ניט געבין ביז גאט גיט אים פריר עשירות פון זיין מילדי האנט: אזוויא דער פסוק זאגט (והעושר והכבוד מלפניך) דאש עשירות אוני כבוד איז פון פאר דיר:

אויך זאגט דער פסוק (לי הכסף ולי הזהב אמר ד צבאות) צו מיר איז דאש גאלד אוני זילבר זאגט גאט ב״ה: אויך זאגט דער פסוק דוד המלך ע״ה האט געזאגט (כי ממך הכל ומידך נתנו לך) פון דיר איז אלש: אוני פון דיינר האנט געבין מיר דיר דאש

בּרינגט

מיינט ען דאש וואש מיר געבין דיא ארמי ליט : איז גלייך וויא מען גיט עש גאט אז וויא דער פסוק זאגט (מלוה ה' חונן דל) דער וואש דער בארימט זיך איבר דעם ארומאן מיט צדקה אנטלייאט ער עש גאט : אונ כביכול הקב"ה איז אים מחוייב צו בצאלין : אז וויא דער פסוק זאגט (עבד לוה לאיש מלוה) דער וואש אנטלייאט איז איין קנעכט צו דעם וואש האט אים גליגן : כביכול מיטאר עש ניט ריידין · דאש גאט ב"ה איז איין משועבד אים צו בצאלין דער פון זעהט איר אויך ליבי ליט וויא גרויש דיא צדקה איז : דרום זאל איטליכר זעהן זיין צדקה רעכט צו געבין אין דר רעכטיר ציט ווידליג עש איז דאוי פון זיין עשירות · אזו ווט אים הקב"ה ווידר געבין עושר אונ כבוד אונ לעבין : אונ אויב ער גיט ניט רעכט צדקה ווערט זיין עושר פלארין : אז וויא דער פסוק זאגט (ואבד העושר ההוא) עש וועט פלארין ווערין דר זעלביגר עושר פון דעם וואש גיט ניט לשם שמים : נאר כדי ליט זאלין אים לויבין : אויך זאגט דר פסוק (עושר שמור לבעליו לרעתו) דאש עשירות ווערט אים גיהיט צו בייז : אויך זאגט דער פסוק (התעיף בו ואיננו) ער גיט איין בלאז אין עשירות פלידט עש אוועק :

אפר דער וואש גיט צדקה וויא רעכט איז בענטשין אים די ליט : אז וויא דער פסוק זאגט (טוב עין הוא יבורך) דאש גוטי אויג אויף צדקה ווערט גיבענטשט : (כי מלחמו נתן לדל) ווייל ער האט פון זיין ברויט גיגעבין צום ארומאן : אויך זאגט דער פסוק (בגלל הדבר הזה יברכך ה') פון וועגין דער צדקה וועט דיך בענטשין גאט דיין גאט : אויף דעם האבין דיא חכמים גיזאגט ווען איינם גייט וואול זאל ער צדקה געבין : כדי זיין עש רות זאל אקיום האבין אזו אויך ווען איינם ווערט אלי מאל גימונרט זיין געלט זאל ער זעהן צדקה געבין איידר ער ווערט ארום : דען דער נאך וועט ער ניט קענין געבין אפילו ער וועט וועלין : עש איז אמאל גיוועזן איין חסיד ווען איין ארומאן פלעגט קומען פאר זיין טיר האט ער גיזאגט צו זיינם חייב מיין ליב ווייב דער בארים דיך איבר די ארמי ליט · כדי דיא ליט זאלין זיך אוך דער בארימן איבר אונזרי קינדר : האט זיא צו אים גיזאגט ווארום עפינסטו דיין מויל צו ריידין אזעלכי שלעכטי רייד · האט ער גיזאגט עש איז דאך גיוויינטליך דיא זאך אפילו איינר איז רייך זענין זייני קינדר ארום : אונ אויב זייני קינדר זענין אויך רייך זענין זייני איינקליך ארום · אז דיא דער פסוק זאגט (כי לא יחדל אביון מקרב הארץ) דען עש ווערט ניט פאר מיטן קיין ארומאן פונם לאנד : (רבי אליעזר הקפר) זאגט איטליכר זאל תפלה טאן ער זאל ניט ארום ווערין : דען אפילו ער איז רייך זענין זייני קינדר אודר זייני איינקליך ארום : דען דאש איז איין (גלגל חוזר בעולם) איין ראד וואש דרייט זיך ארום אויף

דער וועלט היינט איז דער רייך אונ דער ארום אונ מארגין קען זיין פאר קערט :

דיא חכמים האבין גיזאגט אגרושי זאך דער וואש פר הוילט זייני אויגין פון דער צדקה : אודר דער וואש האט ניט צו געבין אונ טרייסט אפילו ניט דעם ארומאן מיט גוטי ריידו איז גלייך אז ער וואלט גידינט עבודת גילולים : זייא לערנין דאש אפ פון פסוקים : אבר דער וואש גיט צדקה וויא דאוי איז דער איז מקרב דיא גאולה וויא דער פסוק זאגט (שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי לבוא) היט משפט אונ טוט צדקה דען מיין הילף איז נאהענט צו קומען (וצדקתי להגלות) אונ מיין צדקה וועט זיך אנפלעקין : אויך זאגט דיא גמרא ירושלים וועט ניט גיבויאט ווערין אונ דיא ישראל וועלין ניט אויש גלייזט ווערין ביז זייא וועלין האבין אין זיך דעם זכות פון צדקה : אז וויא דער פסוק זאגט (ציון במשפט תפדה וגו') ציון וועט דער לייזט ווערין מיט משפט : אונ דיא ישראל מיט צדקה : אונ דיא צדקה איז אן גינומן ביי גאט בעסיר פון אלי קרבנות : אז וויא דער פסוק זאגט דער וואש טוט משפט אונ צדקה איז עש חשובר איידר אלי קרבנות אונ דער וואש פאר שעהמט איין ארומאן טוט ער אגרושי עבירה : אז וויא דער פסוק זאגט ווער עש שפעט פון איין ארומאן דער שפעט פון זיין בשעפר : אדרבה איטליכר דארף ערליך האלטין דיא ארמי ליט : אזו איז עש גלייך וויא ער האלט ערליך הקב"ה : אז וויא דער פסוק זאגט ווער עש וויל ערליך האלטין הקב"ה זאל ער די ארמי ליט ערליך האלטין דען דער וואש איז מבזה דעם ארומאן וויזט ער דאש הקב"ה האט ח"ו ניט בכח אים רייך צו מאכין : דען דער ארומאן מיט דעם עושר זענין דאך ביידי בשאפין פון גאט : נאר דער האט געלט אונ דער האט ניט : נוא ווארום זאל מען אים מבזה זיין פאר זיין ארומקייט : דער ארומיר קאן דאך רייך ווערין אונ דער רייכיר קאן דאך ארום ווערין :

עש איז איין משל צו איין בן עושר וואש האט דער צערינט זיין פאטיר : אונ דער פאטיר האט גוזר גיוועזן אויף אים ער טאר פאר אים ניט קומען אין זיין הויז : אמאל מאכט דער עושר אסעודה אונ ער ווייסט דאך וואול דאש זיין זון איז זייער הונגריג : דא זאגט ער ווער עש וועט מיין זון געבין עסין וועל איך אים בצאלין כפל כפלים : האט אים איינר גינומן צו זיך אונ האט אים גיגעבין עסין אונ טרינקן : אזו איז דאך וואול צו דעם זעלבין : דען אלש וואש דער עושר הט איז דאך דעם זונש : אזו איז דאש אויך דער ארומאן איז דער זון פון הקב"ה : אונ ווער עש גוט איט עסין האט ער בוודאי גרויש שכר לעולם הבא : נון קענט איר וואול פר שטיין דאש גרושקייט פון דער מצוה פון צדקה : ווען דוא ווערסט איין בעל הבית וואש איז גיפאלין פון זיין גוטש : זאלסטו אים ניט

שפּל

שפל האלטין : אדרבה האלט אים בכבוד : אזו זאלסטו וידעקין דאש גאט האט אים גישטראפט פון זיין טובה וועגין אז וויא דער פסוק זאגט (את אשר יאהב ה׳ יוכיח) וועמין גאט האט ליב שטראפט ער אויף דער וועלט : אבר ווענין ער האט פיינט דעם גיט ער אפ זיין שכר אויף דער וועלט : דאש ער האט וואול טעג אונ תענוגים : אז וויא דער פסוק זאגט (לא יאחר לשונאי) גאט ב״ה פאר זוימט ניט דעם שכר פונים רשע אויף זייני מצות : (על פניו ישלם לו) ער בצאלט אים זיין שכר אויף דער וועלט : אבר דער שכר פונים צדיק דעם ארומאן בהאלט גאט אויף יענער וועלט : אזו וויא דער פסוק זאגט (וידעת כי ה׳ אלהיך הוא האלהים וגו׳) משה רבינו ע״ה זאגט צו ישראל דוא זאלסט וויסן אז גאט דיין גאט איז איין גאט איבר אלי מלאכים : אונ איבר דער גאנצר וועלט : אונ ער איז בגלייבט מקיים צו זיין אלש וואש ער זאגט צו : אונ ער וועט געבין איין גוטן שכר צו די וואש האלטין זיין תורה אונ מצות צו זייני קינדר ביז טויזינט דורות ווען זיי גיטן אין זיין זכות : דרום זאלסטו היטן אויף דער וועלט דיא מצות וואש שטייאן אין דער תורה : אזו וועסטו בקומין דיין גיטן שכר לעולם הבא : דרום שטראפט ער דעם צדיק מיט ארומקייט אויף דער וועלט וואש זיא איז נאר איין ווייליק כדי ער זאל אים געבין זיין גוטן שכר אויף יענער וועלט וואש גיווערט אימר אונ אייביג : אונ דעם רשע גיט ער אפ זיין עשירות אויף דער וועלט : כדי ער זאל גישטראפט ווערין אויף יענער וועלט : אונ זיין שטראף האט קיין סוף ניט : דרום זאגט ער דו זאלסט דעם ארומאן ניט שפל האלטין פון וועגין זיין ארומקייט אדרבה זאלסט אים ערליך האלטין פון וועגין זיין גרוסן שכר אויף עולם הבא :

דרום זאל זיך איטליכר אין זין אריין נעמין אונ זאל זאגין טאמיר האט אים הקב״ה אפ גיגעבין זיין שכר אויף דער וועלט מיט דעם עשירות : אונ דאש ער וועט ח״ו אויף יענער וועלט עניש לידין אונ זאל זיך בטראכטין וואש פאר עבירות ער האט גיטאן : אונ זאל דרויף באלד תשובה טאן וויא איבין שטייט אין הלכות תשובה : בפרט דער וואש פאר שעהמט די ארומי לייט אונ ווארפט אים פיר זיין דלות : איז בודאי זיין עניש זייער גרויש : דער ארומאן האט דאך גינג דאש ער לידט אזעלכי יסורים אויף דער וועלט : אונ דיא גמרא זאגט אויך ווען איינר האט יסורים : אונ זיין חבר ווארפט עש אים אויש : איז ער עובר אויף (לא תונו) דאש איז איין לאו אין דער תורה גלייך מיט איסור עסין : אונ נאך הארבר : אז וויא אויבן איז גישטאנין : איר זאלט ניט מיינין אז דאש ארומקייט איז קליינע יסורים : ניין ווען אפילו מיזאל לייגין אלי יסורים פון דר וועלט אין איין וואג שאל : אונ דיא יסורים פון עניות אין דער אנדרר וואג שאל : וואלטין דיא יסורים פון עניות איבר גיוואוגין :

דיא גמרא זאגט אויך : גאט האט גיזאגט צו איוב וואש ווילסטו בעסיר צו דעם דלות : אודר אנדרי יסורים : האט ער גיענפרט (רבונו של עולם) הער פון דער גאנצר וועלט : איך וויל ליבר האבין אלי יסורים פון דער וועלט איידר דעם דלות : נאך דעם אז עש זיינין אויף אים גיקומן די יסורים האט ער זייער גיוויינט אונ גיקלאגט : האבין זייני חברים צו אים גיזאגט ווארום וויינסטו דוא האסט דאך זעלבסט אויף דיר גינומן די יסורים : דא זעהן מיר דאך אז דש עניות איז ארגיר פון אלי יסורים אין דער וועלט : אונ דאש איז דאך אויך ידוע אז דער וואש לידט גיהנם אויף דער וועלט : דארף ער שוין ניט לידין אויף יענער וועלט : אונ עניות איז דאך דער גרעסטר גיהנם : נוא קענט איר וואול פאר שטייאן ויא גאר חשוב איז דער ארומאן לעולם הבא : אויב נאר ער גייט אין רעכט פארטיגן וועג : אונ איז מקבל אויף זיך גאנץ שטראף פאר ליב וואול דעם זעלבגין מענטשן :

נון וועל איך בשיידין וויא מיזאל צדקה געבין : אונ צדקה נעמין : דרויף זיינין אכט פרקים : אונ אין איטליכן פרק ווערט בשיידט אנאנדרר דין :

דער ערשטר פרק רעט ווער זיינין דיא לייט וואש זענין מחויב צדקה צו געבין :

איטליכר איז מחויב צדקה צו געבין : אפילו דער ארומאן וואש נעמט צדקה איז אויך מחויב צו געבין צדקה פון דעם וואש ער נעמט איטליכר נאך זיין פאר מוג נאך : אונ ווען איין ארומאן גיט צדקה פון זיין ארומקייט · וועט ער זוכה זיין צו געבין פון עשירות : (רבי זכריה בן רבי יהושע בן לוי) האט צדקה גינומן : אונ ער האט עש ניט בדארפט האבין דיא לייט זייער גירעט אויף אים · אז ער איז גישטארבן איז מען גיוואר גיווארין אז ער האט עש צו טיילט אנדרי ארמי לייט · אויך זאגט דיא גמרא (רבי חמא) איז גיוועזין איין ארומאן · אונ האט גידארפט צדקה נעמן : אונ אז מיהאט אים גיגעבין האט ער עש צו טיילט אנדרי ארמי לייט : אונ האט זיך איבר גילאזט גאר ווייניג דער פון : אונ דער וואש דארף ניט נעמין אונ נעמט זוא שטארבט ער ניט ביז ער דארף זוא דער צו : דען ער בגזלת דיא ארמי לייט : אבר דער וואש בהעלפט זיך מיט זיין דלות אונ לאזט זיך בניגן : אונ וויל קיין צדקה ניט נעמן : אויף אים איז גיזאגט גיווארין דער פסוק (ברוך הגבר אשר יבטח בה׳ והיה ה׳ מבטחו)

וואל

וואל דעם מענטשן וואש פאר זכרט זיך אין גאט · אונ וויל קיין צדקה ניט נעמן · אונ גאט וועט זיין זיין פר זכרונג: אבר דער וואש לייט גרויש דוחק אונ צרות · אונ וויל קיין צדקה ניט נעמן פון גאוה וועגן · דאש דיא לייט זאלין אים לויבן ער לייט גרויש דוחק אונ וויל קיין צדקה ניט נעמן · דער איז איין רוצח · גאט האט אים ניט גיהייסן ער זאל זיך זעלברט אום ברענגן :

דער אנדריר פרק רעט וויפל מיזאל צדקה געבן :

איטליכר זאל געבן צדקה נאך זיין פאר מעג נאך : אונ וויא זיין הארץ בווילגט : אונ הקב"ה האט אונז געבאטן מיר זאלין תמיד דיא האנט אפין האלטן צדקה צו געבן אזו וויא דער פסוק זאגט (פתוח תפתח את ידך) דיא זאלסט עפנין דיין האנט צו געבן צדקה פרי גאט דיין גאט זאל דיך בענטשין: קיין שום מענטש איז קיין מאל ניט ארום גיווארין פון דעם וואש ער האט צו פיל צדקה גיגעבן אונ עש קומט ניט קיין שלעכטש פון צדקה נאר איטל גוטש · אז וויא דער פסוק זאגט (והיה מעשה צדקה שלום) דייני מעשים וואש קומן פון צדקה זאלן זיין איטל שלום · אונ תמיד ווען ער טוט תפלה פאר הקב"ה זאל ער גידענקן איך בגער מיין שפייז פון הקב"ה : אונ איך וואלט גיגערין דאש הקב"ה זאל דער הערין מיין תפלה · אזו אויך אז דער ארומאן קומט צו אים אונ בגערט פון אים שפייז זאל ער אים געבן אונ זאל גידענקן איך וועל אים צדקה געבן אידר איך וועל ח"ו אויך ארום ווערין · אונ אויך זאל ער גידענקן דאש ער איז איין שליח פון הקב"ה צו געבן דעם ארומאן : אונ אז ער וועט ניט טין דעכט זיין שליחות וועט הקב"ה ביא אים דאש געלט אוועק נעמן אונ וועט עש געבן אנאנדרין · אונ ביא צדקה געבן איז דער דין אזו · ווער עש איז זייער מולד אונ האט אגוט הארץ זאל ער געבן וויפל דיא ארמי לייט בדארפין · אונ ווער עש פאר מאגט ניט אודר ווער עש וויל ניט געבן צו פיל אודר צו ווייניג נאר וויא עש קומט זאל ער צום ערשטן געבן איין פופט חלק פון זיין הקרן דער נאך זאל ער געבן איין פופט חלק פון ריוח · אבר מער פון איין פופט חלק טאר ער ניט געבן · סיידין אז ער ליגט קראנק אונ שרייבט איין צוואה מעג ער פאר שרייבן אויף צדקה מער פון איין פופט חלק : אבר גיזונדהייט טאר ער ניט געבן מער פון איין פופט חלק · דען טאמיר האט ער אזו איין עבירה גיטאן וואש דריבר מוז ער ארום ווערין אזו וועט ער אן הענגין זיין ארומקייט קומט איבר דער צדקה · אונ דער וואש וויל ניט געבן קיין פופט חלק איז ער עכ"פ מחויב צו געבן איין צעהנטיל פון קרן אונ ריוח ניט ווייניגר · אונ דער גרעסטר ארומאן אין דער וועלט זאל ניט ווייניגר געבן דורך דעם יאר וויא איין שליש פון איין (שקל) דאש בטרעפט אנדר האלבן פוילשי גילדן אונ אויב ניט איז ער ניט מקיים דיא מצוה :

דער וואש וויל קיין צדקה ניט געבן ווידליג נאך זיין פאר מעג נאך אזו זאל אים דאש ב"ד גייטן מיט אלים וואש זיא האבן יכולת : יתומים דארפין אויך צדקה געבן · אבר מיקאן זיא ניט גייטן · סיידען טוט עש פון זייער פאטרש כבוד וועגן · אודר דער ארומאן איז זייער קרוב אזו איז עש דאך זיא איין שאנד צו פאר לאזין זייערי קרובים · דא זאלין דיא אפטרופסים געבן פון זייערט וועגן :

דער דריטר פרק רעט וואש דיא צדקה זאל זיין :

דיא צדקה איז דרייא ערלייא זאכן איין צדקה איז וואש מען גייט אלי טאג אויש געמן אלי ערלייא עסן שפייז דאש הייסט (תמחוי) שיסל צדקה אונ מען צו טיילט עש באלד דיא ארמי לייט : אונ ביא דער צדקה איז דער פרעמדר ארומאן מיטן היימשין גלייך · דאש אנדרי הייסט (קופה של צדקה) דאש מען גייט ארום אלי ערב שבת אונ מען נעמט אויש געלט אונ עסן שפייז : דיא צדקה גיט מען נאר דיא היימשי ארומי לייט : סיידין דער מנהג איז: אין דר דאזיגר שטאט צו געבן דיא פרעמדי אויך דאש דריטי איז וואש דיא גבאים גייאן ארום · דאש הייסט סתם צדקה : דיא גבאים מעגן עש געבן וויא אהין זיא ווילין צום שיל אודר בית החיים וואש מען דארף דער צו מתקן זיין :

דער פערדיר פרק רעט ווער עש מעג געמן צדקה :

דיא חכמים ז"ל האבן גיזאגט ווער עש האט זיין איינגש צווייא הונדרט גילדן אפילו ער האנדילט ניט דר מיט אודר ער האט ווייניגר פון צווייא הונדרט גילדן נאר ער האנדילט אונ דער נערט זיך דער פון טאר ער קיין צדקה ניט נעמן · אבר דער וואש האט ווייניגר פון צווייא הונדרט גילדן אונ האנדילט ניט דער מיט מאג ער זוא נעמן : דער סימן איז (צדקה) בטרעפט צווייא הונדרט אן איינגש : אונ אפילו ער האט נאר איין גילדן ווייניגר אונ מען גיט טויזנט גילדן מיט אמאל מעג ער נעמן אין דיא צווייא הונדרט גילדן

גילדין רעכינט נאך ניט זיין גיפעם. וואש ער דארף אז זיין טיש אפילו זיא זענין גילדני אודר זילברני כלים: אונ אויך זייני קליידר אונ זיין ווייב אונ קינדרש קליידר : וויל ער דארף דאש האבין צו זיין לייב :

דער פופטר פרק רעט וועמין מזאל געבין צדקה :

צום ערשטין איז ער מחויב זיך זעלברט צו דער נערין :

דער נאך זיין ווייב דער נאך זיין פאטר אונ מוטר : דר נאך זייני קינדר : דער נאך זייני ברודר אונ שוועסטר : דער נאך זייני פעטירס אונ מומים דר נאך זייני גישוועסטר קינדר דער נאך דיא אנדרי קרובים : דער נאך דיא ארמי לייט וואש וואנין אין זיין שטאט : דער נאך דיא פרעמדי אונ זיין רבי איז פריר פון אלי פון זיין פאטיר סיידין זיין פאטיר איז אתלמוד חכם : אזו איז אויך דער דין אז זיא זיצן אין דער תפיסה*) זאל ער פריר אלש דעם נאהנטרין קרוב אוש לייזין:

דער זעקסטיר פרק רעט וויא מזאל גובה זיין דיא צדקה :

עש טאר ניט ארום גיין גובה זיין צדקה אייגר אלין : נאר צווייא אונ זיא טארין ניט גיין ווייט אייגר פונם אנדרין דאש דיא לייט זאלין אים ניט חושד זיין : אונ ווען אייגר גיפונט עפים אין מציאה בשעת זיא גייאן ארום : טאר ער עש ניט ארין לייגין אין זיין ביטיל ארין דאש מזאל אים ניט חושד זיין : נאר ער זאל עש ארין לייגין צווישן דער צדקה : אונ אז ער קומט אהיים מעג ער עש ארויש נעמין : דען איטליכר איז זיך מחויב צו היטן פאר אין חשד : דען ער מאכט דיא וועלט זינדיגין : דיא פרומי אונ ערליכי ווייבר פלעגין זיך מאכין (גבאיתות) : אונ פלעגין ארום גיין גובה צדקה זיין אונ האבין עש צו טיילט דיא ארמי לייט : אודר ארמי ווייבר אודר קראנקי : אונ פלעגין אכטונג געבין אויף ארמי לייט אונ ווען אין אשה גיט צדקה פון איר ארבעט אודר פון איר ריוח דאש איז ארעכטי צדקה דער מיט בשערמט זיא איר מאן אונ קינדר פונם גיהנם אונ פונם טויט אז וויא דער פסוק זאגט (וצדקה תציל ממות) צדקה איז מציל פונם טויט אונ ווען זיא זעהט איר מאן איז פאר טראגן אין האנדיל זאל זיא אים דער מאנין ער זאל צדקה געבין אונ דש ער זאל חאטשי אין שעה אודר צוויי שעה עפים תורה לערנין אונ ער זאל זיך אלי טאג מאכין אין צייט אויף צו לערנין אויך זאל זיא אים דער מאנין מעשים טובים צו טאן די הייסט אין פרומי אשה אונ אין צנועה אונ אין חכמה אז וויא דער פסוק זאגט (פיה פתחה בחכמה ותורת חסד על לשונה) איר מויל טוט זיא עפנין מיט חכמה אונ דיא רייד פון תורה אונ גמילות חסד איז תמיד אויף איר צונג דאש זיא זאל דער מאנין איר מאן אונ קינדר :

דער זיבנטר פרק רעט וויפל מזאל געבין צדקה פיא דיא פרעמדי פיא דיא היימישי :

גבאי צדקה טאר ניט אלין צו טיילין דאש צדקה געלט דען עש מוז זיין דער בייא דרייא פרומי אונ העכטליכי לומדים : וואש ווייסן אלי דיא דינים פון צדקה אבר ניט עמי הארצים : אונ דרייא דיינים מוזן זיצן אונ משפט וועמין מזאל געבין פיל אודר ווייניג דש ערשטי דער ארומאן וואש שעמט זיך ניט ארום צו גיין אויף דיא טירין : גיט מען אים נאר אשטיקיל ברויט : אודר אין שילינגר : דאש אנדרי דער ארום מאן וואש וואנדרט ארום פון שטאט צו שטאט דעם גיט מען זיין צערינג וואש ער דארף איבר נאכט אונ אז ער בלייבט שבת האלטין גיט מען אים געלט אודר שפייז אויף דרייא סעודות דש דריטי איז ווען אין יתומה דארף חתונה האבין גיט מען איר פופציג גילדין : דש פערדי אין יתום וואש וויל חתונה האבין דארף מען אים געבין אין דירה איבר דיא חתונה אונ אין בעט אונ גיפעס וואש ער דארף האבין אום טיש • אונ זייני קליידר וואש ער דארף: דאש פינפטי ווען עש קומט אין ארומאן וואש ער איז פון גרושי לייט אודר פון עשירים : זאל מען אים געבין וואש ער דארף צו דעם זעלביגין טאג : אפילו אין פערד דרויף צו רייטין דש זעקסטי אין ארומאן וואש שעמט זיך צדקה צו נעמין זאל מען אים לייאן : דער נאך זאל מען עש אים שענקין : וויל ער אזו אויך ניט לייאן זאל מען צו אים זאגין ברענג מיר אין משכון וועט מען דיר לייאן אונ מזאל מיט אים ניט מדקדק זיין : אונ מזאל אים באלד לייאן : דאש זיבנטי ווען אין ת"ח איז ארום : זאל מען אכטונג געבין אויף זיין כבוד : דאש מזאל אים געבין דורך אזו אין אופן ער זאל ניט פאר שעמט ווערין אונ אז ער וויל קיין צדקה ניט נעמין זאל מען אים ניט לאזין קיין דוחק לידין נאר מזאל מיט אים עסקים האבין : מזאל אים וואלוויל פאר קויפן : אונ בייא אים טייאר אב קויפן אונ אז ער ווייסט עפים אין האנדיל וואש ער קען דר פון גישפייזט ווערין : זאלין אים לייאן געלט אודר סחורה כדי ער זאל בכבוד גישפייזט ווערין אויף דעם האבין דיא חכמים גיזאגט

ווער

*) תפוס , ותפיסה מיינט תנן וואש זיין פר סובות ,

װער עס ליאט געלט אין תלמיד חכם אויף האנדיל איז ער אין בן עולם הבא און דער וואס וויל פאר דינען רעכט עולם הבא : זאל ער זעלבסט האנדלען פאר דעם תלמיד חכם און זאל אים לאזין תורה לערנען : אזו העלפט ער אים דאך צו דער תורה : דרום האט ער אויך א חלק דרינען :

אויך די בעלי בתים וואס קענין ניט תורה לערנען ווען זייא האלטין אויש און געבין הכפקה די יונגין און בחורים און תלמידים פון דער שטאט : דאס איז ער גירעכינט גלייך ווייא זייא זעלבערט וואלטין תורה גילערנט : אז וויא דער פסוק זאגט (שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך) ווען ניט (זבולון) וואלט נישפייזט זיין ברודער (יששכר) וואלט ער ניט גיקענט קיין תורה לערנען דען זבולון האט גיהאנדילט מיט סחורה איבר דעם ים און האט זיך גיטיילט דעם ריוח מיט זיין ברודער יששכר : דאס ער זאל קענין בייא דעם לערנין בלייבין : דרום זאגט די תורה פרייא דיך (זבולון) ווען דוא ציהסט נאך סחורה : ווייל (יששכר) זיצט אין די גיצעלטין און לערינט תורה : און די תורה לויבט מיין (זבולון) אז (יששכר) והא ראיה ער שטייט דאך פאר (יששכר) אין פסוק אויך זאגט דער פסוק (עץ חיים היא למחזיקים בה) די תורה איז איין בוים פון לעבין צו די וואס העלפין צו איר : דרום זאל איטליכר בעל הבית וואס קען ניט לערנען דרויף אכטינג געבין : און זאל העלפין די בחורים און יונגין וואס לערנין תורה מיט געלט : און מיט עסין און קליידר : אודר ליכט צו לערנין אודר ער זאל זייא לאזין בייא זיך אין שטוב לערנין אזו איז עס גלייך וויא ער וואלט זעלבערט תורה גילערנט : דאס אבטי איז די נבאים זאלין אכטונג געבין אויף די ארמי לייט וואס וואינין אין שטאט : צו געבין איטליכן נאך זיין מעלה נאך דען די ארמי לייט האבין זיבין נעמין (דל הלך מך עני רש מסכן אביון) (דל) איז אזעליכר וואס איז רייך גיוועזן און איז ארום גיווארין אז וויא דער פסוק זאגט (ודל מרעהו יפרש) און דער דל איז אפ נישיידט פון זיין חבר : (ואוהבי עשיר רבים) אבר דער עושר האט פיל פריינד און קרובים וואס קומן צו אים דרום איז ראוי מיזאל דעם (דל) מער העלפין אז אנאנדרין : (הלך) דאס איז איין מיטל מעסיגר : וואס בהעלפט זיך נעבך מיט זיין דלות וויא וייט ער קאן : אבר ווען עס קומט אויף אים איין קרענק ר״ל אודר עפיס אנאנדר זאך קאן ער זיך שוין ניט בהעלפין :

דעם איז ראוי מיזאל אים העלפין גיידר ער ווערט גאר פארארומט ח״ו : דער (רש) איז אזעלכיר וואס פלעגט זיך דער נערין מיט גאט און מיט כבוד : דעם איז אויך ראוי צו העלפין דאס ער זאל זיך קענין ווידר דער נערין : דער (מך) איז אזעלכיר וואס איז תמיד גיוועזן איין ארומאן דעם כו״ז מען פשיטא העלפין : דער (עני) מיט זיך אן ווינגר און ווייא : אלי זיין טאג טוט ער מיין ניט נאר ער ארבייט און קאן ניט פר דינן אויף פרנסה דער איז תמיד אין איטל צער און ווייא טאג : דרום זאל מען אים פשיטא העלפין : דער (מסכן) איז אזעלכיר וואס וויל ניט ארבטין · נאר ער קוקט ארויש אויף לייטיש גאב און די לייט שפעטינפון אים און טייטין אים נאך מיט די פינגר : אפילו ער קען לערנען איז זיין תורה פאר נישט גיאכט : און מען האלט אים שפל דעם זאל מען אויך צדקה געבין : דער (אביון) איז אזעלכיר וואס גלוסט צו אלי גוטי שפייז : און קאן זייא ניט בקומן און ער קאן קיין שום מלאכה און קיין האנדיל ער קאן אפילו קיין צדקה ניט בעטין : און כמעט ער קאן אפילו ניט רעדין מיט לייט : דעם זאל מען פשיטא אויך געבין :

דרום זאלין די דרייא גבאים השגחה געבין וועלכן ארומן עס איז בילכר צו געבין און וועמן מיזאל פיל געבין און וועמן ווייניגר איטליכן נאך זיין כבוד און זיין בדערפניש נאך און וועמן מיזאל געבין עסין שפייז און וועמן מיזאל געבין געלט וועמן מיזאל געבין אלי טאג און וועמן מיזאל געבין אלי ערב שבת : און די גבאים זענין מחוייב צו קלערין די ארמי לייט אויב עס איז ניט פאר האנדין קיין פאלשקייט אין זייא ווער עס קומט און בגערט מיזאל אים געבין עסין לאז ער זיין ווער עס איז דארף מען אים אליש געבין · אין פרעמדער ארומאן וואס קומט צווישין ארמי לייט : און בגערט מיזאל אים געבין עסין : דארף מען אים אויך געבין : די חכמים האבין גיזאגט עס זאל זיין מיין חלק אין גן עדן מיט די וואס זענין גובה צדקה אבר ניט מיט די גבאים וואס טיילין ארום די צדקה : דען זייא געבין איינם צו ווייניג און דעם אנדרין צו פיל אויך ניט ער זיין קרוב מער וויא עס איז ראוי צו אים : און אויך זיין פיינד ניט ער ווייניגר וויא ער דארף : דאס איז איין הארבי עבירה ח״ו : דרום זאל מען מאכין גבאים פרומי כשרי לייט און לומדים אבר ניט עמי הארצים און אוב איין ארומאן ווערט

דעם

דעם גבאי : זאל עש אים ניט הארן : דען אזו איז זיין שכר גרעסר אונ ער זאל אים געבן זיין צדקה אלי וואך וויא פריר : אונ זאל אויף אים ניט אן שרייאן: ער זאל גידענקן טאמיר רעט ער עש פאר צרות : דרום זאל ער מיט אים ריידן מיט גוטי רייד : אונ זאל אים וואול אויש פארשטין אויב עש איז ניט פאר האנדרין איז אים עפיש רפואות : אין דער צדקה זענין פאר האנדרין אכט מעלות איני בעסיר פון דער אנדרר די ערשטי מעלה איז דער וואש גוט צדקה גיט גערן : אודר ער בארומט זיך מיט זיין צדקה : אזו וואלט בעסיר גיוועזן ער זאל ניט געבן : דען זיין מצוה ווערט צו אין עבירה : די אנדרי מעלה איז דער וואש גוט יוא גערן אונ מיט פריילכקייט וויא דער דין איז : אבר ער גיט ניט גנוג וויא מען דארף געבן דעם ארומאן די דריטי מעלה איז ווער עש גיט גנוג אוך : אבר ער גיט ניט ביז דער ארומאן מירט אים אן אונ איז מבייש זיין פנים קעגן אים : די פערדי מעלה איז ווער עש גיט דעם ארומאן אין אזו אין אופן ער זאל ניט פאר שעהמט ווערין : דאש איז זייער וואול : אבר עש איז נאך פאר האנדרין בעסרי מעלות דער פון : די פונפטי מעלה איז אז ער ווייסט וועמן ער גיט : אבר דער ארומאן ווייסט ניט ביא וועמן ער נעמט : אזו וויא די חסידים אונ אנשי מעשה פלעגין טין (מר עוקבא) האט הונטר גיווארפן געלט די ארמי לייט אין זייערי הייזיר : כדי זיא זאלין ניט וויסן ווער עש גיט זיא : די זעקסטי מעלה איז אז דער ארומאן ווייסט פון וועמן ער נעמט : אבר דער בעל הבית ווייסט ניט וועמן ער גיט : אזו וויא פאר צייטן האבן אטייל חסידים אונ צדיקים אין גיקנופט געלט אין זייער מאנטיל : אונ די ארמי לייט זענין גיקומן אונ האבן עש גינומן : אזו האט זיך דער ארומאן ניט גישעהמט פאר אים : די זיבעטי מעלה איז אז זיא וויסין ביידי ניט : דער ווייסט ניט וועמן ער גיט : אונ דער ווייסט ניט ביא וועמן ער נעמט : דהיינו ער ווארפט אין (מתן בסתר) אריין : אונ די גבאים זענין דאך רעכטי נאמנים : אונ וויסין די דינים פון דער צדקה : די אכטי מעלה איז איבר אלי מעלות דאש איז ווען איינר לייאט זיין חבר : אודר ער העלפט אים צו זיין פרנסה : אודר ער מאכט חברותא מיט אים דאש ער זאל בקומן רייוח : אודר ער ווייזט אים אין פרנסה : אודר ער לערנט אים אין מלאכה : דאש ער זאל ניט דארפן צו לייטיש נאב : דאש איז גרעסיר אצדקה פון די פיר ערליא (צדקות) וואש איך וועל דא בשיידין :

דאש ערשטי איז (פדיון שבוים) דאש מען זאל אויש לייזין תפוסים זעלכי בעלי חובות וואש זענין פר אונגליקט גיווארין אונ זיא האבן דראן קיין שולד דאש איז פריר פאו אלי (צדקות) אין דער וועלט: דאש הייסט (מצוה רבה) די גרעסטי מצוה פון אלי מצות : דיש אנדרי איז ארומי בתולות חתונה צו מאכן : דאש איז נאך בעסיר אונ דער פר בקומט מען גרויש שכר לעולם הבא : דאש דריטי איז ווער עש גיט צו שטייאר אויף אין שיל : אודר אויף אין בית המדרש צו בויאן : אין דעם כלל איז ווער עש דער האלט די וואש לערנין תורה : אודר ער לערנט אינם אין מלאכה : ער זאל דער פון פרנסה האבן: דאש איז אין גרושי צדקה וואש האט קיין שיעור ניט דאש פערדי ווער עש גוט צדקה ארומי חולים : אודר אלטי לייט וואש קענין זיך ניט דער נערין דש איז די גרעסטי צדקה : ווען צוויא ארומי לייט געבן צדקה איינר דעם אנדרין זענין זיי יוצא מיט זייער צדקה :

ווען אין בעל הבית קומט אין דער פרעמדר אונ האט ניט צו עסן : מעג ער נעמין צדקה : אונ אז ער קומט אהיים דארף ער ניט בצאלין : וויל דעמאלט איז ער גיוועזן אין ארומאן : אונ ווען מען גיט אים געלט איבר וועגן אונ עש איז פאר האנדרין איבריגש וויא ער דארף קער דאש אוך צו אים :

די צדקה וואש מען איז מנדר פאר די מתים בפרט אום שבת אודר יום טוב : דאש העלפט זיא אויף יענר וועלט : דרום זאל איטליכר מזכיר נשמות זיין זייני קרובים : אונ זאל געבן צדקה פון זייערט וועגין : איטליכר זאל זיך זעהן בהעלפן וויא ווייט מיגליך איז אונ זאל קיין צדקה ניט נעמין : אפילו אין תלמיד חכם זאל אין מיאוסי מלאכה טין אידר ער זאל דארפן צו לייטין : אונ אין אלטיר מאן אודר אקראנקיר וואש קאן זיך ניט מפרנס זיין אונ וויל קיין צדקה ניט נעמין איז גלייך אז וויא ער טייט זיך זעלברט: אבר אין גיזונדר מאן וואש דארף נעמין צדקה : אונ נעמט ניט : אונ בהעלפט זיך וויא ווייט מיגליך איז : דער שטארבט ניט ביז ער שפייזט אנדרי לייט : אויף אים זאגט דער פסוק (ברוך הגבר אשר יבטח בה') גיבענטשט איז דער מענטש וואש פאר זיכרט זיך אין גאט :

סליק הלכות צדקה

בכל

# הלכות דרך ארץ

(בכל דרכיך דעהו והוא יישר אורחותיך) מיר האבין גילערינט אין דער מסכת ברכות פרק הרואה (בר קפרא) האט גידרשת וועלכוס איז אזו איין פסוק וואש (כל התורה תלוה) הענגט אין אים · דאש איז איין פסוק אין משלי : (בכל דרכיך דעהו) אין אלי דייני וועגין אונ עסקים זאלסטו ווישין אז גאט יתברך זעהט אלי דייני מעשים אונ האנדיל : אז וויא דער פסוק זאגט (שויתי ה' לנגדי תמיד) איך האב גיטאן גאט קעגין מיר תמיד : אונ האב ניט ארויש גיטרעטין פון זייני גיבאט : דער נאך זאגט ווייטיר דר פסוק (והוא יישר אורחותיך) אונ ער וועט גלייך מאכין אלי דייני וועגין · דאש מיינט מען ער וועט דיך לערנין דרך ארץ צו גיין אין רעכט פארטיגן וועג · דער דרך ארץ איז נאך גיוועזן אין אדם הראשון צייטין : אז וויא דער פסוק זאגט (לשמור את דרך עץ החיים) זעקס אונ צוואנציג דורות דער נאך האט גאט גיגעבין דיא תורה צו משה רבינו · אונ האט אים גיבאטין צו הוטין דעם דרך ארץ : דיא חכמים ז"ל זאגין וועד עש איז גיווארינט אין דרך ארץ וועט ער זוכה זיין צו זעהן אין דר נחמה פון ירושלים : אז וויא דער פסוק זאגט (ושם דרך אראנו בישע אלהים) דער וואש טוט אין זיך דעם דרך ארץ וועט ער זעהן אין דער הילף פון גאט :

דיא גמרא זאגט אין מסכת ברכות (רבי מאיר) איז גיוויינטליך גיוועזן צו זאגין דוא זאלשט לערנין תורה מיט גאנצין הערצין אונ לייב · אזו וועסטו דער קענין דעם רעכטין וועג פון הקב"ה · דאש איז דער דרך ארץ : אונ זאלסט זיין דער ערשטיר אין דוא טירין פון דער שיל אונ בית המדרש : אונ היט דיא תורה אין דיין הארצין : דאש דוא זאלסט זיא ניט פאר געסין אונ דיא פארכט פון הקב"ה : אונ היט דיין מויל פון שלעכטי רייד : אונ רייניג דיך פון אלי דייני זינד : אזו וועט גאט מיט דיר זיין אלי צייט : (אביי) איז גיוויינטליך גיוועזן צו זאגין דוא זאלסט תמיד טראכטין ערמות אין גאטש פארכט אונ זאלסט שלום מאכין צווישין איינם אונ זיין חבר אונ צווישין מאן אונ ווייב אונ זאלסט דיך ניט דער ווייטרין פון דייני קרובים אונ שכינים: אונ זאלסט דיך מיט קיינים ניט קריגין : אונ זאלסט איטליכין אפ געבין שלום אונ אגוט מארגין · אפילו איין אינו יהודי. אין מארק אזו וועסטו זיין גליבט אין גאטש אויגין און אין לייטיש אויגין (רב) איז גיוויינטליך גיוועזן צו זאגין דער תכלית פון דער חכמה איז דיא תשובה אונ מעשים טובים אבר דער וואש פאר ברענגט זיין חכמה אין וועלטליכי זאכין איז ער קיין חכם ניט : דער וואש לערינט תורה אונ איז בועט אין זיין פאטר אונ מוטר אונ אין זיין רבי : אודר אין דעם וואש איז עלטיר אונ חשובר פון אים : דער איז איין נער אונ ארשע : אוף אים זאגט דער פסוק (ראשית חכמה יראת ה' שכל טוב לכל עושיהם) דער אן הייב פון דער חכמה איז דיא פארכט פון גאט : דאש איז אגוטר שכל צו אלי מעשים · עש שטייט ניט (שכל ללומדיה) עש איז איין שכל צו דיא וואש לערנין תורה נאר (שכל טוב לכל עושיהם) דאש מיינט מען צו דיא וואש טואן דיא מצות אונ מעשים טובים לשם שמים · אבר ניט כדי דיא לייט זאלין אים לויבין : אבר דער וואש לערינט תורה פון כבוד אודר פון געלט וועגין : אזו איז אים בעסר ער וואלט ניט בשאפין גיווארין :

דרום זאל איטליכר מענש גיווארינט זיין צו האבין אין זיך (יראה) אונ דרך ארץ : אונ ער זאל מאכין דיא לייט זאלין אים ליב האבין : אזו וועט אים גאט אויך ליב האבין : אבר דער וואש ברענגט אויף זיך ליבשאפט דורך חניפות אודר ווייל ער שטראפט ניט דיא לייט · דעם האט הקב"ה פיינט : אז וויא דיא גמרא זאגט ווען דוא זעהסט איין תלמיד חכם וואש דיא שטאט האט אים ליב איז דאש דרום ווייל ער שטראפט זייא ניט : דען ווען ער וואלט זייא גישטראפט וואלט זיך גיפונין אטייל וואש וואלטין אויף אים בייז גירעט : אונ דאש וואש שטייט ער זאל זעהן דיא לייט זאלין אים ליב האבין : מיינט מען דיא פרומי לייט ניט דיא שפעטיר : ווער עש גינהגט זיך צו חכמים · אונ איז מקבל זייערי שטראף רייד דער איז גוויש אצדיק אונ אויב ניט איז ער בודאי ארשע · אונ האט ניט אין זיך קיין יראת שמים : אונ קיין דרך ארץ: אויף אים האט גיזאגט שלמה המלך ע"ה: (אל תוכח לץ פן ישנאך) זאלשט ניט שטראפין קיין שפעטיר טאמיר וועט ער דיך פיינדן: (הוכח לחכם ויאהבך) דער שטראף צו איין חכם וועט ער דיך ליב האבין : דער פון זעהט מען אויך אז דיא פרומי לייט האבין ליב דעם פרומין מאן · אונ דיא שלעכטי לייט דעם שלעכטין מאן : דיא גמרא זאגט (רבי זכאי) איז אלט גיוועזן העכיר הונדרט יאר האבין אים דיא תלמידים גיפרעגט רבי מיט וואש

האט איר זוכה געוועזן צו לאנגי יאר · האט ער צו זייא גיזאגט זעגט איר דען גערין איך זאל שטארבן : האבן זייא גיענפֿרט גיין ליבר רבי דאש איז אויך תורה אונ דרך ארץ : דרום ווילן מיר עש לערנין פון אייך · זאגט ער איך וועל אייך זאגין איך בין וייל מיין לעבין ניט ברוגז געוועזן : אונ האב אויך קיין מענטשין ניט אן גישריגין: איך האב תמיד גידאכט ער איז בעסיר פון מיר: איז ער עלטיר געוועזן האב איך מיר גידאכט ער הט מער מצות גיטאן פון מיר: איז ער יונגר געוועזן האב איך מיר גידאכט ער האט ווינציגר עבירות גיטאן פון מיר : אונ ווען עש איז איימציץ ניט גיט גיגאנגין האב איך מיך אויך מצער געוועזן : מכל שכן דאש איך האב מיך ניט גיפֿרייאט אין זיין אום גליק אויך האב איך קיין מאל קיין מענטשין ניט גירופֿין מיט אזו איין נאמין וואש ער שעהמט זיך · דען ווען איינר פֿאר שעהמט דעם אנדרין האט ער ניט קיין חלק לעולם הבא : אז וויא מיר גיפֿונין דאש תמר האט ניט גיוואלט מבייש זיין יהודא: אונ זיא האט גוואלט זיך לאזין ווארפֿין אין פֿייאר ארייִן איידר זיא זאל זאגין פֿון וועמין זיא טראגט : אויך זאגט דיא גמרא נאך עטליכי לייט האבין לאנג גילעבט האבן זייא אויך גיזאגט עטליכי אירליא זאכין : אז וויא איך וועל דא בשיידין :

איינר האט גיזאגט איך האב דרום לאנג גילעבט ווייל איך האב מיך ניט מתכבד געוועזן מיט מיין חברש שאנד: אונ האב קיין מאל ניט גיקוקט קיין רשע אין זיין פנים: איינר האט גיזאגט איך האב דרום לאנג גילעבט ווייל איך בין תמיד געוועזן דער ערשטיר אין שיל : אונ האב קיין מאל ניט גישלאפֿין אין שיל : איינר האט גיזאגט איך האב דרום לאנג גילעבט דאש איך האב קיין מאל ניט פֿאר פֿעלט קידוש צו מאכין איבר וויין : אמאל האב איך קיין געלט ניט גיהאט האט מיין מוטר פֿאר קויפֿט איר שלייאר פֿונם קאפּ אונ האט מיר גיבראכט וויין אויף קידוש·ברענגט ווייטר דיא גמרא אז דיא זעלביגי יודני איז גישטארבין האט זיא גילאזט דרייא הונדרט פֿעסיר וויין : אונ דער חכם האט גילאזט דרייא טויזנט פֿעסיר וויין : איינר האט גיזאגט איך האב דרום לאנג גילעבט ווייל איך האב ניט גיהאט קיין אנדרי מחשבה אין שיל נאר אויף טייטש פֿארבט : אונ האב ניט גיטרעטין איבר קיין מענטשין דש האט זיך צווי טייטשין איינש דיא פֿראסטי טייטש : דש אנדרי מיינט מען איך האב

קיין שררה ניט גיוואלט האבין איבר קיין מענטשין : וואטשי איך בין דאך געוועזן איין אב בית דין אודר ראש הקהל האב איך מיך דער מיט ניט איבר גינומן : דאש איז אלש אין כלל פֿון דרך ארץ אונ איז גישיילט אויף פֿיר חלקים : איין חלק רעט וויא דיא תלמידי חכמים זאלין זיך האלטין בדרך ארץ : דער אנדריר חלק רעט וויא דיא אלטי לייט זאלין זיך האלטין בדרך ארץ : דער דריטר חלק רעט וויא בעלי בתים אונ בחורים זאלין זיך האלטין בדרך ארץ : דער פֿערדיר חלק רעט וויא דיא ווייבר אונ מאגין זאלין זיך האלטין בדרך ארץ :

דער דרך ארץ פֿון תלמידי חכמים איז אזו ער דארף אין זיך האבין איטל גוטי מדות : אונ דארף לערנין תורה טאג אונ נאכט לשם שמים : ער זאל ניט האבין קיין פֿיל אנדרי עסקים · אונ וויא באלד ער ווערט לייריג פֿון זייני עסקים זאל ער זיך זעצין לערנין : אונ ער זאל זעהן ניט פֿר זוימן קיין מצוה : אונ זאל גיין פֿריא אין שיל אריין אונ ער זאל זיין איין ירא שמים אין אלי זאכין : אונ זאל זיך ניט אפּ שיידין פֿונם קהל מיט אלי זאכין : סייא מיט תשובה אונ תעניתים אונ זאל תפֿלה טאן פֿארין קהל : אונ ער זאל זייא שטראפֿין : אוף דעם זאגט די גמרא ווער עש האט בכח צו שטראפֿין די לייט אונ שטראפֿט זיי ניט ווערט ער גישטראפֿט דרוף אונ ווי ער זאל שטראפֿין אונ וועמן ער זאל שטראפֿין אונ ווען ער זאל שטראפֿין ווערט אלש שטיין אין חלק פֿון תוכחות: דער תלמיד חכם דארף זיך שיין פֿירין מיט זיין הענדיל : אונ מיט זייני קליידר · אונ עסין אונ טרינקין · אונ זאל זייני תפֿלות אונ תחנות זאגין בכוונה : אונ זאל ערליך האנדלין : ער זאל קיינים קיין אום רעכט ניט טואן : אפֿילו אוף איין שילינגר : אונ זאל ניט זאגין קום. אנאנדרט מאל וועל איך דיר בצאלין אונ ער זאל ניט מדקדק זיין מיט דיא לייט : ער זאל קיין פֿרעמדס ניט בגערין אפֿילו קיין מתנות: אויך זאל ער מאכין דיא לייט זאלין אויף אים קיין שלעכטץ ניט ריידין אונ אויב ניט איז ער מחלל השם ח״ו : אונ ער זאל רעדין במעליך מיט דיא לייט אז וויא עש שטייט דיא רייד פֿון דיא חכמים זענין במעליך אונ ווערין גיהערט : אבר דער נער שרייאט איך די לייט אזו ווערין זייני רייד ניט גיהערט : אונ דיא לייט קערין זיך ניט דער צו :

דיא גמרא זאגט איין תלמיד חכם וואש לערינט לשם שמים : אין האנדילט באמונה · אונ רעט מיט דיא לייט באמעליך:

וואש

וואש זאגין דיא לייט וואול דעם תלמיד חכם זעהט וויא ער לערינט תורה : אונ וויא ער האנדילט באמונה : וואול זיין פאטר אונ מוטר : אונ' וואול זיין רבי וואש האט אים גילערינט תורה דעם וויא האלט ער זיך בדרך ארץ דאש איז אקידוש השם : האבין ליב גאט אונ לייט : אויף אים זאגט דער פסוק גאט זאגט אויף אים דוא בוסט מיין קנעכט ישראל וואש מיט דיר טוא איך מיך ברומין : אבר דער וואש טוט ניט אזו אונ איז איין משוגינער · אונ איז מדקדק מיט דיא לייט אויף איין פחות משוה פרוטה · אונ בצאלט אויך ניט ערליך : וואש זאגין דיא לייט וויא צו אים אונ וויא צו זיין פאטור אונ מוטר · אונ וויא צו זיין רבי,וואש האט אים גילערינט תורה אונ ניט קיין דרך ארץ : דיא לייט וואש לערנין ניט קיין תורה האבין מיין דרך ארץ פון אים : ער האנדילט ניט ערליך אונ בצאלט ניט ערליך : ער האט אין זיך שלעכטי מעשים : דאש איז ארעכטיר חילול השם : אויף אים זאגט דער פסוק זיא זענין גאטש פאלק אונ מוזן ארויש גיין פון זייער לאנד איבר זייערי בייזי מעשים : אונ פון וועגין דיא תלמידי חכמים וואש זענין זיך רעכט נוהג מיט דיא לייטין גיט הקב"ה שלום אין דער וועלט : אז וויא דיא גמרא זאגט רבי אליעזר זאגט פון וועגין רבי חנינא (תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם שנאמר וכל בניך למודי ה' ורב שלום בניך) דיא תלמידי חכמים מערין שלום אויף דער וועלט · אז וויא עש שטייט אין פסוק אלי דייני קינדר זענין דיא לערניר פון גאט :דרום וועט קומן פיל שלום צווישן דיר : אונ דרום שרייבט עש רבי אליעזר צו ווייזן אז איין תלמיד חכם זאל האבין מער דרך ארץ פון אנאנדרין · אונ זיין משא ומתן זאל זיין באמונה :

דער תלמיד חכם דארף גיין מיטל מעסיגי קליידר ניט צו גוט אונ ניט צו שלעכטי נאר זיא זאלין ניט זיין צו ריסן אונ בשמירט אונ ניט פאר ברענט · ניט צו לאנג אונ ניט צו קורץ אונ זאל זיא שיין אויש בערשטין : דאש מיזאל אויף זיא ניט גיפונין קיין פעדיר אונ קיין אום ריינקייט, דש דיא לייט זאלין ניט ריידין פון אים : אונ אז מען גיפונט אויף זיא איין לויז איז ער חייב דען גאט וויל האבין זייני קנעכט זאלין זיך ריין האלטין אונ עש זאל זיך אויף זיא ניט גיפונין קיין שום שפרענקיל אז וויא איין קנעכט גייט פאר איין מלך בשר ודם · דען איין תלמיד חכם איז איער נאהונט צו גאט · דרום זאל ער זיך ריין האלטין מיט אלי זייני זאכין : אויך זאל ער ניט גיין אין שמעקינדיגי קליידר וויא דיא מפונקים גייאן · אונ זאל ניט גיין אין קיין צו רוסני שיך : אונ זאל ניט האבין קיין פלעק אויף זיין פוס : דען דאש אלש איז איין שאנד צו אתלמיד חכם · אויך זאל ער זיך רעכט נוהג זיין מיט זיין עסין · ער זאל ניט עסין מיט קיין עמי הארצים:אונ זאל ניט גיין אויף קיין סעודות נאר אויף איין סעודת מצוה : אויך זאל ער ניט פיל עסין אודר טרונקין נאר ווערליג צו דער האלטין זיין לעבין : אויך זאל ער ניט עסין אזו איין שפייז וואש ער קען עש ניט באלד פאר דייאן · דען עש איז אים מפסיק פון זיין תורה אונ מצות אונ זאל ניט גיין מיט גאוה : נאר ער זאל האלטין זיין קאפ אראפ : דאש ער זאל קינים ניט זעהין אין זייני פיר איילין · אויך ביא זיין טיש זאל ער זיך ריין האלטין מיט ווייסי טישטיכר : אונ זאל ניט אפ בייסין מיט זייני ציין · נאר ער זאל אפ שניידין מיט אמעסיר : אונ זאל קיין גרויסין ביסן ניט איין שלינגין אויך ניט קיין גרוסין טרונק געבין נאר אלש מיט דער מאס אויך טאר ער ניט גיין פיר איילין אן ציצית אונ זיין מחשבה זאל תמיד מהרהר זיין אין דברי תורה : סייא אז ער זיצט סייא ער שטייט סייא אז ער לייגט זיך · סייא אז ער שטייט אויף : נאר אין באד אונ אין בית הכסא אודר אויף אנדרי אום ריינו ערטיר דארטין טאר מען ניט מהרהר זיין אין דברי תורה :

איין תלמיד חכם טאר זיך ניט גיין שפאצירן אויך טאר ער ניט גיין באמעליך : אונ וויא באלד ער ווערט לידיג פון זיין האנדיל · זאל ער אן הייבין צו לערנין : אודר צו טאן מעשים טובים אונ צדקה אונ גמילות חסד : אונ טאר קיין שום שלעכט ווארט ניט ארויש לאזין פון זיין מויל אפילו קעגין איין אינו יהודי אונ זאל ניט פיל ריידין מיט קיין אשה אפילו מיט זיין אייגן ווייב : אונ אפילו ניט מיט זיין טאכטיר אודר שוועסטר · נאר וואש ער דארף צו ריידין אונ זאל מיט קיין עמי הארצים קיין שום עסק ניט האבין : קורץ פון דער זאך איין תלמיד חכם זאל זיך האלטין בדרך ארץ וויא עש שטייט אים אן · איך וואלט אפילו ניט גידארפט שרייבין דעם דרך ארץ פון תלמידי חכמים · וויל זייא קענין דאך לערנין אין ספר מוכר · נאר איך האב עש דרום גשריבן טאמור וועט זיך איין פראסטיק אויך אזו ווען נוהג זיין אזו איז וואול אים · דען דאש איז דיא בעסטי מדה פון אלי מדות :

דער אנדריר חלק רעט פון דיא אלטי לייט וויא זייא זאלין זיך נוהג זיין בדרך ארץ : וויא באלד דער מענטש ווערט אלט זאל ער זיך רעכטין צו יענער וועלט דען ער איז קיין שעה ניט זעכיר : דרום זאל ער ניט פאר זוימן זיין תשובה : אונ זאל זיך גידענקין איך גייא נון אלי מאל איין שטאפיל אראפ : דרום זאל ער זיך בטראכטין אלי שעה וואש פאר שלעכטי מעשים ער האט גיטאן אונ זאל דרויף תשובה טאן : אונ דער אלטיר זאל זיך אפ טאן פון יונגי לייט · ער זאל ניט זיצן מיט זייא אונ זאל ניט זיצן מיט עמי הארצים אויף אכעודה אויך זאל ער גיווארינט זיין ניט ארויש צו לאזין קיין שום אום ריין ווארט פון זיין מויל : אונ זאל ניט ריידין קיין דברים בטלים אונ זאל זיך מתקרב זיין צוא

תלמידי חכמים : אונ זאל צו הערן זייערי רייד : אונ זאל זיך ניט קריגן מיט לייט אונ זאל זיא שטראפן זאגט אים איינר עפים איין שאנד זאל ער עש אים מוחל זיין · אונ אלי נאכט איידר ער ווערט אנשלאפין זאל ער זאגן איך בין מוחל איטליכן וואש האט מיך מצער גיוועזן אויך זאל ער ניט אויפט עסין · אונ זאל זיך ניט פאר שיפרין דען דש איז יונגי לייט אשאנד מכ"ש אלטי : אויך זאל ער תמיד בקיאין זיין העמד אונ דיא אנדרי קליידר זיא זאלין ריין זיין אונ זאל ניט פיל ריידין מיט ווייבר : אונ זאל גיווארינט זיין דיא שיל ניט צו פאר זויזן · אונ זאל אין זיך האבין מעשים טובים אונ ער זאל ניט ווארטין מיט זיין תשובה אונ תפלה אונ צדקה : אונ זאל אלי טאג צוואה טאן : אונ ווידוי זאגן :

קורץ פון דער זאך ער זאל תמיד גידענקין אז אין אשעה ארום ווערט ער שטארבין : דרום זאל ער לויבין אונ דאנקין גאט ית' דאש ער האט אים מזכה גיוועזן אזו אלט צו ווערין : אונ זאל אלי לייט בכבוד האלטין : אזו ווערט ער אויך בכבוד גיהאלטין ווערין : עש איז איין מצוה אין דער תורה מכבד צו זיין דיא אלטי לייט : אז וויא דער פסוק זאגט (והדרת פני זקן) זאלשט בשיינן דאש פנים פון איין אלטין מאן : (מפני שיבה תקום) פאר איין אלטין מאן זאלשטו אויף שטיין · אונ מיר גיפונין אופט אין דער תורה דאש הקב"ה זעלברט האט מכבד גיוועזן דיא אלטי לייט : אונ צו עולם הבא ווערט זיא הקב"ה ווידר מכבד זיין : אז וויא דער פסוק זאגט (וחפרה הלבנה ובושה החמה כי מלך ה' צבאות בהר ציון ובירושלים ונגד זקניו כבוד) זיא וועלין פאר שטערט ווערין דיא וואש גלייבין אין דער לבנה : אונ זיא וועלין פאר שעמט ווערין דיא וואש גלייבין אין דער זון : דען גאט האט גיקיניגט אין בארג ציון אונ אין ירושלים : אונ קעגין דיא אלטי לייט ווערט ער זיין מיט כבוד : זיא וועלין אים מכבד זיין אונ ער ווערט זיא מכבד זיין : אז וויא עש שטייט (כי מכבדי אכבד) דוא וואש האלטין מיך ערליך וועל איך זיא אויך ערליך האלטין :

נון זעהן מיר וואל אז אפילו הקב"ה ווערט מכבד זיין דיא אלטי לייט מכל שכן איין מענטש : דער וואש בדארף איין עצה זאל ער פון זיא איין עצה נעמין דען זייערי רייד זענין מיט שכל אונ זייער עצה איז זייער גוט אונ ניט פון יונגי לייט : אפילו ווען דיא אלטי הייסין דיר ברעכין אונ דיא יונגי הייסין דיר באוין : זאלשטו פאלגין דיא אלטי : דען דיא עצה פון אלטי לייט הייסט גיבויט אונ פון יונגי הייסט גיבראכין : אזוויא מיר גיפונין ביא (רחבעם) דער זון פון שלמה המלך אז ער האט גינומן דיא עצה פון דיא יונגי אונ ניט פון דיא אלטי : אזו איז ער גיבראכין גיווארן פון זיין מלוכה :

דער דריטר חלק איז דער דרך ארץ פון בעלי בתים : (בן עזאי) זאגט איטליכר בעל הבית זאל גידענקין אונ פאר זיך נעמין תמיד דיא פיר זאכין : אזו ווערט ער ניט זינדיגן : איינש פון וואנין דוא קומסט : דאש אנדרי וויא אהין דוא ווערסט גיין : דאש דריטי ווער איז דיין דיין : דאש פערדי פאר וועמין וועסטו דארפין אפ געבין דין אונ חשבון : פון וואנין קומסטו ארויש פון אשטינקדיגן טראפין · נוא ווארום זאלשטו דיך בגאוה האלטין · אונ וויא אהין וועסטו גיין אין דער פינסטרר גרוב צו דיא ווערים : אונ ווער איז דיין דיין הקב"ה דער דיין אמת : פאר אים וועסטו מוזן אפ געבין דין אונ חשבון אויף אלי דייני מעשים אונ רייד : דיא חכמים זאגין איבר פיר ערליא זאכין ווערין ארום דיא בעלי בתים · דאש ערשטי ווער עש בצאלט ניט דיא פועלים זייער פאר דינסט : דאש אנדרי ווער עש בצאלט ניט אין דעם זעלבין טאג וואש זיא האבין פאר דינט · דש דריטי ווער עש וויל קיין (מס) ניט געבין נאך זיין געלט נאך : דאש פערדי ווער עש האלט זיך בגאוה מיט זיין געלט : עש זענין נאך פאר האנדין פיר זאכין וואש ברענגין ארויסקייט אויף דיא בעלי בתים : דאש ערשט ער עש מאכט נאך פאלשי בריב אונ שטרות : דאש אנדרי ווער עש נעמט רווחים : דאש דריטי ווער עש קאן שטראפין דיא לייט אונ שטראפט זיא ניט : דאש פערדי ווער עש איז מנדר צדקה אונ גיט ניט אפ : דרום דער וואש וויל זיין געלט זאל אקיום האבין זאל ער נזהר זיין אין דיא פיר זאכין : איטליכר בעל הבית איז מחויב מכבד צו זיין איטליכן וואש קומט אריין צו אים אין שטיב אריין אונ זאל אים שיין אנטפאנגין : אונ זאל אים ברוך הבא אפ געבין מיט פריליכקייט : אונ זאל איטליכן שלום אפ געבין אויך איין אינו יהודי : אונ זאל אים ערליך האלטין מיט רייד אונ מיט מעשים :

דער דרך ארץ איז אזו : ער זאל איטליכן מכבד זיין גלייך וויא ער וואלט גיוועזן רבן גמליאל · אבר אין זייני דיעה זאל ער אים ניט פאר טרויען : איטליכר בעל הבית איז מחויב איטליכן מכבד זיין : איז ער עלטיר זאל ער גידענקין

ער האט מער מצות גיטאן פון אים: איז ער יונגר זאל ער גידענקן ער האט וויניגר עבירות גיטאן פון אים : טאמיר קען ער בעסיר לערנן אודר ער האט אין זיך מער מעשים טובים פון אים : אונ אויך איז דער דרך ארץ יעניס אפ צו ענפרין שלום אודר אגוט מארגין אודר אגוט אבונט : אונ אויב ניט הייסט ער אגזלן : אז וויא דער פסוק זאגט (גזילות העני בבתיכם) איר גזלת דעם ארומאן אין אייערי הייזיר : דרשת דיא גמרא דאש מיינט מען אז ווען איינר זאגט דעם אנדרין איין גוט מארגין אודר גוט אבונט אונ ער ענפרט אים ניט אפ מיט נוטן מיד הייסט ער אגזלן : אז צוויא מענטשין גייאן זאל דער חשובר גיין אין דער רעכטיר זייט : אונ ווען דרייא גייאן זאל דער חשובר גיין אין מיטן : אונ דער אנדריר אין דער רעכטיר זייט : אונ דער שפל אין דר לינקר זייט : איטליכר מענטש זאל ניט קוקן אויף זיין כבוד : אונ זאל אנדרי לייט מכבד זיין : אונ זאל ניט מקפיד זיין אפילו ער זיצט גאנץ הינטן : דען דער מענטש איז מכבד די שטאט ניט דיא שטאט דעם מענטשין : אויך אז איינר טוט אים עפיס דער ווידר זאל ער ניט מקפיד זיין : אונ זאל זיך ניט קריגן מיט לייטן : אונ זאל ערליך האנדלין דאש עש זאל זיך אויף אים קיינר ניט קלאגן אזו ווערט ער גירופין איין ערליכר בעל הבית : אבר דער וואש האט ניט אין זיך דיא זאכין אונ ווען ער איז שולדיג גיט ער ניט אפ : אונ אז יענר איז אים שולדיג לאזט ער אים ניט רואן : דער איז ניט קיין ערליכר בעל הבית :

אויך זאל קיין בעל הבית ניט גלוסטן צו יעניס געלט : נאר ער זאל זיך לאזין בגנין מיט וואש גאט האט אים גיגעבין : סייא פיל אונ סייא ווייניג : דען הקב"ה פרובט דעם רייכין אויב ער וועט בייז טין מיט זיין געלט : אויב ער האלט זיך בגאוה דער מיט אונ אויב ער איז אימצין מסיג גבול : אודר איין אום רעכט : אויב ער בצאלט דעם וואש ער איז שולדיג : אויב ער קריגט זיך ניט איבר זיין געלט אויב ער לאזט זיך בגנין אונ איז זיך משמח מיט דעם זייניגן וואש גאט האט אים בשערט : אויב ער האנדלט ערליך : אונ אויב ער גיט רעכט מעשר אונ צדקה פון זיין געלט : אויב ער טוט דאש אלש וואול אים אונ וואול זייני קינדר : וואול צו אים אויף דער וועלט אונ אויף יענר וועלט : דער איז איין ערליכר בעל הבית : אונ איז זוכה לחיי עולם הבא : אונ דער וואש טוט ניט אזו איז ער איין אום ערליכר בעל הבית אונ גאט אונ לייט האבין אים פיינט : ער פאר דארבט זיין עושר : אונ האט ניט דיא וועלט אונ יעני וועלט :

אויך פרובט גאט דעם ארומאן אויב ער נעמט אן דיעם דלות באהבה : אונ אלש וואש פירט זיך מיט אים אויף דער וועלט : אונ אויב ער קוקט ניט אויף פיל געלט : נאר צו דעם וואש ער קען קומן : דיא זעלביגי לייט האט גאט זייער ליב : אונ זייער תפלה ווערט דער הערט : אונ דער וואש פרייאט זיך מיט זייני יסורים איז ער ארעכטיר צדיק : דען דיא צדיקים ווייסן אז דאש איז אכפרה אויף זייערי מעשים : אונ עש איז בייא זייא גירעכינט גלייך וויא איין מציאה . עש איז אמשל צו איין מענטשין וואש האט דעם מלך דער ווידר גיטאן: איז זיין משפט ארויש גיגאנגין ער זאל אום קומין פון זיין געלד אונ גוטש : אזו זיכט ער דאך בוודאי כל המצאות ער זאל קענין אפ קומין מיט אגרינגר זאך נוא אז מיזאל אים נאר איין האנט אפ האקין אודר ער זאל מיט געלט אפ קומן : וואלט ער דאך בוודאי זייער פריליך גיווען : אזו איז דאש אויך דער מענטש פאר זינדיגט זיין לייב אונ גוטש דורך זייני עבירות : אונ אז ער קומט אפ מיט יסורים דארף ער דאך בוודאי זייער פריליך זיין דש גאט האט אים צו גשיקט אזו איין חסד : דאש ער נעמט בייא אים דיא יסורים פון זיין גוף אונ געלט פאר זיין נשמה וואש זיא האט גימוזט ליידין גיהנם : אונ ווער עש איז בוזעט אין דיא יסורים : אונ נעמט ניט אן פר ליב דעם חסד פון הקב"ה אזו ווערין אים דיא יסורים צו אייטל עבירות : גלייך אזו וויא יענר וואש מיהאט גיפסקית ער זאל אום קומן פון זיין געלט אונ גוטש : אונ דער מלך האט אים איין חסד גיטאן ער זאל גישטראפט ווערין מיט וואש גרינג איז : אז ער זאל טרייבין עזות קעגן דעם מלך אונ זאל זאגין איך בגער ניט דיין חסד : וויא וואלט עש מיט אים גיגאנגין : אזו איז דא אוך : דרום זאל זיך איטליכר משמח זיין מיט יסורים סייא מיט קראנקהייט אודר מיט תפיסות . אודר מיט ארומקייט . אודר דאש דיא קינדר שטארבין אים ר"ל : אודר אנדרי יסורים זאל ער אלש ניט מתרעם זיין קעגן גאט : אונ זאל זיין גוט אונ פרום : דען דורך דעם וועט ער האבין יעני וועלט אבר אז עש גייט אים תמיד גוט זאל ער זיך דרויף שטארק מצער זיין טאמיד איז ער ארשע : אונ גאט גיט אים אפ

זיין

זיין שכר אויף דער וועלט : דיא חכמים האבין אים איין עצה גיגעבין דאש ער זאל געבין צדקה אונ מעשר אונ זאללאזין תורה לערנין פאר זיין געלט : אונ זאל געבין ליכט אויף צו לערנין: אונ זאל זיך גוייגן אין דעם דרך ארץ וואש גיהער צו איין בעל הבית : אזו וועט ער זוכה זיין צו דער וועלט אונ צו יענער וועלט אויך :

אויך איז דער דרך ארץ פון איין ערליכן בעל הבית דאש ער זאל ניט וואַרפין קיין איבריגי פארכט אין זיין הויז : זאָקט געבין אים בודאי זיין הויז גיזונד עסין טריפות : דען זייא פארכטין זיך פר אים : דרום האבין זיך אַטייל חכמים באַרימט דאש זייא זענין קיין מאל ניט צארונג גיוועזן אין זייער הויז : דרום זאל קיין בעל הבית ניט פלוצלונג אריין גיין אין זיין שטוב אריין : דען טאמיד וועט ער זעהן פון זיין הויז גיזונד איין אום רעכט דא וועט ער ברוגז ווערין : דיא חכמים האבין גיזאגט (רגזן לא עלתה בידו אלא רגזנותו) דער רגזן בקומט ניט מער נאר זיין צארין : כלומר ער גווינט ניט קיין דינגן : נאר ער פארלירט זיין שכל אונ נשמה : דען דער רוגז קומט פון גאוה : אונ דיא בייזי מדות האט פיינט הקב"ה : דער דרך ארץ איז פון דיא בעלי בתים אז ווען זייא זעהן אין זייערי הייזר עפים אום רעכט זאלין זייא עש זאגין מיט גוטין : קערין זיך ניט דער צו זיין הויז גיזונד זאלין זייא זיך מאכין גליך ווי זייא זענין אין רוגז : אז וויא עש וועט שטיין אין חלק רגזן : אויך זאלין זייא לאזין ארומי לייט ארבייטן אין זייערי הייזר : כדי זייא זאלין געביך האבין פון וואגין צו לעבין : אויך זאלין זייא זיך ערליך האלטין אין זייערי הייזר : אונ זאלין ניט שרייאן איבר זייער הויז גיזונד מכ"ש איבר אנדרי : דען דער סדר איז פון איין עם הארץ : ער שרייאט אזו הויך ביז דיא שכנים דער הערין : אזו פרעגין זייא ווער שרייאט עש וויא איין אייזיל : אונ זאלין זיך גיוויינין צו רייִדין באמעליך אונ שטילר הייד מיט זייער הויז גיזונד אונ מכ"ש מיט אַנדערין : אזו ווערין זייערי רייד גיהערט : אונ איטליכר איז מחוייב צו שטראפין מיט גוטן : קערין זייא זיך ניט דער צו זאל ער זייא שטראפין מיט דער רוט ווייל זייא זענין נאך קליין : אז וויא עש וועט בשיידט ווערין אין פרק (גידול בנים) : אונ ער זאל זייא ניט שלאגין אין זיין רוגז : נאר ער זאל וואַרטין ביז דער רוגז גייט אים איבר : אונ וויא ער זאל שטראפין זייני קינדר וועט אלש בשיידט ווערין אין פרק (גידול בנים) :

מעשה אז רבי אלעזר בן עזריה) האט גיזאלט שטארבין זענין צו אים אריין גיגאנגין זייני תלמידים : אונ זאגין צו אים אונזר ליבר רבי לערינט אונז דעם רעכטין וועג וויא אזו מיר זאלין בקומין דאש אייביגי לעבין : זאגט ער צו זייא איך וועל אייך לערנין דעם דרך ארץ : דער מיט וועט איר זוכה זיין צו עולם הבא : איר זאלט אייער דעם אנדרין בכבוד האלטין : אונ וואש אייך ליב איז זאלט איר טאן אייערי חברים : אונ וואש אייך פיינט איז זאלט איר זייא ניט טואן : אונ אז איר טוט תפלה זאלט איר וויסן פאר וועמין איר שטעט : עש זאל זיך אייך דאכטין איר שטייט פר איין שר בשר ודם : אזו וועט איר זוכה זיין צו חיי עולם הבא : אויך זאל זיך איין בעל הבית מקרב זיין צו זייני שכנים אונ צו פרומי לייט : אונ זאל זיך ניט פרייאן אין יעניכמיש אוניש : אויך זאל ער ניט טרויארין ווען אנדרי לייט פרייאן זיך : אונ זאל זארגין מיט אנדרי לייט אונ זאל ניט לאבין ווען אנדרי לייט וויינין : אונ זאל טואן אלש וואש אנדרי לייט טואן : אזו וועט ער זוכה זיין צו חיי עולם הבא : אז וויא דער פסוק זאגט (שמע בני וקח אמרי וירבו לך שנות חיים) פאר נעם מיין זון מייני רייד דא וועט זיך מערין דיין לעבין אויף דער וועלט : אונ וועסט זוכה זיין צו עולם הבא אויך דוא זאלסט ניט קוקין אויף דעם געלט פון אנדרי לייט : אונ זאלסט ניט צו הערין קיין דברים בטלים אונ קיין לשון הרע : דייני פים זאלסטו פאר מיידין פון איין עבירה : אונ זאלסט ניט פאר מיידין צדקה צו געבין : דייני אויגן וואש האבין ניט גיקוקט אויף קיין פרעמד געלט וועלין זוכה זיין צו זעהין דיא שכינה אונ דיא גאולה : דייני אויערין וואש האבין ניט צו גיהערט קיין דברים בטלים אונ לשון הרע : וועלין זייא זוכה זיין צו הערין פיל שלום אונ וועלין זוכה זיין לחיי עולם הבא : דיין מויל וואש האט ניט גירעט קיין לשון הרע אונ דברים בטלים וועט זוכה זיין צו דער ציילין דיא לויב פון הקב"ה : אונ וועט אויף שטיין תחיית המתים דאש מויל וואש האט גילערינט וועט זוכה זיין צו אלי מוצות אונ ברכות וואש שטייט אין דער תורה :

רבי אליעזר הקפר) זאגט אזו : דוא זאלסט קיין תרעומות אונ קיין שנאה ניט טראגין אויף קיין פרומין מענטשין :

דען דאש איז אזו איין עבירה וואש ברענגט צו נאך עבירות צו לשון הרע אונ רכילות אונ קללות זאלסט ליב האבין דיין שטראפר אונ זאלסט פיינט האבין דעם וואש לויבט דיך : דען דיין שטראפר ברענגט דיך צו מער תורה אונ חכמה אונ פרומקייט : אבר דיין לויבר ברענגט דיך צו פיל זונד : אונ זאלסט ליב האבין דיא שילן אונ בתי מדרשים כדי דוא זאלסט זוכה זיין דייני קינדר זאלין זיין צדיקים אונ לומדים : אונ זאלסט ליב האבין דיא ארומי אונ פרומי לייט אונ צדיקים : אונ האב פיינט דיא רשעים : דען אז דוא וועסט ליב האבין דיא שילן וועלין דייני קינדר זיין צדיקים : אונ אז דוא וועסט ליב האבין דאש בית המדרש וועלין דייני קינדר זיין לומדים : וועסטו ליב האבין דיא ארומי לייט וועלין דייני קינדר ניט זיין קיין ארומי לייט : וועסטו ליב האבין דיא פרומי לייט וועסט

אויש

איש לעבין דייני יארין : ווערסטו ליב האבין דיא צדיקים דארפסטו דיך ניט פארכטין פארין מלאך המות : ווערסטו פיינט האבין דיא רשעים ; וועט דיך הקב"ה ניט פיינט האבין :

זאלסט גיוואוינט זיין אלי טאג צו זאגין קריאת שמע אונ שמונה עשרה בכוונה : כדי דוא זאלסט בשירמט ווערין פונים גיהנם : אונ זאלסט נאך זאגין (אמן יהא שמיה רבא) בכוונה אונ אמן אויף איטליכר ברכה : דער מיט בוסטו מבטל איין בייזי גזירה ר"ל : זאלסט זייער גיוואוינט זיין אפין האלטין דיין טיר בשעת עסין דאש דיא ארומי לייט זאלין קענין אריין גיין · אזו וועט דיין פרנסה ניט ווערין גימינערט אונ עש וועט דיר גאר ניט פעלין : אונ דייני קינדר וועלין אויך ניט ארום תערין : זאלסט גיוואוינט זיין ערליך צו האלטין דייני עלטרין כדי דוא זאלסט האבין מזל אונ ברכה : זאלסט זיך מטריח זיין פון דעם קהל וועגין · אונ זאלסט ניט זאגין איך בין דאך ניט דאש קהל וואש גייט עש מיך אן : אונ זאלסט גומל חסד זיין מיט איטליכן · אונ זאלסט זיך ניט פאר מיידין דער פון · אויף דעם זאגט דער פסוק (ברוך אתה בבואך ברוך אתה בצאתך) גיבענטשט ווערסטו זיין אין דיין אריין גיין אונ גיבענטשט ווערסטו זיין אין דיין ארויש גיין : דאש דרשת דיא גמרא אזו וויא דו בוסט גיקומין אויף דער וועלט אן עבירות · אזו ווערסטו אויש גיין פון דער וועלט אן עבירות: דער וואש איז איין עזות פנים אונ שייאט זיך ניט פאר דעם וואש איז עלטר אודר ער לערינט בעסיר פון אים דער מענטש ווערט מצורע : אודר יסורים קומן אויף אים איבר זייני בייזי מעשים :

דער וואש לאזט אוועק איין מצוה : אזו גייט נאך נאך איין עבירה: איז זיין עונש דאש זיין ווייב שטארבט דורך איין מגפה ר"ל

אונ אויב דוא וועסט גיין פון אתלמוד חכם וועגין אונ וועסט אים אים פארכטין זייני זאכין : ווערסטו האבין פרומי קינדר : אונ אז דוא וועסט גיין פון איין ארומאן וועגין אונ וועסט אים פארכטין זייני זאכין ווערסטו האבין קינדר לומדי תורה אונ בעלי מצות · זאלסט מלוה זיין איין מת : אונ זאלסט שלום מאכין צווישן מאן אונ ווייב אודר צווישן אנדרי לייט · אז איינר האט דיר אטובה גיטאן זאלסטו אים אפ טאן אטובה · אונ זאלסט ניט מיינין ער האט מיר דיא טובה גיטאן פון זיין טובה וועגין דען ווייל עש איז דיר אויך אטובה דארפסטו אים אפ טאן אטובה : אז איינר האט דיר איין קליני טובה גיטאן : זאל עש בייא דיר זיין וויא גרויש · אונ אז ער האט דיר אגרושי רעה גיטאן זאל עש בייא דיר וויא נישט זיין זאלסט דיך לאזין פאר שעמין אונ זאלסט קיינים ניט פאר שעמין: זאלשט זיין איין עניו : אונ עש זאל דיך קיין שום ווארט ניט פאר דרוסן אונ זאלסט ניט מקבל זיין קיין לשון הרע : אונ זאלסט זאגין איך גלייב עש ניט :

אונ אז עש קומט דיר אן איין הרהור פון איין עבירה זאלסטו אים באלד אוועק לאזין אונ זאלסט גידענקין אמצוה צו טאן · אונ זאלסט קיין ליצנות ניט טרייבין · דייני רייד וואש דוא רעדסט מיט דיא לייטין זאלין זיין באמעליך ·· אונ זאלסט קיינים ניט מבייש זיין · זאלסט זיך בהעפטין צו איין גוטר חברותה אבר ניט צו קיין שלעכטי · אונ זאלסט לויפן נאך איין קליינר מצוה גליך וויא נאך אגרוסר אונ זאלסט זיך פר מיידין פון אקליינר עבירה גליך וויא פון אגרושר · אז דוא האסט פיל תורה גילערינט אונ פיל מצות גיטאן זאל זיך דיר דאכטין עש איז נאך קארג · דען דוא בוסט דירויף בשאפין גיווארין : אז דוא האסט ווינציג עבירות גיטאן זאל זיך דיר דאכטין עש איז פול : אונ זאלסט דרויף בצייטין תשובה טאן · אבר ער זאל ניט זאגין איך האב פיל עבירות גיטאן · דען עש טאר קיינר אויף זיך ניט דער וועקין דעם מדת הדין : דער סוף פון דער זאך אלי דייני מעשים זאלין זיין לשם שמים · אונ זאלסט גידענקין דיא וועסט מוזין אפ געבין דין אונ חשבון אויף אלי דייני רייד דרום זאלסטו זיין גאטש פארכטיג אין אלי דייני זאכין :

דא וועל איך שרייבין איין הג"ה וואש דיא גמרא דרשת אויף דעם פסוק (על כל נעלם אם טוב ואם רע) : דער פירש פון דעם פסוק איז אזו : גאט יתברך ברענגט איטליכן צום משפט אויף אלי זייני מעשים סייא אויף גוטש סייא אויף בייז : פרעגט דיא גמרא אויף וואש פאר איין משפט ברענגט מען אים אוף גוטש זאגט איינר אהירוץ · איטליכר ווייסט וואול ווארום דיא חתן כלה גייאין אונטר דער חופה נאר ווער עש רעט ניבול פה · חאטשי ער טוט אגרושי מצוה דאש ער העלפט דיא כלה פירן אונטר דער חופה : מוז ער דאך עונש ליידין פון זייני בייזי ווערטיר וועגין דער אנדרר זאגט איין תירוץ ווען איינר שפייאט אויש פאר זיין חבריש אוגין : אודר ער טוט אנדר מיאוסי זאך פאר זייני אוגין מוז ער דרויף עונש ליידין : אונ ווערט גיבראכט דרויף צום משפט (עד כאן הגהה פרק דרך ארץ פון בעלי בתים) :

דער דרך ארץ פון בחורים אונ יונגין איז אזו איין בחור זאל זיך בתרבות האלטין מיט זיין לערנין אונ מיט אלי זייני מעשים : ער זאל ניט זיין קיין עזות פנים אפילו אין לערנין מכ"ש אין וועלטליכי זאכין : אונ זאל זיך ניט גיין שפאצירן · נאר ער זאל זיצן יום ולילה : אונ זאל לערנין : דער מיט קען ער קומן צו איין גדולה · אבר איין תלמוד טאר ניט לערנין פון גדולה אודר פון הנאה וועגין אבר איין בחיר האט נאך קיין פול פאר שטאנד ניט האבין אים דיא חכמים מתיר גיוועזן צו לערנין פון זיין הנאה וועגין ·

דאש

דאש מיזאל אים געבין פולגדן אחר ער זאל קומן צו איין גדולה אונ אז ער וועט אלט ווערין וועט ער אליין דער לערנין דעם סוד אונ זאל תפלה טאן מיט כוונה · אונ זאל ניט מהרהר זיין אויף איין אשה : ליבר זאל ער מהרהר זיין אין דברי תורה אונ מצות : אונ אל ניט גיין אין חשובי קליידר : אונ זאל ניט טראגין קיין גאלד אונ זילבר : דען דאש איז אים מבטל פוגים לערנין :

דער דרך ארץ איז פון יונגי אונ אלטי מיידין · אונ ווייבר ניט צו טאן קיין מיאוסי זאך פאר יענים אונ דיא אויגן · אז וויא אויבן איז גישטאנין אין דער הג״ה · אויך ווען ער וועהט ליגן שפייאכץ אפילו ניט זייני זאל ער עש פאר טרעטין מיט דעם פוס : מכ״ש דאש קיינר זאל ניט שפייאן וויא לייט גייען : אז וויא דער פסוק זאגט(ויתד תהיה לך על אזניך ויצאת שמה חוץ וחפרת וכסית את צאתך)איין פלאקין זאל צו : זיין אויף דיין שווערד אזו אז דו וועסט ארויש גיין וועסטו אן גראבין ערד · אונ וועסט צו דעקין דיין צואה : נוא זעהין מיר דאש הקב״ה וויל האבין מיזאל ניט לאזין ליגן קיין מיאוסקייט · בפרט בייא דעם טיש טאר מען בגראי קיין מיאוסקייט ניט טאן · אונ מען מוז דרויף גמשפט ווערין אונ גיהנם ליידין : דאש איז דער דרך ארץ פון בחורים:וויא אזו מיזאל דער ציהן אין דרך ארץ דיא קינדר וואש האבין נאך קיין פר שטאנד ניט וועט שטיין אין פרק (גידול בנים) אונ דער דרך ארץ פון דיא קינדר וואש האבין שון יוא פר שטאנד איז אזו · זיי זאלין בתרבות זיין : אונ זאלין אפ שייא האבין פאר זייערי עלטרין אונ פר אנדרי אלטי לייט : אונ זאלין צו הערין שטראף · אונ זאלין זייערי אויגן אראפ האלטין בשעת מען שטראפט זייא · אונ זאלין זיך קערין צו דער שטראף : דאש מיזאל זייא ניט דארפין נאך אמאל שטראפין אונ זאלין זיך שעמין נאך אמאל אזעלכי זאכין צו טואן · אונ זאלין ניט ריידין פאר אלטי לייט · אונ זאלין צו הערין דיא רייד פון זייערי עלטרין : אונ זאלין פון זייא עפים חכמה מקבל זיין · מכ״ש זיי זאלין ניט אריין פאלין אין זייערי רייד :

דאש איז דער בעסטיר דרך ארץ פון דיא יונגין מיזאל זייא גיוויינין אבינט אונ מארגין אין שיל אריין גיין אונ זייערי תפלות טאן בכוונה נאך זייער שכל נאך אונ זאלין ניט ריידין קיין דברים בטלים אין שיל : אונ זאלין נאך זאגין אמן אויף איטליכר ברכה : אונ זאלין אגאנצין טאג זיין אין חדר : אונ זייא זאלין ניט ארום לויפן : דען דאש ברענגט עזות קייט : אונ דער וויל פאר גיעסין זייא וואש זייא האבין גילערינט : זייא זאלין איבר חזרן זייער לערנין בשעת זייא זענין לוידיג אונ דיא יונגין זאלין זיך ניט שעלטין: מכל שכן דאש זייא זאלין זיך ניט שלאגין אונ זאלין ניט שרייאן : אונ איינר זאל לערנין דעם אנדרין דעם וועג פון דרך ארץ דאש זייא זאלין זיך שייאן פאר אלטי לייט מכ״ש פאר תלמידי חכמים : אז וויא דער נביא זאגט (ראוני נערים ונחבאו) דיא יונגין האבין מיך ער זעהן האבין זייא זיך בהאלטין : פון דאנין איז גידרונגין דאש דיא יונגי זאלין דרך ארץ האבין פאר דיא עלטרי אונ זאלין ניט טאן פאר זייא זייערי יונגלש זאכין : דאש איז דער דרך ארץ פון יונגי לייט · מכ״ש פון אלטי : מכ״ש פון ווייבר : אונ קיינר זאל ניט עסין אויף דער גאס מכ״ש אופין מארק : אז וויא דיא גמרא זאגט ווער עש עסט אויף דער גאס מכ״ש אופן מארק איז ער גלייך צו אהונט :

דער פערדיר חלק איז דער דרך ארץ פון מיידין אונ ווייביר : איטליכי אשה זאל זיין אצנועה אונ פרום : אונ זאל זיך ניט קריגין מיט איר מאן אונ קינדר : אודר מיט דיא דינסט מיידין זיא זאל בווילינט זיין מיט איר הויז גיזונד : אז וויא איך וועל דא בשיידין : דער (ספר המוסר) ברענגט דרויף פיל פסוקים אבר איך וועל נאר ברענגין וואש נוציג איז : איטליכה אשה זאל זיין איין צנועה אין איר הויז : דאש מיינט מען זיא זאל תמיד זיצן אין דער היים : אונ ניט גיין אויף דער גאס מכל שכן זיא זאל זיך ניט גייאן שפאצירן בפרט צווישן מאנזבלין : דען אזו איז זיא מהרהר אויף איין עבירה : אודר זיא ברענגט אנאנדרין אויף איר מהרהר צו זיין : אונ דיא הרהור עבירה איז חרביר פון דער עבירה זעלבסט : דען ווען איינר טוט איין עבירה בשוגג אן הורהור זונדיגט נאר זיין גוף : אזו איז זיין כפרה דאש ער ברענגט איין קרבן חטאת אונ דאש פליש ווערט גיגעסין : אונ דאש בלוט אונ חלב ווערט גישפרענגט אויפין מזבח : דער מיט האט ער אכפרה : אבר דער וואש טוט איין עבירה מיט הורהור אודר אפילו ער איז נאר מהרהר אליין : אונ דיא עבירה זעלבסט טוט ער ניט : אזו איז ער מטמא זיין שכל אונ נשמה ווייל דער הירהור איז אויך פון דער נשמה : דרום איז זיין עונש פיל הרביר . אונ דרום מוז ער ברענגין אקרבן עולה : דאש איז גאר גיקומין אויפן מזבח : דיא גידערום אונ פאנצין האט מען אויש גיוואשין גאנץ ריין אונ מיהאט עש פאר ברענט מיט דעם פליש אונ קאפ אונ פים : אונ עש האט קיינר דער פון ניט גיטארט עסין : נוא זעהן מיר וואול אז דער הרהור עבירה איז הרביר פון דער עבירה זעלבסט : איך וועל נאך שרייבין דרויף פיל טעמים אין חלק פון קיום המצות : דרום האבין דיא חכמים פר באטין די ווייבר זאלין זיצן אין דער היים : אונ ברענגין דרויף פיל פסוקים נאר איך וועל עש קורץ בשרייבין :

דער דרך ארץ פון די ווייבער איז זיא זאלין זיצן אונווייניג פון
יענר זייט מזוזה : ניט פון דרויסן : דאש זיא זאל קיינם
ניט זעהין ; אונ קיינר זאל זיא ניט זעהין אונ אויב זייא זעצין
זיך יוא פון דרויסין איז עש קיין צניעות ניט : אונ די ווייבר
וואש זעצין זיך פר דער טיר אונ זייגין זייערי קינדר אונ ווייזין
זייערי ברוסטן פאר לייטין דאש איז אגרוש פריצות זי מאכט
דיא לייט זונדיגן : אונ וועט מוזן דרויף עונש ליידין ; אוך
זעצין פאר האנדרין אטייל ווייביר וואש זעצין זיך אויף דער גאס
ארביטן אונ גייאין אונ שפינן : דאש איז אויך אגרויש פריצות
דאש זיא ווייזט איר בלויסי הענט ; אודר אנדרי ערטיר וואש
זיא דארפין ניט ווייזין ; אונ אויך אופט זינגט זיא אונ לאזט
מאנזבלין הערין איר קול : אונ זיא מוז דרויף עונש לידין :
דרום זאל איין אשה זייער נזהר זיין דריגן : חאטשי דיא
חכמים פון אנזרי דורות שרייבין אז אצונד קענין דיא ווייבר
ניט נזהר זיין דרונן : ווייל זייא זענין אויך בעלי פרנסות : אונ
האנדלין מיט מאנזבלין : אבר דאש וואש איז איין פריצות
קען קיינר ניט מתיר זיין : אז וויא אטייל ווייביר טאן דאש
זייא ווייזין זייערי בריסטן אונ זייערי האר : אונ שרייאין אז
ביז דיא שכנים הערין זייער קול : אונ אויך אויף דער גאס
הערט מען זייא שרייאין ; אודר ווען זייא גייאן אין שול אריין
אודר ווען זייא זיצן אויף דער גאס לאזין זייא הערין זייער
קול : דאש איז איטיל פריצות : דרויף האבין דיא חכמים
קיין היתר ניט גיפונן :

מיר גיפונן אין דער תורה וואש דער כהן האט גישטעלט די
(סוטה) אין דעם היליגן אונ גרויסין טויער פון דעם
(עזרה) פונם בית המקדש : דער זעלביגר טויער האט
גיהייסין (שער ניקנור) : אונ כמעט כל ישראל זענין דארטין
גישטאנין בשעת ער האט זיא אן גיטרונקין : אונ דער כהן
האט איר ארום גיבונדין איין שטריק ארום איר האלז : אונ
האט איר אפ גירוסן איר שלייאר : אונ זיא איז אזו גישטאנין
מיט דיא האר פאר כל ישראל : אונ אויך האט ער אויף גירוסן
אירי קליידר פון פארינט : דאש זיא זאל אזו שטיאן מיט
אירי בריסטן פאר כל ישראל : דען הקב״ה האט גיהייסין
מ׳אל איר אזו טאן (מדה כנגד מדה) ; ווייל זיא האט אויף
פיל פריצות גיטאן : דאש זיא פלעגט זיך שטעלין פאר דער
טיר איטליכר זאל זיא זעהן : אזו האט מען זיא תיינט אויף
גישטעלט אין טויער פון דער עזרה אז כל ישראל זאלין זיא
זעהן : אונ ווייל זיא פלעגט ווייזין איר האר פאר מאנזבלין :
דרום האט איר היינט אויך דער כהן אפ גירוסן איר שלייאר
דאש איטלכר זאל זעהן אירי האר : אונ ווייל זיא האט גוויזן
איר האלז פאר דיא מאנזבלין : דרום טוט מען אשטריק
ארום איר האלז ; אונ ווייל זיא האט גוויזן אירי ברוסטן פאר
מאנזבלין : דרום האט איר דער כהן אויך אנפלעקט אירי
ברוסטן : אונ ווייל זיא האט גיטרונקין ויין מיט איר נואף אויש
זייברני כלים : דרום טרונקט זיא היינט ביטרי וואשיר אין
איין ערדין קריגל : דיא גמרא רעכינט נאך פיל זאכין דאש
מיהאט איר גיטאן (מדה כנגד מדה) : חאטשי אמאל איז
דאך די סוטה גירעכט גיבליבן : פון דעסט וועגין האט פארי
דיא תורה גיהייסין מיט איר זיך אזו נוהג זיין ווייל זיא איז
איין פרוצה גיוועזן :

נון זעהט איר ליבי ווייביר דאש גאט יתברך גיפעלט ניט
זייער דאש פריצות : איך וויל ניט מאריך זיין דריגן : נאר
מיר האפין צו הקב״ה דאש ער וועט אונז באלד שיקן משיח
אונ ער וועט אונז ווידר פירן אין אונזר לאנד אריין אונ מ׳ר
וועלין ווידר האבין דיא מתנה פון דער (סוטה) אן טרינקן אונ
פיל אנדרי ווייביר וועלין דאש זעהן אונ וועלין אוועק ווארפין
זייער פריצות : אז וויא דער פסוק זאגט (ונוסרו כל הנשים)
זייא וועלין זיך שטראפין אלי דיא ווייביר : אונ וועלין זיך
פארכטין פריצות צו טאן : אוך זאלין דיא ווייבר האלטין
זייערי טעכטיר דיא מיידין אין דער היים ביא טאג אונ ביא
נאכט : אונ זייא זאלין זיך בצניעות האלטין אז וויא זייער
מוטר ; דען דאש ברענגט זייא צו איין גרוזאמקייט ; דאש
דער נאך אז זייא וועלין האבין איין מאן וועלין זייא אויך אזו
טואין ; אונ דער זעלביגר דרך ארץ וואש גיהער צו דיא ווייביר
גיהער אויך צו דיא מיידין , ניט מער דער מנהג איז פון פר
צייטין דאש דיא מיידין גייאן ניט זייערי האר : אזו קען מען
עש ניט ברעכין אבר באמת דיא תורה האט קיין חילוק ניט
גימאכט צווישין ווייבר אונ מיידין : אבר דיא בתולה וואש
איז גאנץ פארכטיג אונ איז דריגן אויך נזהר וועט אויף איר
קומן פיל ברכות : אזו זאלין זיך דיא ווייבר בדרך ארץ
האלטין מיט זייער עסין דאש זייא זאלין ניט עסין קיין גרויסי
ביסן אונ זאל ניט עסין אויף דער גאס מכל שכן אויף דעם מארק
ניט וויא אטייל ווייביר טואין דאש זייא עסין גייאנדיג אויף דר
גאס דאש איז איין מאנזבול פאר באטין דאש אז ער טוט
אזו

אזו איז ער גיגליכן צו איין הונט : מכ"ש איין אשה · אונ אז זיא איז מעוברת אודר איין זייגרין זאל זיא ניט עסין אזעלכי שפייז וואש שאדין צום קינד : אודר צו דער מילך אויך זאל זיא ניט טרונקין אזעלכי גיטראנק וואש שאדין צום קינד : אונ זאל זיך ניט אן שיכורן אפילו איר מאן איז ניט ביא איר : חאטשי אזו הייסט עש דאך ניט קיין פריצות אבר עש איז ניט קיין דרך ארץ · עש איז פאר אמגזביל ניט שיין מכ"ש פאר איין אשה :

אויך איז דער דרך ארץ פון איין אשה זיא זאל זיך מתקרב זיין מיט אירי שכנים אונ זאל לייאן אזעלכי כלים וואש ווערן ניט אפ גינוצט אבר אזעלכי וואש ווערין יוא אפ גיניצט טאר זיא ניט לייאן אן איר מאנש רשות · אונ זאל זיך ניט קריגין מיט זייא : אונ אויב זייא זאגין איר עפיס איין שאנד זאל זיא ניט אפ ענטפרין : אונ זאל באלד מוחל זיין דען גאט האט קיין שום זאך ניט אזו ליב וויא שלום : דען וויא שלום איז איז איטל מזל אונ ברכה אונ הצלחה : אויך איז גווים דאש הקב"ה האט קיינים ניט אזו פיינד וויא איין ליגנר · ער קען ניט קומן אין דער מחיצה פון הקב"ה אזו וויא דער פסוק זאגט (דובר שקרים לא יכון לנגד עיני) עש וועט ניט אן גריכט זיין קיין ליגנר פאר מייני אויגין מכ"ש דאש איין אשה טאר קיין ליגין ניט זאגין : אבר אז מען וויל שלום מאכין צווישין מאן אונ ווייב אונ צווישין אנדרי מאג מען יוא איין ליגנט זאגין אזו פיל האט גאט ליב דעם שלום · דרום זאלין דיא ווייבר שלום האבין צווישין זיך אונ זאלין זיך ניט קריגין מכ"ש דאש זייא זאלין קיין קריג ניט שטארקין אונ זאלין ניט טראגין קיין רכילות פון איינם צום אנדרן אז וויא דיא צדיקת (און בן פלת) ווייב האט גיטאן דאש זיא האט אפ גירעט איר מאן פון צו קריגין מיט משה רבינו ע"ה אונ זיא האט זיך אונ איר מאן אונ קינדר בשערמט פונם טויט אונ פון דעם איבגין גיהנם אבר קרחש ווייב האט אים גישטארקט זיין קריג אזו האט זיא פאר זינדיגט זיך אונ איר מאן אונ קינדר : דאש דיא זענין איין לעבדיגין גיווארין אין דעם אפ גרונד פונם גיהנם דען אין פרום ווייב ברענגט איר מאן צו פרומקייט אונ צו גן עדן אונ אזו אויך פאר קערט : דרום לויבט דער נביא (און בן פלת) ווייב אונ שענדט קרחז ווייב מיראף דרפן ניט פיל מאריך זיין :

אויך זאל זיא דער צוהן אירי קינדר צו תורה אונ מ"ט אבר דיא אשה וואש זיצט ניט אין דער היים זיא קאן דאש אלש ניט טאן דער מיט פאר דארבט זיא איר בעל הבית קיינ דש עש גייט צו אין איר הויז וויא איין שיף אונ רודער : אונ זיא ברענגט זיך אום פון דער וועלט אונ יענר וועלט · דרום לויבט דער נביא דיא פרומי אשה וואש בלייבט אין דער היים : אונ שענד דיא פרויא וואש איז איין לייפרין : אויך זאל זיא ניט הויך ריידין דען דאש איז פון אמגזביל קיין דרך ארץ ניט מכ"ש פון איין אשה · אז וויא דער פסוק זאגט (וחנה היא מדברת על לבה רק שפתיה נעות וקולה לא ישמע) · אונ דיא צדיקת חנה האט גירעט צו איר הארץ · נאר אירי לעפצין האבין זיך גירירט : אבר איר קול איז ניט גיהערט גיווארין דען עש איז איין פריצות אז איין אשה הייבט אויף אהויך קול אז וויא דער פסוק זאגט ביא דער פריצה (ויהי בהרימי קולי) עש איז גיוועזן אז איך האב אוף גיהויבין מיין קול · אבר ביא דער צנועה שטייט זיא האט גירעט שטילר הייר אונ באמעליך דרום זאל איין פרומי אשה זיך גיוויינן אונ אויך אירי קינדר שטילר הייד צו רידין · דאש זייערי שכנים זאלן ניט הערין זייער קול :

אויך זאגט דיא גמרא (רבי מאיר אומר אף הקולנית) דיא משנה רעכינט אויש אלי פרוצות וואש קומט זייא קיין כתובה ניט זאגט רבי מאיר דיא וואש הייבט אהויך קול קומט אויך קיין כתובה ניט אין איין אשה וואש האט יוא איין הויך קול דארף איר מאן פון איר ניט ליידין אונ די ריידין וואש דיא ווייבר ריידין באמעליך מיט זייער הויז גיזונד ווערט עש גיהערט אז וויא דער פסוק זאגט (דברי חכמים בנחת נשמעים) דיא רייד פון דיא חכמים זענן באמעליך אזו ווערין זייא גיהערט · אויך זאל זיא נזהר זיין העבט צו האווינן אונ בענטשין אונ זאל אירי קינדר גיוויינן אין גאטש פארכט אונ זאל זייא פירן צום רבי אונ זאל זיי ג'וייגן בחריבות אונ דרך ארץ : אונ זיא זאל אכטונג געבין זייא זאלן זיך ניט שלאגין אודר שעלטין אודר שווערין אונ זאל זייא גיוויינן שטילר הייר צו רידין אונ זאלין מודא אונ אפ שייא האבין פאר זייערי עלטרין : אויף אזעלכי ווייבר וואש טאן דאש אלש זאגט דער נביא (אשה יראת ה' היא תתהלל) דיא גאטש פארכטיגי אשה זיא איז גילויבט אונ איר מאן איז גיבענטשט:אונ מאג זיך וואול מיט איר בארימן דש ער האט בקומן אזו איין פרום ווייב אונ איין צדיקת :

אויך

אויך איז דער דרך ארץ פון איין אשה זיא זאל אכטינג געבן אויף אלי דיא מעשים פון אירי קינדר אויף זייער עסן און טרינקן און שלאפן · און בפרט װען פרעמדי לייט זיצן ביא איר טיש זאל זיא אכטונג געבן דיא קינדר זאלן זיצן מיט דרך ארץ און זאלן ניט טואן װאש אום כתרבות איז און אז זיא דער ציהט אזו אירי קינדר זאגט איטליכר װאל דער מוטר װאש האט אזעלכי קינדר גיטראגן און דער צויגן און אויב ניט זאגט איטליכר װייא דער מוטר װאש האט אירי קינדר אזו דער צויגן · אן תרבות און דרך ארץ דרום זאל איטליכר מאן אזו לערנין זיין װייב זיא זאל בלייבן אין דער היים ביא אירי קינדר און זאל זיא גיװיינין אין יראת שמים בפרט דש זייא זאלן ניט עסן און טרינקן אן אברכה פריר און דער נאך װאש דער צו גיהער · דען דאש איז איין זאך װאש דרינן הענגט יראת שמים · אז װיא דיא חכמים ז״ל האבן גיזאגט װער עש װיל זיין איין חסיד און ירא שמים זאל ער זייער גיװארינט זיין צו מאכן אברכה אויף איטלכר זאך מיט גרוש כונה װעואיין אשה טוט דש אלש װאש דא שטייט גישריבן װערט אויף איר גיזאגט דר גאנצר אלף בי״ת װאש שטייט אין ספר משלי (אשת חיל · תנו לה מפרי ידיה ויהללוה בשערים מעשיה) :

נון זעהט איר ליבי װייבר װיא גיט איז אז די אשה בלייבט אין דער היים און דער ציהט אירי קינדר צו תורה און מ״ט : װאל איר װאל צו איר · מאן און קינדר אויף דער װעלט און אויף יענער װעלט זיא הרענגט זיך און איר מאן און קינדר לחיי ע״ה : און זיא װעט אויף שטיין תחיית המתים מיט די אנדרי צדיקים און צדקניות שרה רבקה רחל לאה אמן :

סליק הנה״ה וחלק ראשון

# הקדמה לחלק שני

נון װעל איך שרייבן דעם אנדרין חלק (הלכות שבת) און (הלכות ראש חודש) (יום טוב) און הלכות (חול המועד) און הלכות (אם באתי וכו) װען דער רבינו יעקב בעל הטורים שרייבט אזו איך זאל גאנץ הלכות שבת אויש שרייבן איז צו פול צו שרייבן: דען עש זענין פול הלכות אויף דיא ניין און דרייסיג מלאכות און זייערי תולדות זענין גאר פול · אן שיעור דרום וויל איך דרונין ניט מאריך זיין : און װעל נאר שרייבן װאש נייטיג איז עכ״ל : אזו שרייבט ער אין זיין (אורח חיים סימן ש״א) : און איך װעל נאך מער מקצר זיין און װעל נאר שרייבן װאש נוצט אין אונזרי לענדר : דאש איטלכר זאל װיסן װאש איז אסור אודר מותר : און װאש מען מעג מטלטל זיין : און װעל שרייבן מיט סימנים אויף איטליכן דין : כדי עש זאל גרינג זיין צו גיפונין : און דיא װאש דארפין דער צי װעלין פר שפארין זוכין :

# הלכות שבת סימן א

אין צעהן ערטיר שטייט אין דער תורה איין צווי צו דיא ישראל אז זייא זאלין רעכט האלטין דעם שבת דאש װייזט אז דיא מצוה פון שבת איז אזו גרוש אז װיא די אלי עשרת הדברות און כל התורה כולה: אבר דער יהודי װאש האלט ניט קיין שבת דער לייקנט אין הקב״ה דש ער ח״ו האט ניט בשאפין די װעלט : און האט ניט גי ראט אום שבת : און עש איז גלייך װיא ער װאלט גילייקנט אין כל התורה כולה : דרום װעל איך שרייבן װיא מיזאל זיך נוהג זיין מיט דעם שבת : דיא גמרא זאגט װען ישראל װאלטין נאר שבת רעכט גיהאלטין אין דער מדבר װאלט קיין פיינט אויף זייא קיין שום שליטה ניט גיהאט : אבר עש האבין אטייל מחלל שבת גיװעי מיט דעם (מן) קלויבין : און אויך דער (מקושש) װאש האט גיקלויבין און גיהאקט האלץ אום שבת : דרום איר ליבי לייט זאלט איר זייער גיװארנט זיין מיט דעם שבת צו האלטין דען מיט דעם שבת קען מען זיך פול מער פאר זינדיגן װיא אין אנאנדרן טאג : דען עש איז גלייך אז ער טוט דער װידר איין איש חשוב וגדול אזו איז דאש אויך און דער װאכין זענין מיר װיא פראכטי לייט דאש מיר זענין ניט נאהונט צו דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה : אבר אום שבת זענין מיר נאהונט צו אים : אז װיא דער פסוק זאגט (אות היא ביני וביניכם לדעת כי אני ה׳ מקדישכם) הקב״ה זאגט דער שבת איז איין צייכין צווישן מיר און צווישן ישראל אז איך בין דער גאט װאש הייליגט אייך :

און דער װאש האלט רעכט שבת גוט אים הקב״ה איין נשמה אום שבת : דאש איז דיא גרעסטי מעלה פון דער װעלט אז װיא איך װעל דא בשיידין װיא גאט האט גיבענטשט דעם שבת מיט פול זאכין מיט עסן מיט טרונקן מיט ליכט מיט שייני קליידר מיט שטיין מיט זיצן מיט לונן מיט תפלה מיזאל קיין מלאכה ניט טאן : מיזאל תורה לערנין : און מיטאר ניט טראגן אויש דעם עירוב : און אויך װאש מוקצה איז : דאש װעל איך אלש קורץ בשיידין דיא טעמים דער פון : נאר איין זאך װעל איך דא שרייבן : און װעל אייך געבן פר שטיין : דער שבת איז גיגליכן צו עולם הבא : און דיא װעלט װעט נאר שטיין זעקס טויזנט יאר : און דער זיבטר טויזנט װעט זיין איטל שבת : און דיא ישראל װאש האבין רעכט שבת גיהאלטין װעלין דענמאלט אויך שבת האלטין און װעלין קיין מלאכה ניט טאן : נאר זייא װעלין תורה לערנין און תפלה טאן

טאן : אונ אזו וויא לעולם הבא איז קיין צער אונ קיין זארג ניט פאר האנדין : נאר איטל תענוגים : דיא צדיקים זיצן מיט זייערי קרוינן אויפן קאפ אונ זענין זיך מפנק מיט דער שכינה : אונ אויך איז דארט ניט פאר האנדין קיין גיאות אונ קיין דברים בטלים אונ קיין לשון הרע : אזו זאל אלש זיין אום שבת נאך מין וויא אום דער וואכין : אונ אזו וויא לעולם הבא טואן דיא צדיקים נאר איטל געטליכי זאכין : אונ דער יצר הרע וועט דעמאלט ניט זיין אזו זאל אויך זיין אום שבת : מיזאל גוט עסין אונ טרינקן אונ זאל אלש טאן לשם שמים ניט פון זיין הנאה וועגין : נאר וועיל גאט יתברך האט אזו גיבאטין כדי זיין נשמה זאל בלייבין אין גוף: אונ אז וויא דער עולם הבא איז גאנץ הייליג : אזו זאל אויך זיין דער שבת :

אונ אזו וויא לעולם הבא איז קיין קנאה שנאה ניט פאר האנדין דש איטליכר איז זיך משמח מיט זיין חלק : אונ אי"ה אין משיח צייטין וועלין מיר זוכה זיין נאך פול טויזנט מאל מער טעמים גוואר צו ווערין ווארום דער שבת איז גיגליכן צו עולם הבא : אונ אצונד וויסן אויך דיא חסידים אונ חכמים פול טעמים דרויף איינר מער פון דעם אנדרין : אבר אין משיח צייטין וועלין אלי גלייך וויסן אז וויא דער פסוק זאגט (ומלאה הארץ דעה במים לים מכסים) דיא וועלט וועלין פול זיין גיוויסן שאפט אז ווי די וואשיר וואש בדעקן דעם ים: (א) עש איז אגרושי מצוה דאש איטליכן זאל דער שבת גיוואנטליך זיין אין זיין מויל : אונ אז עש קומט אים צו גוטי פירות אודר גוטי שפייז זאל ער זאגין דאש וועל איך האלטין אויף שבת : דען דער מיט וואש ער גידענקט אין שבת גיטנקט ער אויך אין עולם הבא : (ב) עזרא האט מתקן גיוועזן מיזאל וואשין גרעט אום דאנרשטיג ניט אום פרייטאג : (ג) אויך דיא זאכין וואש ווערין ניט קאלי זאל מען דאנרשטיג אן גרייטין אויף שבת דער כלל איז אלש וואש מיקאן טואן אום דאנרשטיג זאל מען ניט לאזין אויף פרייטאג : דען טאמיר וועט ער זיך פאר שפעטין : (ד) אטייל לייט זענין זיך אויך נוהג צו שערין אונ דיא נעגיל שניידין אום דאנרשטיג : עש איז ניט קיין מנהג : אבר על כל פנים אז יום טוב גיפאלט אום פרייטאג זאל ער זיך שערין אונ דיא נעגיל שניידין אום ערב יום טוב :

(ה) איטליכי פרויא איז מחויב חלה צו נעמין לכבוד שבת אונ דר שיעור אין וויפל (חלה) בטרעפט דאש איז איין טייג וואש איז דרייא אונ פערציג אייער גרויש איז מען מחויב אפ צו שיידין חלה דער פון מיט דער ברכה להפריש חלה : אונ אוב עש איז ניטא דער שיעור זאל מען חלה נעמין אן אברכה : (ו) מיזאל מאכין דרייא קוכן צו דער ברכת המוציא צו דיא דרייא סעודות : אטייל זענין זיך נוהג צו מאכין איין פערדין קוכן אויף דער (מלוה

מלכה) עש איז אויך רעכט מיזאל צו שלש סעודות האבין צווייא קוכין אויף המוציא (ז) עש איז אגרושי מצוה דער בעל הבית זאל זיך אליין מתעסק זיין לכבוד שבת אפילו ער האט פיל קנעכט אונ דינסטין : אז וויא מיר גיפונן אטייל חכמים האבין יהאקט האלץ לכבוד שבת אטייל האבין גימאכט פיש אטייל האבין גיסמאליט איין קאפ אטייל האבין שיין אויף גירוימט לכבוד שבת : אויך זאגט דיא גמרא אטייל חכמים האבין מפסיק גיוועזן פון זייער לערנין אונ האבין זיך אליין מתעסק גיוועזן לכבוד שבת : אונ האבין זיך ברימט דאש זיא האבין זיך מתעסק גיוועזן לכבוד שבת : דרום זאל זיך קיינר ניט חשוב האלטין אונ זאל אוועק לאזין זייני עסקים אונ זאל זיך מתעסק זיין לכבוד שבת : (ח) עש איז אויך איין מנהג צו שערין אונ דיא נעגיל שניידין לכבוד שבת : אונ אויב זיא זענין קיין זאל ער זיא אפ שאבין מיט איין מעסיר : (ט) מיזאל שארפין דש מעסיר אונ אויש צו בערשטלין דיא קליידר אונ אויש שמירין דיא שיך לכבוד שבת גלייך וויא ער וואלט איין כלה אקעגין גיגאנגין :

(י) עש איז אויך איין כבוד שבת איטליכר זאל אויש קערין אלי ווינקלין . גלייך וויא איין חתן כלה וואלטין אין זיין הויז אריין גיקומן : (יא) פרייטאג נאך ווארמס זאל מען גיין אן באד אריין : אונ וויא עש איז ניטא קיין באד זאל ער זיך אפ וואשין זיין קאפ אונ פנים אונ דיא הענט אונ פיס מיט ווארום וואשר לכבוד שבת : (יב) דער נאך זאל ער אן טואן זייני ווייסי שבת קליידר : אין אטייל מדינות זענין זיא זיך נוהג אן צו טון אקיטול לכבוד שבת : דאש איז אסימן וויא ער וועט גיין לעולם הבא אין איין ווייסין קיטל אונ איטלכר איז מחויב צו האבין אנדרי קליידר לכבוד שבת נאך זיין פאר מעגין נאך דער נאך זאל ער דעם שבת אקעגין גיין · אונ זאל זאגין בוא בוא ליבר כלה : דיין קומן זאל זיין מיט שלום אויך איין אשה זאל דאש אויך זאגין נאך לעכט בענטשין גון ועל איך שרייבין וויא איטלכר זאל זיך נוהג זיין אום שבת מיט זיין עסין אונ טרינקן מיט לעכט אונ קליידר מיט גיין מיט שטיין מיט זיצין מיט ליגין מיט תפלה טון מיט איין מלאכה ניט צו טון מיט תורה לערנין מיט עירוב אונ מוקצה אונ אנדרי דינים פון שבת (יד) איטלכר זאל דעם שבת מכבד זיין נאך זיין פאר מעגין נאך אונ דער וואכין עסט ער צווייא גיריכט אבר אום שבת זאל ער עסין דרייא : (טו) איטלכר זאל דעם שבת מכבד זיין מיט גיט אונ פעט פלייש אונ אלי גוטי זאכין · אונ אגאנצי וואך זאל ער אפ שפארין לכבוד שבת :

ואלי

(טז) אלי זייני זאכין זאל ער פארטיג מאכין פרייטאג פאר נאכט דרום האבין דיא חכמים פאר באטין מיזאל קיין מלאכה ניט טאן פרייטאג נאך ווארמים : אונ אלי בעלי מלאכות דארפין אוועק ווארפין ארבייטין פרייטאג נאך ווארמים אונ קיינר טאר זיך ניט לאזין גיין מער פון דרייא מייל אום ערב שבת אפילו ער ווייסט ער וועט קומן צו איין הארבערג וואש איז דארטין פאר האנדין גרייטי שפייז : אונ אלי זייני זאכין זאל ער פארכטין פאר שבת דאש איז אליש כדי ער זאל ניט טרואריג זיין אום שבת אז עש וועט אים עפיס אפ גיין נאר ער זאל זיין אין שמחה אונ גרוש תענוג : (יז) מיזאל אן צינדין שייני ליכט אין שייני לייכטיר אין אלי חדרים וואש מען גייט אין זייא דאש ער זאל צו קיין מכשול ניט קומן אין דער פינצטר : (יח) עש איז איין מצוה די ווייבר זאלין ליכט צינדין אונ מאכין דיא ברכה (להדליק נר לכבוד שבת) : אונ אום יום טוב לכבוד (יום טוב) דען (חוה) האט פאר לאשין דיא גרוישי ליכט : דאש בשעת זיא האט גיזינדיגט מיט אדם הראשון וואלטין זייא ח"ו תיכף גיוועין גישטארבין נאר אדם הראשון האט תפלה גיטאן: אזו הט אים הקב"ה אן גיצונדין זיין ליכט אין האט דר לענגרט זיין לעבין אונ ער איז ניט תיכף גישטארבין דרום דארפין דיא ווייבר ווידר דיא ליכט אן צינדין : (יט) זיין טיש זאל זיין שיין צו גרעכט נאך זיין פאר טעגין נאך : ער זאל לייגין אויף אים איין שיין טישטיך אונ דרויף צווייא חלות : אונ זאל זייא ווידר צו דעקין מיט איין שיין טישטיך דאש איז איין זכר וויא דער (מן) איז גילעגין צווישין דער טויא וויא צווישין צווייא שייני טישטעכר אונ אום שבת איז קיין (מן) ניט גיפאלין אזו האבין זייא אים גיהאלטין צווישין צווייא שייני טישטעכר דרום דארפין מיר אויך אזו טאן :

(כ) בשעת דער בעל הבית גייט פון דער שיל בלייטין אים צווייא מלאכים ביז צו זיין הויז אייגר אגוטר מלאך אונ איינר איין בייזר מלאך דער גוטר. מלאך שרייבט אן דיא מצות וואש ער טוט בשעת ער גייט אהיים פון דער שיל אונ דער בייזר מלאך שרייבט אויף זייני עבירות דהיינו זייני דברים אונ לשון הרע אונ רכילות וואש ער רעט אהיים גייאינדיג דרום האבין דיא חכמים גיזאגט איטליכר זאל איילין אהיים צו דער סעודה פון שבת אונ זאל ניט רידין ביז ער קומט אהיים אונ אז ער קומט אונ גיפינט זיין טיש צו גרעכט מיט אלים וואש קער צו דער סעודה אונ דיא ליכט ברענין אונ זיין בעט איז שיין גיבעט דא זאגט דער גוטר מלאך עש זאל זיין דער ווילין פון הקב"ה דאש דעם אנדרין שבת זאל אויך זיין אזו שיין אונ יודשליך : אונ דער בייזר מלאך מוז דרויף אמן זאגין איבר דאנק : אונ אויב ח"ו פר קערט דא זאגט דער בייזר מלאך עש זאל זיין דר ווילן פון הקב"ה אז דער אנדרר שבת זאל אויך אזו צו גיין אונ דער גוטר מלאך מוז דרויף אמן זאגין איבר דאנק : (כא) אז ער קומט אהיים זאל ער קומן מיט גוטי ווערטר דאש ער זאל זאגין גאט י"ת זאל איך אלי געבין אגוט שבת אונ אגוט יאר : אויך זאלין דיא פאטיר אונ מוטר בענטשין זייערי קינדר אונ זאלין זאגין (ישימך אלהים וכו׳) דער טעם איז וויל דיא ברכות פון שבת ווערין מער מרוצה וויא אום דער וואכין נאך איין טעם איז וויל אגאנצי וואך האבין זייא גישאלטין דרום זאלין זייא היינט בענטשין אום פרייטאג צו נאכט אז דיא וואך לאזט אויש אונ שבת צו נאכט אז דיא וואך הייבט זיך אן אונ דאש איז זיין תשובה אויף דיא עבירות וואש ער האט גיטאן מיט זיין שעלטין :

(כב) ער זאל אוועק לאזין אלי זארג פונים הארצין אונ זאל ניט גידענקין אין קיין שום ארבייט אונ העגדיל עש זאל זיך אים דאכטין אז אלי זייני זאכין זענין שוין פארטיג נאך זיין בגער נאך אויך זאל ער ניט גידענקין אין זייני חובות אזו וויא לעולם הבא זארגט מען גיט אויף קיין שום זאך אזו זאל אויך זיין אום שבת : (כג) ער זאל ניט זוימן אונ זאל זיך באלד זעצין צום טיש מיט פרייד גליך וויא אנשים חשובים וואלטין גיזעסין ביא זיין טיש אונ זאל ניט רידין קיין דברים בטלים אבר אז ער האט איין קביעות תורה צו לערנין אין דער צייט איז עש פריר פאר דער סעודה פון שבת : (כד) ער זאל וואשין זייני הענט פאר קידוש אונ זאל קיין שום ווארט ניט רידין אטייל זענין זיך נוהג צו וואשין נאך קידוש דאש זייא ווילין ניט מפסיק זיין צווישין וואשין אונ צווישין דער ברכת המוציא דאש איז איין עבירה אפילו אום דער וואכין אבר מיר זענין זיך נוהג צו וואשין פאר קידוש אבר ער טאר ניט רידין ביז נאך דער המוציא אונ אפילו נאך דער המוציא טאר ער ניט רידין נאר וואש גיהער צו דער סעודה ברענגט עסין אודר טרינקין אויך זאל ער היסין שווייגין איידר ער מאכט המוציא אלי דיא קינדר וואש זיצין ארום טיש : (כה)

עד׳

ער זאל נעמין דעם כוס ווייל אין זיין רעכטי האנט אונ זאל אן הייבין מיט שמחה (יום הששי) : אונ זאל קוקין אויף די ליכט ביז נאך (ויכלו) צו דער ברכה זאל ער אריין קוקין אין כוס דער נאך זאל ער טרינקין אין רוב קווארטיל זוכט איז ער ניט יוצא אונ זאל איטליכין געבין צו טרינקין פון דעם כוס :

(כו) דער נאך זאל ער המוציא מאכין איבר צווייא קוכין : אונ זאל זייא בידי האלטין אין זיין האנט : אורר ער זאל זייא אויף הייבין נאך דער ברכת המוציא זאל ער ארויף לייגין בידי הענט אויף דיא קוכין : אונ זאל נעמין דעם הינטערשטין אונ זאל פון אים אפ שניידין אגרויש שטוק פער וויא ער פלעגט אפ צו שניידין אום דער וואכין : אונ זאל אויך ארום טיילין גרושי שטוקר דער מיט ווייזט ער אז דאש עסין פון שבת דארף זיין מער אונ ווער עש שניידט אפ אזו איין גרושי המוציא וואש ער האט גנוג דער פון צו עסין איבר דער גאנציר סעודה איז זיין מצוה נאך גרעסיר : אונ דרום לייגט מען ארויף דיא הענט אויף דיא קוכין אפילו אום דער וואכין · דרויף איז פאר האנדין פיל טעמים · נאר איך וועל שרייבין אטייל פון זייא איינש מיט דיא צעהין פונגר וואש ער לייגט ארויף אויף דיא קוכין ווייזט ער אז עש זאלין אין אונז מקוים וועבין דיא צעהין ברכות וואש יעקב אבינו איז געבענטשט געווארין פון זיין פאטור יצחק · דאש אנדרי צעהין מלאכות יעגין פאר האנדין איידר מיקאן דאש ברויט עסין : אקרין : זייאן: שניידין בונדין : אריין פורין: דרעשין : ווינט שויבלין : מאלין קנעטין באקין : אזו ווייזט ער מיט זייני צעהין פונגר אז ער לויבט צו גאט וואש האט אים דאש ברויט בשערט אן מיא אונ ארביט דרום זעגין אויך צעהין ווערטיר אין דער ברכה פון (המוציא לחם) : אונ זאל עסין מיט שמחה : (כז) ער זאל מכבד זיין מיט אלירלייא כיבודים וואש מיגליך איז : אונ איטליכר דארף עסין אום שבת ברויט אונ פיש אונ פלייש : אונ טרונקין וויין : אונ אז ער פאר מאג איז ער מחוייב צו קויפין גרושי פיש אונ גוט פלייש אונ גוטין וויין : אונ אלין רש בעסטי וואש ער בקומט אום דר וואכן זאל ער עש בהאלטין אויף שבת :

(כח) אום ראש השנה ווערט נגזר וויפל די הוצאות אונ געשעכטנעש זאל זיין פונים מענטשין דורך דעם גאנצין יאר : אבר דיא הוצאה פון שבת אונ שכר לימוד · דאש האט קיין קצבה ניט · גוט ער פול גוט אים הקב״ה אפ אויף פול : אונ אזו אוך פאר קערט אונ אזו זאגט הקב״ה איר ליבי קונדר גיטרואט מיר אונ גוט אויש פול געלט אויף שבת אונ יום טוב אונ איך וועל איך אלש ווידר געבין אונ דער וואש האט ניט אויש צו לייגין זאל ער אנטלייאן אויף מיר אונ איך וועל אלש

בצאלין : אונ עש זאל אייך גאר ניט פעלין דיא גמרא ברענגט דרויף אמעשה פון (יוסף מוקיר שבת) ער הייסט דרום (מוקיר שבת) ווייל ער האט טייער גיהאלטין דעם שבת · ער איז תמיד געווינטליך געוועזין צו קויפין דיא בעסטי פיש אויף שבת · אונ לעבין אים האט געוואונט איין שכן רשע : דער אן גאט האט ניט געגלויבט אונ ער האט געהאט פיל געלט האבין אים געזאגט די שטערין זעהר וויא זיין שכן דער (יוסף) וועט אלדאש גוטש בקומין : איז דער רשע גיגאנגין אונ האט פאר קויפט זיין הויז אונ אלי זייני גוטר אונ האט אלש גימאכט צו געלט אונ האט גיקויפט פר דעם אגרויסן אונ איין טייארין שטיין אונ לייגט אים אריין אין זיין הוטל אונ גייט אוועק : איז ער גיקומין אויף איין בריק האט אים דער ווינט אראפ געווארפין זיין הוטל אין וואשר אריין : אזו איז גיקומין אגרושער פיש אונ האט עש איין געשלונגין מיט דעם שטיין אונ איין פישר האט אים גיהאפט אונ האט אים גיבראכט וויא דער (יוסף מוקיר) וואונט · האט אים קיינר ניט געוואלט קויפין ווייל ער איז צו טייער געוועזין : נאר מיהאט דעם פישר געזאגט דא איז פאר האנדין איין יהודי ער הייסט (יוסף מוקיר) טראג צו אים דעם פיש ער וועט אים בודאי קויפין לכבוד שבת : דען זיין סדר איז אפילו ער האט שוין פול פיש אז עש טרעפט זיך אים נאך אגרעסרין קויפט ער אים : דער פישר האט צו אים גיבראכט : אונ ער האט אים גקויפט: אונ אז ער האט אים אויף גיעפינט האט ער בקומין דעם גוטין שטיין :

נאך איין מעשה ברענגט דיא גמרא עש איז געוועזין איין קצב וואש האט געהאט פול גילדני כלים : אונ אגילדנים טיש וואש זעכצין מענטשין האבין אים גימוזט טראגין האט אים איין חכם גיפרעגט מיט וואש האסטו זוכה געוועזין צו דעם עשירות זאגט ער איך בין איין קצב · אונ ווען איך האב בקומין אגוטי בהמה אודר אנדרר גוטי זאך האב איך געזאגט דאש געהער אויף שבת : אונ דער שבת איז מיר תמיד געווינטליך געוועזין אין מיין מוילגווא זעהן מיר דאש הקב״ה גוט אלש אפ כפל כפלים : דרום זאל קיינר ניט זארגין · דען דער בעל חוב איז בגלייבט צו בצאלין : אונ דעם שכר דער פון לעולם הבא האט קיין שיעור ניט · (כט) נאך דעם עסין זאל מען אפ ריינגין דעם טיש : אונ זאל ברענגין גוטי פירות אונ זאל מאכין אויף איטליכן דיא ברכה וואש געהער דער צו · דען אום דער וואכין איז אגרושי עבירה צו עסין אן אברכה מכ״ש אום שבת · אבר דיא ברכה אחרונה דארף ער ניט מאכין : ווייל ער האט ניט גיבענטשט : (ל) דער נאך זאל ער דעם כוס ריין אויש שווענקין : אונ דער בעל הבית זעלברט זאל דעם כוס אליין אן גוסין צום בענטשין מיט אזו איין וויין וואש איז ניט פגום אונ זאל הויך בענטשין דש ווינהויז גיזונד זאלין דרויף אמן זאגין : אונ

אונ אז ער האט איין מזומן ביא זיין טוש זאל ער געבין אנאנדרן צו בענטשין : דאש ער זאל דעם בעל הבית איין ברכה געבין : אונ דער וואש מען גוט אים צו בענטשין זאל דעם כוס ליבליך אנטפאנגין מיט ביידי הענט · דער נאך זאל ער אים נעמין אין דר רעכטיר האנט : אונ איבר דעם גאנצין בענטשין זאל ער קוקין אין דעם כוס אריין ניט ערגיץ אנדירש : אונ זאל מכוין זיין וואש ער רעט אונ פאר וועמין ער רעט · אונ ער זאל דעם כוס האלטין איין (טפח) העכיר פונם טוש · אונ ער טאר אים ניט אנידר שטעלין אויך ניט אונטר העלפין מיט דער לינקר האנט · סיידין דער כוס איז צו שווער מאג ער אונטר האלטין מיט זיין לינקר האנט די רעכטי האנט : אבר אז ער בענטשט אליין אן מזומן איז בעסיר ער זאל דעם כוס שטעלין אויפין טוש : אבר ער מוז אויך קוקין אין כוס אריין ניט ערגיץ אנדירש · אונ אויך דיא אלי וואש זוצין ארום טוש זאלין זייערי אויגין געבין איפן כוס אונ זאלין צו הערין איטליכש וואורט · אונ זאלין נאך זאגין אמן אויף איטליכר ברכה · אונ עש טאר אים קיינר ניט נאך זאגין נאר שטולר הייד :

אונ אויך דיא אלי וואש זענין אין דעם חדר טארין קיינר קיין שום וואורט ניט ריידין : דען זייא זענין מבטל פונם בענטשין : אונ דער וואש פאר הערט איין וואורט איז ער ניט יוצא מיט דעם צו הערין בענטשין : נאר ער מוז נאך אמאל בענטשין : דרום איז איטליכר בעל הבית מחוייב שטיל צו האלטין זיין הויז גיזונד בשעת בענטשין גליך אז וויא אין שיל דען ער רעט דאך מיט נאט : ווען ער זאל היידין אין זיין שטיב מיט איין שר אזו וואלטין דאך זיין הויז גיזונד גישטאנין אין גרויש מורא אונ מיט שטילקייט : בפרט פאר דעם (מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא) : דריגן זאל איטלכר בעל הבית נזהר זיין ניט צו לאזין ריידין פרעמדי לייט בשעת ער בענטשט מכ״ש זיין הויז גיזונד : זייא קאן ער דאך מער שטראפין וויא אנדרי לייט :

(לא) עש איז רעכט צו זינגן זמירות אום שבת איטלכר נאך זיין מנהג נאך : דען איד ווייסט דאך וואול אז דער שבת איז גיגליכן צו עולם הבא : אזו וויא לעולם הבא איז איטל לויב פון נאט אונ זמירות אונ תשבחות : אזו דארף אויך זיין אום שבת : ניט מער אום ווינטר איז דיא נאכט גרויש זאל מען זמירות זאגין ביא נאכט : אונ אום זומר ביא טאג ווייל דער טאג איז גרויש :

(לב) (עונה של תלמידי חכמים) פרייטאג צו נאכט איז דיא צייט וואש דיא תלמידי חכמים זאלין זיך בהעפטין צו זייערי ווייביר : אבר אנאנצי וואך לערנין זייא תורה : אונ אז איין פראכטיר בעל הבית איז זיך אויך אזו נוהג איז וואול צו אים : ער וועט בודאי האבין גוטי קינדר אונ תלמידי חכמים : אונ ער דארף ניט צו זארגין זיין קינדר זאל ניט ארויש גיין לתרבות רעה ח״ו : אונ זיין הויז איז גיבענטשט מיט אלדינג :

(לג) שבת פריא זאל מען אביסל שפעטיר אויף שטיין וויא אנאנצי וואך : אז וויא דער פסוק זאגט (וביום השבת) ביא טאג פון שבת : אונ ביא איין אנדרן טאג שטייט (בוקר) אין דער פריא זאל מען ברענגין דעם קרבן תמיד אונ דיא ברכות וואש ער זאגט אום שבת דארף ער דרוף מער כוונה האבין : אפילו דיא ברכות וואש ער זאגט זייא אין דער וואכין אויך : אונ איטלכר דארף גידענקין אזו וויא לעולם הבא וועט ער ניט אנדירש מאן נאר גאט לויבן מיט גרויש כוונה : אזו זאל ער זיך אויך נוהג זיין אום שבת :

(לד) אום דער וואכין איבר צוויא זאכין וואש זייער ברכה איז גליך דארף מען נאר איבר איינס אברכה מאכין : אזו פטרת מען דאש אנדרי : אבר אום שבת דארף ער אויף איטלכן בזונדר אברכה מאכין : ווייל אום שבת דארף מען מערין ברכות : דרום אום דער וואכין מאכט מען אברכה אויפן טלית איז מען שוין יוצא אויפן ארבע כנפות אויך אבר אום שבת דארף מען אויף דעם ארבע כנפות אבזונדר ברכה מאכין : אפילו ער טוט אן דעם טלית אין דער היים :

(לה) איטלכר איז מחוייב דיא סדרה מעביר זיין צוויא מאל דעם פסוק אונ איין מאל תרגום : אונ איין מאל אין (פירוש רש״י) דרום איז דער מנהג מיזאל פרייטאג מעביר זיין איין מאל דעם פסוק אונ תרגום אונ (רש״י) · אונ אום שבת איז ער נאך אמאל משלים דעם פסוק מיטן חזן : אז וויא איך וועל עש בעסיר בשיידין : אבר אז ער האט ניט מעביר גיוועזן ערב שבת האט ער צייט אנאנץ שבת : אטייל זאגין עש איז איין אונס גיוועזן האט ער נאך צייט ביז מיטוואך נאך שבת :

# לו הנהגת בית הכנסת בשבת

שבת פריא איז דער מנהג מאריך צו זיין דיא ברכות מיט ניגונים : אונ בפרט (ברוך שאמר) : דאש איז אגרושי מצוה נאט צו לויבן מיט שייני ניגונים בפרט אום שבת : נאר זיין כוונה זאל זיין לכבוד הקב״ה : אונ ניט כדי דיא לייט זאלין אים לויבן : אונ אוב ניט איז בעסיר ער זאל

גאר

נאר ניט זינגען : דען הקב"ה ווייסט דאך דיא כוונה פון אלי הערצער : אזו איז אך אונ וויא צו דעם זעלביגען מענטשן: דיא לייט וואש זינגען ברוך שאמר מיט ניגונים זאלין גיווארינט זיין ניט מפסיק צו זיין פון ברוך שאמר ביז נאך ישתבח : דען דש איז אגרושי עבירה מכ"ש ניט צו ריידין קיין דברים בטלים : דען וויא מאכין זייער מצוה צו איין עבירה : די לייט וואש פלעגין זינגען תמיד ברוך שאמר מיט שייני ניגונים לכבוד השי"י : אונ אצונד קומן וויא אן אז דאש קהל האלט ברוך שאמר : נאר זיא ווילן נאך אהיים גיין אונ ווילן נאך ניט דאווניגן טאן וויא אזו זיא זינגען ברוך שאמר ביז (ברוך אתה ה') דער נאך אז זיא שטעלין זיך דאווינגן הייבין זיי אן איבר נייאס ברוך שאמר אונ דאווינגן כסדר : זייער כוונה איז דער מיט כדי זיא זאלין ניט מפסיק זיין צווישן ברוך שאמר אונ ישתבח : אזוי דיא לייט וואש בלייבין אין שיל זאלין דאווניגן כסדר אן הפסק ביז (נשמת) אונ (ישתבח) אונ (קריאת שמע) אונ (שמונה עשרה) : אונ כל זמן דער חזן האט נאך ניט גיזאגט דעם קדיש נאך שמונה עשרה טאר קיינער ניט ריידין קיין דברים בטלים : דען דאש איז איין עבירה אום דער וואבין : בפרט אום שבת אין שיל בשעת דאווניגן דאש איז איין עבירה אין דער אנדריר :

(לו) דער מנהג איז אז שבת אין דער פריא זאגט מען (וביום השבת) אונ אום ראש חודש (ובראשי חדשיכם): שבת אונ יום טוב זאגט מען ניט קיין (מזמור לתודה) : אויך ניט פון ערב פסח ביז נאך אסרו חג : אויך ניט אום ערב יום כיפור (לח) עס איז אגוטער מנהג דאש איין למדן זאל דאווניגן פארין עמוד פון ברוך שאמר ביז (שוכן עד) וויל דיא ברכות דארפין האבין גרויש כוונה : אונ איין עם הארץ ווייסט ניט מבין צו זיין : אויך איז דער מנהג צו זינגען דיא שבת ברכות אונ הללויה : (לט) עס איז איין גוטי תקנה אז דער חזן וואש דאווינט דיא שמונה עשרה זאל ער זונגען אלי דיא שבחות אונ הללוית : כדי ער זאל מכוין זיין פון ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה : אונ אויב ניט אז ער וועט ח"ו ריידין נאך ברוך שאמר איידר אז ער שטעלט זיך פארין עמוד ש"ע דש איז אגרושי עבירה ח"ו · אונ עש איז ניט גוט אז הקב"ה זאל אונזר מלין זעלבסט פיינט האבין : דרום זאל דער חזן דרינגן זייער גיווארינט זיין אז ער דאווינט פון ברוך שאמר פארין עמוד דאש ער זאל קיין שום ווארט ניט ריידין פון ברוך שאמר ביז נאך זיין תפלה : (מ) אום שבת מוז איטליכר מער כוונה האבין אין ק"ש אונ שמונה עשרה וויא אנדערצי וואך : אונ אום שבת זענין מיר גאהינט צו דעם (מלך מלכי המלכים) הקב"ה : אז וויא אויבן שטייט :

(מא) אויך זאל איטליכר גיווארינט זיין ניט נאך צו זינגען מיט דעם חזן : דאש איז אום דער וואבין איין איסור בפרט אום שבת : בפרט דיא ברכות טאר ער בודאי ניט נאך זאגין מיטן חזן : דען עש הייסט איין ברכה לבטלה ח"ו: אונ עש איז גליך אז (שבועת חנם) ; וואש דאש שטייט פאר באטין אין דיא עשרת הדברות : (מב) אום שבת זאל מען זיך נאך מער היטן פון עבירות וויא אום דער וואבין אום שבת ווענין דיא ישראל נאר נאהינט צו הקב"ה בפרט דער שבת איז גיגליבן צו הקב"ה : אונ מיט דעם שבת האט ער גימאכט איין צייכין ער איז אונזר גאט · אז וויא דער פסוק זאגט (אות היא ביני וביניכם) דער שבת איז איין צייכין צווישן מיר אונ אייך : דרום זאל מען זיך זייער היטן פאר עבירות אונ צו טאן מצות מער וויא אום דער וואכין: בפרט אין שיל בשעת דאווניגן : דען דיא תפילות פון שבת זענין איין זכר צו עולם הבא : אונ ווען איינר טוט יוא איין עבירה שבת אין שיל בשעת דאווניגן : קענט איר דאך וואול פאר שטיין וויא הארב דאש איז : דרום זאל איטליכר גיזהר זיין דרינגן : אונ זאל גידענקין דעם גרוסן שכר : אונ פאר קערט דעם גרוסן עונש וואש ער וועט האבין לעולם הבא אויף דעםוואש ער האט ניט גיאכט דיא ליבליכי מתנה וואש גאט האט אונז גיגעבן דרום זאל זיך איטליכר וואול פליסין און זיין תפלה אונ זאל קיין אנדרי מחשבה ניט האבין : אונ זאל וויסן מיט וועמין ער רעט אונ פאר וועמין ער שטייט : אונ זאל וויסן וואש ער רעט : ניט דאש מויל זאל ריידין אונ דש הארץ זאל ניט וויסן דער פון :

(מג) אין דעם שבת אונ יום טוב וואש מיזאגט מואיר איז פאר האנדרין דעות אויב מען מעג מפסיק זיין צווישן דיא ברכות פון קריאת שמע מחזור צו זאגין · אין אטייל לענדיר זאגט מען ניט · אונ אין אונזרי לענדר איז דער מנהג יוא צו זאגין · דרום דארף איטליכר וויסן וואש מיזאל זאגין אונ ווער עש זאל זאגין : איך האב שוין אויבין גישריבין אין הלכות בית הכנסת אז דער וואש פאר שטייט ניט דיא טייטש פון דיא ווערטיר טאר קיין מחזור

בים זאגן : רען עש איז איין וויגדרליכי זאך דאש אזעלכי
ליבי תפלות וואש מיר האבין · זאלין מיר זייא אוועק חאפין
אן כוונה אוג פאר שטאנר · דאש מיר זאלין שרייאן אונ ניט
הערין קיין ווארם פוגים חזן : עש איז בעסיר מען, זאל צו
הערין איטליכש ווארט פוגים חזן אזו איז מען יוצא רען דר
חזן וייסט בודאי דיא כוונה אוג (פירוש המלות) דער פון ·
אבר דער וואש פאר שטייט ניט אוג זאגט יוא הייסט עש
בודאי איין הפסק צווישין דיא ברכות קריאת שמע : אוג עש
איז בודאי אגרושי עבירה · דרום איין ירא שמים וואש פאר
שטייט ניט זאל אזו טאן בשעת מיזאגט יוצרות צווישין דיא
ברכות פון שמונה עשרה זאל ער אריין קוקין אוג זאל צו
הערין וויא דער חזן זאגט : רען דער חזן פאר שטייט ראך
יוא דיא טייטש פון דיא ווערטיר : אוג דער וואש דצט וויט
פוגים חזן אודר עש איז אגרויש גישרייא דאש ער קען ניט
צו הערין פוגם חזן · זאל ער נאר אריין קוקין אין מחזור אזו
איז ער שוין יוצא : דען דער חזן איז דרויף גישטעלט גיווארן
פון די לייטין וועגין וואש פר שטייאן ניט דש זייא זאלין אים
צו הערין: אוג זאלין נאך זאגין אמן אויף איטליכר ברכה :
דער וואש. טיט אזו איז גליך וויא ער וואלט זעלברט גיזאגט
אבר דער וואש זאגט אוג וייסט ניט וואש ער זאגט דער
מיט פיל ביין איינש ער-לויבט גאט אוג וייסט ניט מיט וואש
דאש אנדרי טאמיר וועט ער נאך זאגין פר איין לוב ווארט
איין (חילול השם):דאש דריטי ער איז ניט יוצא · דאש
פערדי ער איז מפסיק צווישין דיא ברכות קריאת שמע מיט
אום ניצליכי זאכין : דרום זאל זיך קיינר ניט פאר דארבין דר
מיט : אוג נון קענט איר וואול פאר שטיין וואש בעסיר איז :
(מד) דעם מחזיר וואש מיזאגט אז דאש קהל האלטין נאך
נאך שמונה עשרה דאש הייסט קיין הפסק ניט
אבר עש איז אויך פיל בעסיר מיזאל צו הערין דעם חזן :
דען טאמיר וועט ער ח"ו מחרף זיין דאש ער ווערט זאגין איין
(ה) פאר איין (ח) אודר איין (ב) פאר איין (כ) : אודר פאר
קערט : אוג אופט קומט דורך דעם אות איין חירוף אוג
גידוף : דרום איז בעסיר מיזאל צו הערין דעם חזן : אודר
מיזאל זיך לערנין דיא טייטש אוג כוונה דער פון:(מה) בשעת
מילייאנט אין דעם ספר תורה זאל איטליכר שטיין : אז דיא
דיא ישראל זענין גישטאנין בשעת מתן תורה : אויך טאר
מען ניט לייאנין מיט אין ברכה נאר במנין : רען צו איין

דבר קרושה דארף מען האבין אמנין אזו וויא אויבן שט"ט :
(מו) איטליכר זאל אום קערין זיין פנים צו דער ספר תורה
פון כבוד דער ספר תורה וועגין אוג זאל צו הערין איטליכש
ווארט וואש מען לייאנט : אוג עש טאר קיינר ניט הוין נאך
לייאנין מיטן חזן : דען מיזעט דעם חזן ניט הערין אבר
שטילר הייד מעג ער יוא אויך טאר מען קיין שום ווארט ניט
ריידין אפילו דברי תורה פון זינט מען עפינט אויף דיא ספר
תורה ביז מען מאכט זיא צו : דרום מאכט מען צו דיא ספר
תורה אז מיהאט שוין איינם אפ גילייאנט :(מז) בשעת דער
חזן היפט אויף מאג מען יוא לערנין דברי תורה : אבר
מיטאר ניט ריידין אין שיל קיין דברים בטלים ח"ו : אוג ווער
עש דארף עפיס ריידין מיט זיין חבר זאל ער ארויש גיין פון
דער שיל · אוג ווער עש רעט יוא אין שיל איז ער מחלל
השם אוג זיין הייליגי שכינה אוג דיא הייליגי ספר תורה וואש
איז דארטין בפרט אום שבת איז זיין עונש גרעסיר : דרום
זאל איטליכר נזהר זיין דרינין : אוג זאל דרויף שטראפין זיין
חבר :
(מח) דיא דינים פון שמונה עשרה פון מוסף איז גליך צו
שחרית : (מט) שבת אין דער פריא אז ער גייט
פוגים שיל זאל זיין טיש צו גריכט זיין אזו וויא אויף דער
נאכט . אבר דיא ליכט דארפין ניט צו זיין אוג איטליכר זאל
באלר אהיים גיין דאש ער זאל ניט מחלל שבת זיין מיט
דברים בטלים דרום זאל ער איילין פון איין מצוה צו דער
אנדריר דאש איז דיא סעודה פון שבת אויך דארף ער
משנה זיין פון אום דער וואכין: פלעגט ער תמיד פריא עסין
דארף ער שבת שפעטיר עסין פלעגט ער תמיד שפעט
עסין דארף ער שבת פריא עסין אוג זאל אלש טאן לכבוד
שבת · (נ) איטליכר בעל הבית זאל זיך זעצין צום טיש מיט
איין פריליך הארץ · מיט אלים ורא ער האט גיטאן
פרייטאג צו נאכט : (קרוש היום) דער קידוש פון אין דער
פריא ווערט גירופין אין דער גמרא (קידושא רבה) אוג מיט
דעם כוס זאל ער זיך אויך נוהג זיין וויא פרייטאג צו נאכט
נאר · פרייטאג צו נאכט מאכט מען המוציא איבר דעם
האנטרשטין קיכין · אוג אין דער פריא איבר דעם איברשטין
נאר ער זאל אלש טואין לכבוד שבת : (נא) עש איז
איין מצוה מיזאל אום שבת ברכה מאכין איבר פיל פירות ·
כדי משלים צו זיין דיא הונדרט ברכות וואש מען איז מחויב

זמ

צו מאכין אלי טאג · אבער דער וואש עסט פירות אום שבת
אין אברכה פריר אונ דער נאך דער מיט צוויא עבירות דרום
טאר מען ניט געבין קיין פרי צו איזעלכין וואש מאכט קיין
ברכה ניט דען מ׳ן ברענגט אים צו עבירות :

(נב) עש איז איין עונג שבת מ׳זאל שלאפין (שבת) איז די
ר״ת (שינה בשבת תענוג) שלאף אום שבת איז
איין תענוג אונ מען דארף פריר עפים לערנין פארין שלאף :
אבער מ׳זאל גיווארינט זיין ניט צו פאר שלאפין די דרשה
אודר מנחה : (נג) איטליכר איז מחויב תורה צו לערנין
בפרט אום שבת : דען דער שבת איז נאר געגעבין געווארין
צו תורה · אז הקב״ה האט געגעבין די תורה צו ישראל
אויפין בארג סיני · האט זיא געזאגט צו הקב״ה עש איז ניט
דאש גיסט מיך צו ישראל ווייל זיא זענין אין דער מדבר :
דא האבין זיא ניט צו טאן · דא לערנין זיא תורה טאג אונ
נאכט : דען זיא בדארפין קיין שום מלאכה ניט טאן · ניט
אקרין אונ זייאן ניט צו פלאנצין : דען זיא האבין דעם (מן)
אבער אז זיא וועלין קומין אין זייער לאנד ארייין אזו וועט
איטליכר לויפין צו זייני עסקים אונ מלאכות אונ וועלין מיך
פאר שליכן אין איין אלמיר וועט מיך לערנין : ליבר
גאט גיב מיך ניט צו ישראל · דען זיא וועלין מיך מבטל זיין
דא וועל איך בלייבין אום גילערנט · זאגט גאט צו דער
תורה איך האב געבאטין אין דער תורה איר זאלט לערנין
תורה טאג אונ נאכט : טייטשין די חכמים אטייל פון דעם
טאג אונ אטייל פון דער נאכט : דאש ער זאל זייני עסקים
אויך טואין כדי זיין תורה זאל אקוים האבין · איך האב זיא
געגעבין דעם שבת אונ יום טוב · דערמאלט טארין זיא ניט
האנדלין אונ קיין מלאכה ניט טאן · אזו וועלין זיא תורה
לערנין · נון זעהן מיר וואול אז דער שבת איז נאר געגעבין
געווארין אויף תורה צו לערנין · בפרט דער וואש לערינט
ניט אגאנצי וואך אונ גייט נאך זייני עסקים : דר זעלביגר
זאל פיל לערנין אום שבת אונ יום טוב אבער דער וואש
לערינט יוא אגאנצי וואך מעג ער אום שבת אונ יום טוב
אביסל ווייניגר לערנין פון עונג וועגין · אונ דער וואש קען ניט
לערנין זאל ער לערנין די טייטש פון דער סדרה : אונ זאל
גיין צו דער דרשה : דאש הייבט אויך גילערינט :

(נד) אין אלי קהילות דארף זיין איין חכם וואש זאל דרשנין פון די
עמי הארצים וועגין : אונ איטליכר זאל גיווארנט זיין ניט
צו שלאפין בייא דער דרשה : אונ אויב ניט איז בעסיר ער זאל
בלייבין אין דער היים : די תלמידי חכמים וואש האבין גיקענט
בעסיר לערנין פון דעם בעל דרשר פלעגין אויך גיין צו דער דרשה
פון וועגין צוויא טעמים : איינש אז זיא וועלין ניט גייאן וועלין די
עמי הארצים אויך ניט גיין : מחמת זיא וועלין זיך שעמין : אודר
זיא וועלין ניט הערין די דרשה : דער אנדיר טעם איז דיא
תלמידי חכמים זענין נהנה מדברי תורה : אפילו זיא ווייסין שוין
לאנג דער פון : אויך געפונין מיר אין דער גמרא דאש פול קעסטליכי
חכמים וואש האבין פול בעסיר גילערינט אונ בעסיר גוויסט דיא
פשטים פונים בעל דרשר זענין אויך גיגאנגין צו דער דרשה : דען
זיא האבין געזאגט (אין מדרש בלא חדוש) עש איז ניט פאר
האנדין קיין שום דרשה עש זאל ניט זיין דרונין קיין חידוש אונ
קיין גוטר פשט אודר איין גוטי כוונה : אין אטייל ערטיר מאכט
מען שלש סעודות פאר מנחה : אונ אין אטייל ערטיר מאכט
מען נאך מנחה : איטליכי מדינה האט איר טעם לשם שמים אבר
אין אונזרי לענדר מאכט מען שלש סעודות נאך מנחה :

## (נו) דיני מנחה של שבת

**תפלת** מנחה דאווינט מען ניין שעה אויפן טאג ווייל די
זין שטייט נאך · אונ דער נאך איז שוין פאר
זוימט דיא צייט דען דער נאך הייבט שוין (בין השמשות) :
אונ אטייל זאגין מען מעג דאווינין מנחה ביז שטערין שטייאן :
אבער מיר זענין ניט אזו נוהג ווייל מיר מאכין שלש סעודות
נאך מנחה : אונ דיא צייט פון שלש סעודות איז ווייל דיא
זין שטייט נאך : (נז) אום דער וואכין זאגט מען (אשרי ובא
לציון) צו שחרית : אונ אום שבת צו מנחה : דען ישראל
ווייסין דאש משיח וועט קומין אום שבת נאך יום טוב : דרום
טאן מיר תפלה בוף טאג אז משיח זאל קומין : אונ מען
לייאנט אין דער ס״ת אין פרשה צעהן פסוקים ניט ווייניגר פון
דער סדרה פון דער וואך וואש וועט קומין : דער נאך דאווינט
מען שמונה עשרה : (אתה אחד) אונ (וצדקתך) : אונ אויב
עש איז אזו איין טאג וואש מ׳זאגט ניט קיין תחנון : אודר
מ׳וועט וינטאג ניט זאגין קיין תחנון זאגט מען אויך ניט קיין
(צדקתך) אונ אין אטייל ערטיר זאגט מען נאך קדיש (ברכי
נפשי) אונ אלי דיא (שיר המעלות) : אונ אום זומר זאגט
מען איין פרק פון דיא זעקס פרקים : (נח) נאך מנחה זאל
ער באלד אהיים גיין צו (שלש סעודות) : דאש זיא זאלין
דער ווייל ניט הירין קיין דברים בטלים : גייארט מ׳זאל קומין
פון

פון אין מצוה צו דער אנדריר: מיטאר זיך אפילו ניט קובע זיין קיין צייט אויף תורה לערנין צווישן מנחה אונ מעריב מכ"ש אז מיטאר ניט ריידן קיין שלעכטי רייד: דרום דארף איטליכר מקיים זיין דיא מצוה פון שלש סעודות:

## (נט) דיני שלש סעודות

**איטליכר** ישראל זאל גיווארנט זיין צו מאכן שלש סעודות איידר די זון גייט הונטר: אונ דער נאך האט ער שוין פאר זומט דיא צייט: (ס) מען איז מחויב צו עסן שלש סעודות ברויט אונ פיש אונ פלייש אונ ויין טרינקן: אז וויא ביא יענע סעודות· אונ דער וואש איז ניט הונגרינג מעג ער יוצא זיין שלש סעודות מיט פירות: אבר איין חכם היט זיך ניט פיל צו עסן אין דער פריא: כדי ער זאל קענין עסן שלש סעודות: (סא) דיא לייט וואש מאכן זיך בנאנדר אין חברותה צו עסן שלש סעודות לשם שמים איז עש אגרוסי מצוה: נאר זייא טארין זיך ניט אן שיכורן: אונ זאלין ריידין דברי תורה איברן טיש: דאש הייסט לשם שמים: איך וועל איך שרייבין איין מעשה: עש האבן גיוואונט פיר בעלי בתים אין איין ישוב: דרייא פון זייא פלעגין זיך תמיד בנאנדר שלש סעודות מאכין: אונ איינר איז גיוועזן איין קארגיר אונ האט ניט גיוואלט הלטין קיין שלש סעודות: נאך שבת פלעגט ער פון איינם פון זייא פרעגין וויפל געלט האסטו פאר צערט אויף שלש סעודות: אונ פלעגט אזו פיל געלט ארייין לייגן בזונדר אין איין זאק ארייין: עש האט אזו גיווערט עטליכי יאר: אמאל זענין זייא אלי גיפארין אויף איין יאריד צו האנדלין: הונטר וועגין זענין אן גיפאלין גזלנים אונ האבן גישלאגין דעם קארגין מכת אכזריות אונ האבן ביא אים אוועק גינומן דעם זאק געלט וואש ער האט אפ גישפארט פון שלש סעודות: אונ יענע דרייא זענין בשלום אהיים גיקומן: פון דעמלט אן האט דער קארגיר אויף זיך גינומן מיט זייא חברותה צו מאכן שלש סעודות:

אין יענע צווייא סעודות: דען ביא יענע צווייא סעודות עסט ער פאר הונגר: אבר צו שלש סעודות איז ער דאך ניט הונגריג: אז עסט ער נאר לשם מצוה: דרום איז זיין שכר גרעסיר: (סג) אונ ווינטר אין דיא קורצי טעג: אודר ווער עש פאר זומט זיך אין שיל: ביז זיין סעודה פון דער פריא ציהט זיך ביז מנחה צייט: איז בעסיר ער זאל תיכף מאכין שלש סעודות וויל ער קאן נאך עסן אין זיין מאגין אין נאך איין דאש ער זאל בענטשין: אונ זאל זיך נאך אמאל וואשין אונ זאל המוציא מאכין איבר צווייא קיכן: אונ זאל גומר זיין דיא סעודה: אבר אז ער וועט ווארטין ביז נאך מנחה וועט ער שוין ניט קענין עסין: אבר דער וואש פילט אין זיך אז ער וועט נאך קענין עסין שלש סעודות מיט לוסט: זאל ער ווארטין ביז נאך מנחה: אויב דער שלש סעודות פאר ציהט זיך אין דער נאכט דארף ער דאך זאגין (רצה) אין בענטשין וויל ער האט נאך ניט גיזאגט קיין (ואתה חוננתנו) דען מיר רעכנין דאש אן הייבן פון דר סעודה אונ דעמלט איז נאך גיוועזן שבת:

## סדר מוצאי שבת

**דער** מנהג איז שבת צו נאכט שפעט צו דאווגין מעריב: וויל דיא רשעים קומן ניט אין גיהנם ביז דיא הונמרשטי קדושה זאגין אפ (ויהי נועם ואתה קדוש) (סה) שבת צו נאכט זינגט מען (אליהו הנביא): דרויף זענין צווייא טעמים: איינש אום שבת קומט ניט משיח אונ (אליהו הנביא) דרום אז דער שבת איז אויש זינגין מיר דאש (אליהו הנביא) זאל קומן אונ זאל אונז אבשורה זאגין אויף דער גאולה: דען יעקב אבינו ע"ה האט אמשכון גינומן ביא (אליהו) דאש ער זאל קומן אונז אבשורה זאגין אויף דער גאולה דער אנדרר טעם איז (אליהו הנביא) זיצט מיט פיל טויזנט מלאכים אום מוצאי שבת אונ שרייבט אויף אלי דיא וואש האבן רעכט שבת גיהאלטין אונ פאר קערט דיא וואש האבין ח"ו מחלל שבת גיוועזן, אודר זייא האבין זיך ניט גיהאלטין וויא רעכט איז אום שבת · אונ זייא ברענגין דעם צעלבינן בוך פאר הקב"ה: אונ ער שרייבט אן דער ביא וואש פאר איין שכר זאלין האבין דיא צדיקים וואש האבין שבת גיהאלטין אונ אויך דעם עונש פון דיא רשעים וואש האבין מחלל שבת גיוועזן: דרום בעטין מיר הקב"ה זאל אונז שיקן אליהו הנביא ער זאל אונז אבשורה זאגין אויף דער גאולה · אונ זאל אונז אן שרייבין אין בוך פון צדיקים וואש האבין רעכט שבת גיהאלטין:

(סב) דא וועל איך שרייבין אטייל פון דעם שכר פון שלש סעודות דער וואש פאר פעלט נית צו מאכין שלש סעודות צו דער ידעכטיר צייט ווערט ער בשערמט פאר דרייא פורעניות פון ווייא טאג פון חבלי משיח אונ מלחמת (גוג ומגוג): פון חיבוט הקבר אפייל זאגין אז ער ווערט אויך בשירמט פונם גיהנם: אונ איטליכר אל זייער גיווארינט זיין אין דער סעודה פון שלש סעודות מער וויא

## סו הלכות הבדלה

עש איז דער דין הבדלה צו מאכין איבר וויין אויב אז מען קען קיין וויין ניט בקומען מעג מען מאכין איבר ביר אודר מעד אונ מען זאל דעם כוס ניט ריין מאכין אונ זאל אריין גיסין מער פון אשיעור אז עש זאל איבר גיין אונ זאל זיך שטעלין מיט זיין פנים קיין מזרח דיא לייט זענין זיך נוהג פאר הבדלה צו זאגין גוטי פסוקים (הנה אל ישועתי) דאש איז אגוטר סימן צו דער פילר וואך · אונ זאל דעם כוס נעמין אין זיין רעכטי האנט · אונ דיא הבדלה זאל מען האלטין ביא דעם כוס · אונ דיא לייט וואש ווילן יוצא זיין מיט יענימש הבדלה דארפין זיא צו הערין איטליכש ווארט אונ זאלין אריין קוקין אין כוס אידר ער מאכט (בורא פרי הגפן) זאל ער אביסל אפ גיסן פונם כוס אויף דער ערד דש איז אגוטר סימן אויף דער פילר וואך צו מזל אונ צו ברכה אבר נאך דער ברכה טאר ער ניט אויש גיסן ביז נאך הבדלה דער נאך זאל ער מאכין דיא ברכה (בורא פרי הגפן) דער נאך (בורא מיני בשמים) דאש איז פון דעסט וועגין דש מיר זאלין גלייבין אז איטליכר פון ישראל בקומט אום שבת נאך איין נשמה פון לויטר פרייד : דרום פרייאן מיר זיך דיא גאנצי וואך אויף דעם ליבן שבת : אבר ווען דער ליבר שבת גייט אוועק דא גייט אויך אוועק דיא (נשמה) פון איטליכן בזונדר ביז דעם אנדרין שבת · אזו זענין מיר טרויאריג אונ דש איז גליך אז וויא איינר פאלט חלשות דרום מאכין מיר הבדלה אונ שמעקין בשמים :

דער נאך זאל ער זייני הענט האלטין קעגין דער ליכט צו גימאכט דער נאך זאל ער זיא עפנין אונ זאל אין זיא אריין קוקין אונ מאכין (בורא מאורי האש) דען מיטאר ניט קיין ברכה מאכין ביז מען מוז הנאה האבין פון דער זאך : אונ מיט דעם וואש ער עפינט זייני הענט אונ זעהט אויף זייני הענט הייסט אין הנאה : אויך איז איין סימן דש ער געמט אויף דער פילר וואך זיין האנט אופן האלטין צדקה צו געבין · אזו טוט ער פיל מצות דורך אנאנדר (הבדלה בשמים מאורי האש צדקה בורא פרי הגפן) :

נאך הבדלה זאל ער זיך אנידר זעצין אונ זאל טרינקן פון דעם כוס אז וויא דער שיעור פון קידוש : דער נאך זאל ער אביסל אויש גיסן פון דעם כוס אויפן טיש אונ זאל דריבן אויש לעשין דיא הבדלה · דאש איז אויך אגוטר סימן אז ער וועט האבין אזו פיל וויין ביז ער וועט מיט אים גיסן אזעלכי זאכין וואש קענין גיטאן ווערין דורך וואשיר (כו) דער נאך וויל דער טיש איז נאך צו גידעקט זאל ער נעמין דעם פערדין קוכין : אונ זאל זיך וואשין אונ זאל המוציא מאכין אונ זאל עסין אפילו נאר אכזית איז ער אויך יוצא דר נאך זאל ער בענטשין · דיא סעודה האבין דיא חכמים גירופן (מלוה מלכה) ער בלייאט דיא מלכה דש איז שבת : דיא חכמים ז״ל האבין גיזאגט עש איז פאר האגדין אין גליר אין דעם מענטשין דאש האט קיין הנאה ניט פון קיין שום שפייז נאר פון דער סעודה (מלוה מלכה) :

(כח) מיטאר קיין מלאכה ניט טאן ביז ער זאגט אתה חוננתנו אין שמונה עשרה · דרום אויך דיא ווייבר אודר יונגין אודר מיידין טארין קיין ליכט ניט אן צינדן ביז זיא זאגין פריר דיא ברכה (ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם המבדיל בין קודש לחול בין אור לחושך בין ישראל לעובדי גלולים בין יום השביעי לששת ימי המעשה ברוך אתה ה׳ המבדיל בין קודש לחול :

נון וועל איך אן הייבן צו שרייבין דיא דינים וואש עש איז אסור אודר מותר צו טאן אום שבת אונ וואש עש איז אסור אום ערב שבת דאש וועל איך אלש בקיצור שרייבין נאר וואש עש ניצט אין אונזרי קהלות אונ אין אונזרי דורות :

(ע) עש איז אסור צו פאר דינגין איין בהמה צו ארבטין מיט איר אום שבת : אונ ווער עש פאר דינגט יוא זאל זיך ניט דאבטין אז עש איז גניג ער זאל אויש נעמין מיט איר ניט צו ארבטין אום שבת : נאר ער זאל אויש נעמין דאש פאר שבת זאל מען דיא בהמה אפ געבין : אונ אויב ער ברענגט אים ניט אפ פאר שבת דא וויא זאל ער טון : דא זאל ער זאגין פרייטאג פאר נאכט פאר דרייא לייט איך בין מפקיר מיין בהמה : זיא איז שוין ניט מיין : אבר דאש האט ניט דעם דין אין זיך וויא אנדר הפקר דאש קיינר טאר ניט זוכה זיין אין דער בהמה וויל זיין כוונה איז נאר גיוועזן ער זאל ניט קומען צו קיין חילול שבת חלילה :

קכב דיני ניקוי וקיפול בגדים

מען טאר ניט אויש טרעקלין אום שבת קיין שום מלביש פון דער טויא אודר רעגין אודר שטויב וואש איז דרויף גיפאלין : אבר מען מעג אפ קלייבין דער פון דיא פעדרין : אויך ווער עש נעמט אראפ פון איין טוך דיא פעדים אונ שפענדליך

שפענדליך וואש ליגין דרוףפונם דר וואכין אן איז ער מחלל שבת ח״ו : עש איז אסור צום אויף צו ליגן אום שבת אין טלית אודר אנאנדר מלבוש אבר אין גייא העמד וואש איז נאך ניט גיוואשין גיווארין אונ דער זעלביגר מענטש האט ניט קיין אנדרש אן צו טון אז ער וויל עש אן טאן דעם זעלבגין שבת איז אים מותר צום הויף צו ליגין · אבר עש טאר אים קיינר ניט העלפין · אונ וויא באלד עש פעלט אייניש פון דעם אלים וואש איז דא אויש גירעכינט איז אסור אבר ניט אין די ערשטי פאלבין איז מותר : אין מלבוש אודר וויס גרעט וואש ליגט אין פרעס טאר מען עש ניט ארויש נעמין אום שבת דען דאש הייסט אין מלאכה: ווייס גרעט וואש איז הארט מאג מען עש צו רייבין מיט דיא הענר ביז עש ווערט ווייך : אבר מיט אין האלץ איז אסור · דאש איז דווקא בייא אין העמד סייא פון אין מאנזביל · סייא פון אין אשה :
אבר אנאנדר גרעט איז אסור :

(קכה) ווען איינם האט זיך אן גיקלעפט ליים אודר ערד אין זיין שיך · טאר ער אים ניט אפ רייבין אויף אום בפלאכטורט ערד : אבר ער מעג אים אפ רייבין מיט אזו אין שערביל וואש מען מעג מטלטל זיין · אז וויא עש וועט ווייטיר שטיין · אונ ווען זיין שיך איז אין גישמורט ביווארין סייא אין נייאר סייא אין אלטיר · טאר ער אים ניט אפ רייבין מיט דיא נעגיל מכ״ש ניט מיט אין מעסיר : א ווען זייני קליידר זענין אין גישמורט גיווארין מיט ערד · אז עש איז דאר טאר ער עש ניט אפ רייבין · אונ אז עש איז נאך נאס מאג ער עש אפ ווישן מיט דיא פינגר : ווען זייני שיך זענין דאר גיווארין דאש ער קאן זיא ניט אן טוהן אודר זייא טואן אים וויא מאג ער אויף זייא גיסן וואשיר : אבר ער טאר זיא ניט רייבין מיט דיא הענט אודר אין שיך אין אנדרין אבר מי טאר ניט גוסן קיין וואשיר אויף אין קלייד אפילו ווייך צו מאכין · וויא דען זאל ער טואן : ער זאל עש אפ וואשין באמעליך מיט אין טיכל דאש ער זאל עש ניט אויש קוועטשין :

(קכו) ווען איינר האט זיך גיוואשין זייני הענט זאל ער זייא ניט אפ ווישען אן אין האנטיך דען ער וועט אים נאס מאכין נאר ער זאל צום אויף נעמין דיא הענט אונ זאל לאזין דיא וואשיר אראפ לויפין פון זייא : דער נאך מאג ער זיך אפ ווישען : אויך אין מלבוש וואש איז נאס גיווארין מיט השתנה טאר ער ניט גיסן דרויף קיין וואשר מבטל צו זיין די השתנה ווען איינם איז בשמירט גיווארין זייני הענט מיט אום ריינקייט טאר ער זייא ניט אפ ווישען אין אין ווייך טיכל נאר אין אין הארטס אודר אין אין ווידיל פון אין בהמה : אין כלי אודר אין פרי וואש זיא איז נאס טאר מען זיא ניט אויש ווישען מיט אין טיכל ·

(קמג) דאש איז ידוע אז אין שטיין איז מוקצה אונ אין קינד איז ניט מוקצה מטלטל צו זיין : אז דאש קינד האלט אין שטיין אין דער האנט : טאר מען עש ניט מטלטל זיין דער מיט : סיידין דאש קינד וועט ח״ו קראנק ווערין אז ער וועט ניט האלטין דעם שטיין אין זיין האנט : אבר אז ער האלט אין מינץ אין זיין האנט זאר מען אים ניט מטלטל זיין אבר מען מעג אים פירן בייא דער האנט : אין קארב מיט אין לאך וואש דיא לאך איז פאר שטאפט גיווארין מיט אין שטיין · מאג מען דעם קארב מטלטל זיין אין עמיר פון אין ברונן וואש איז צו גרינג אונ מיהאט צו אים צו גיבונדין אין שטיין ער זאל שווערייר זיין מאג מען מיט אים וואשיר שעפין אום שבת : אויב נאר דער שטיין איז צו גיבונדין גיווארין פאר שבת : אין קארב מיט אופס וואש ליגט דרינן אין שטיין : איז עש אזו אין אופס וואש ווערט ניט מיאוס אז מען שיט עש אויש : זאל ער דעם קארב איבר קערין עש זאל אלש ארויש פאלין : דער נאך מאג ער ארין ליגין דאש אופס אבר אז עש איז אזו אין אופס וואש ווערט מיאוס אז מען שיט עש אויש מאג מען עש מטלטל זיין מיטן שטיין : ווען איינר האט פאר געסין געלט אודר אשטיין אויף אין טיש אודר אויף אין בעט אודר אויף אין קישען · אודר אויף אין כלי · אודר אויף אין מלבוש : מאג ער עש אראפ שאקלין : אבר אז ער האט אין מוסגע גיליינט דרויף טאר ער עש ניט אראפ שאקלין : דען דיא זאך וואש מוקצה ליגט דרויף · איז אז וויא דאש מוקצה זעלברט :

ווען איינר ליגט ארויף אין דבר מוקצה אפילו במזיד אויף אזו אין זאך וואש איז ניט זיין · מאג עש וואול ייענר אראפ שאקלין : דען קיינר קען ניט אסרין וואש ניט זייניש איז · אונ אויך אפילו דער וואש האט ארויף גיליינט דיא מוקצה אז ער דארף צו דעם אורט מאג ער וואול צו נעמין דיא זאך וואש דאש מוקצה ליגט דרויף · קיין שום עסק

שפיין איז ניט מוקצה׳ אפילו אייער האנדילט מיט עסין שפייז מאג ער דער פון געמין צו עסין אום שבת · אויך אפילו ווען אייער האט גיזאט ווייץ אודר קארין אונ עס איז נאך ניט איין גיווארצילט אין דער ערד מעג ער געמין דער פון צו עסין · אויך מעג מען ארויש געמין דיא אייער פון הונער דיא הינר אום שבת צו עסין אויך אזו איין אופם וואש ווערט צייטיג ביז עש ווערט צו גילעגערט מאג מען עסין דער פון אום שבת · אבר אז מהאט עש גילייגט טרוקנן · טאר מען עש אפילו ניט מטלטל זיין :

## קמז דיני צידה בשבת

דער וואש יאגט נאך איין בהמה אודר איין חיה אודר איין עוף אום שבת · אודר ער טרייבט זיא אריין אין איין חדר אריין עש זאל גיפאנגן ווערין · דאש איז ארעבטי מלאכה : אונ אז ער טוט עש במזיד איז ער חייב אונ אפילו ער רייצט נאר אן אהונט אויף זיא ער זאל זיא חאפין דאש טאר מען אפילו אום דער וואכין אויך ניט טאן בפרט אום שבת איז גליך וויא ער זעלברט וואלט עש גיטאן : איין פליג מאר מען אויך ניט חאפין אום שבת : דרום טאר מען ניט צו מאכין קיין אלמיר אונ קיין קאבטין ביז מען טרייבט ארויש דיא פליגן דאש קיין שום פליג זאל דרינן ניט פאר שלאסין ווערין אונ אפילו איין חיה אודר איין עוף לויפט זעלברט אריין אין זיין הויז אריין אונ ער מאכט צו דיא טיר עש זאל גיפאנגן ווערין איז ער אויך חייב במזיד: אונ אפילו ער זעצט זיך פאר דער טיר אודר פארן פענצטיר עש זאל ניט קענין ארויש איז ער אויך חייב : אונ אז אייער האט זיך גיזעצט פאר דער טיר זיא צו פאר שטעלין · מאג זיך שוין אנאנדריר זעצין לעבין אים אונ נאר דער ערשטיר איז חייב אונ אפילו ווען דער ערשטיר גייט אוועק מאג דער אנדריר בלייבין זיצן : ווען אייער חאפט איין שלאנג פון איין רפואה וועגין איז אסור : אבר כדי אז ער זאל ניט מזיק זיין דיא לייט איז מותר: מטאר ניט חאפין קיין פלויא אום שבת אבר אז זיא איז אים מצער מאג ער זיא אראפ ווארפין פון זיין לייב · אבר ער טאר זיא ניט הרגנן · אויך טאר ער זיא ניט רייבין מיט זיין האנט אודר אין דער וואנט · דען טאמיר ווערט ער זיא הרגנן : איין לויז פונם קאפ מאג מען הרגנן · אבר פון דיא קליידר טאר מען ניט הרגנן אבר ער מאג זיא רייבין מיט זיין האנט : ביזי חיות אודר שרצים וואש מען ווייסט גוויס אז זיא זענין ממית דיא לייט · איז איין מצוה זיא צו הרגנן אפילו אום שבת אבר אז מען ווייסט ניט גוויש אויב זיא זענין ממית דיא לייט טאר מען זיא ניט הרגנן · סיידין זיא לויפן נאך אימצן · אויך מאג מען אויף זיא טרעטין אן כוונה : אבר שפינן אודר ביזי ווערים אונ פליגן דער וואש הרגית זיא אום שבת איז חייב : אויך דעסט גליכין מאג מען טרעטין מיטען שיך אן כוונה אויף שפייאכץ וואש ליגט אויף דער ערד : אבר פאר שטרייכין איז עש אסור סיידין יעש ליגט אויף גיפלאסטירטר ערד : מטאר ניט פאנגין אום שבת קיין הויז הינר אודר גענז · אודר איין קאץ אודר איין הונט : אונ מטאר ניט מטלטל זיין קיין שום בעל חי בפרט אזעלכים וואש האט פעדרין איז דיא עבירה נאך גרעסיר : דען טאמיר וועט ער אויש רייסן איין פעדיר :

## קמח דיני קשר בשבת

ווען אייער מאכט אום שבת איין קניפ ער זאל אזו בלייבין אויף אייביג אודר ער קניפט אויף אזו איין קניפ איז ער חייב : צווייא קניפן איבר אנאנדר הייסט איין רעכטיר קניפ אפילו עש איז ניט גימאכט גיווארין אזו צו בלייבין : אונ דר וואש מאכט איין קניפ ער זאל אזו בלייבין איבר שבת אודר ער מאכט אפילו נאר איין קניפ אן איין שטריק אודר אין איין שנירל איז ער אויך חייב : אזו אויך איז ער חייב אויפן אויף קניפן אזו וויא צו קניפין : איין קניפ מיט איין שלייף אין צווייא שנירליך איז מותר : אבר אן איין שנירל איז אסור: ווען אייגם האט זיך פר קניפט דיא העמד מאג ער זיא אויף קניפן : דען דאש הייסט איין צער אז ער זאלט עש ניט אויף קניפן · אזו אויך ווען אייגם האט זיך ארויש גיצויגן איין שנירל פון איין שיך מאג ער עש אריין ציהן אוב ער דארף קיין פיל טירחא ניט האבין דער צו אבר אז ער דארף יוא האבין פיל טירחא דער צו איז אסור : דען טאמיר וועט ער עש פאר קניפן : אז דיא וועשרין האט צום הויף גיקניפט ווייס גרעט מאג מען עש אויף קניפן : אבר אז עש איז נאך פון דער גייא אזו צום הויף גיקניפט פון דער גיטארין אודר איין שיסטר וואש האט צום הויף גיקניפט איין פאר שיך טאר מען זיא ניט אויף קניפן : עש איז

איז מותר אן צו גיסן אין עמיר מיט אין שנירל דער מיט וואשר צו שעפן : אבער ניט מיט אין גארטיל אודר מיט אין שטריק : דען איך האב מורא טאמיר וועט עש אזו בלייבן : אבער מיט אין שליף איז דער מיט אויך מותר :

## קמט דיני המבשל בשבת

דער וואש קאכט אום שבת טאר ער דער פון קיין הנאה ניט האבן : אז וויא איך וועל דא בשיידן דער וואש קאכט אודר ער טוט אנאנדרי מלאכה אום שבת (במזיד) מיט ווילג גערין טאר ער דער פון קיין מאל קיין הנאה האבן אבר אנדרי לייט מעגן דער פון הנאה האבן נאך שבת : אבר זייא דארפן וואטין אזו לאנג ביז דיא זאך וואלט שוין גיקענט גיטאן ווערן נאך שבת : טוט ער עש (בשוגג) דאש ער האט פאר געסין אז עש איז שבת : אודר ער האט גימיינט דאש איז קיין מלאכה ניט : טאר קיינר דער פון קיין הנאה ניט האבן אום שבת · אבר נאך שבת מאג ער זעלבסט אויך הנאה האבן דער פון : נאר מען דארף וואטין וויא אויבן שטייט : אונ אפילו איינר הייסט אינואינו יהודי אין מלאכה טאן טאר מען אויך דער פון קיין הנאה ניט האבן ביז נאך שבת : ווען איינר האט גיקוליט אין הן פון אקראנקן ווענן מאג איין גיזונטר אויך עסן דער פון · אבר אז אפילו אין אינו יהודי האט גיקאכט אודר ער האט אפ גריסן פירות פון אקראנקן ווענן טאר קיין גיזונטר דער פון קיין הנאה ניט האבן : דען איך האב מורא טאמיר וועט ער מער קאכן אודר אפ רייסן פון זיינט וועגן : אונ אזו וויא מיטאר ניט קאכן ביא דעם פייאר : אזו אויך טאר מען ניט קאכן ביא דעם וואש איז דער היצט גיווארן פון פייאר : מיטאר ניט אריין לייגן בראטן איין איי אין אהייסן טאפ אודר אין אין הייסן טוך אפילו עש איז דער היצט גיווארן פון דער זון : אבר אויף דער זון זעלבסט מעג מען עש יוא בראטן אודר וואשיר צו ווארמן :

אין גיקעכץ וואש איז קאלט גיווארן · איז עש אסור צו שטעלן לעבן פייאר : וויל עש וועט זיך בעסיר איין פרעגלן : סיידן אז עש איז שוין פריר רעכט גיקאכט גיוועזן אונ עש איז נאך אביסל ווארים אונ עש איז קיין יאך אויך ניטא דרינן : אזו וועט זיך דאש פרעגלן ארגיר מאכן · דא איז עש מותר צו שטעלן פון וויטן ביא דעם פייאר אויף אזו אין אורט וואש זאל ניט קענן זידן אבר עש מעג אזו הייס ווערן ביז מיזאל קיין פינגר ניט קענן איין האלטין דרינן : אבר וויא באלד עש פעלט אין זאך פון דעם אלים איז אסור : אויך טאר מען קיין הייס וואשיר ניט גיסן אויף אין דארט עסין ווארג אודר אויף גיזאלצני הערינג : אויך ווען מען האט צו שיטן ברויט דרויף ארויף צו גיסן יאך : טאר די יאך ניט זיין אזו הייס אז מיזאל קיין פינגר דרינן ניט קענן אין האלטין : אין טאפ וואש שטייט אויפן פייאר טאר מען אויף אים ניט ארויף שטעלן אנאנדר טאפ מיט גיקעכץ צו ווארמן : אבר אז ער שטייט נאר לעבן פייאר מאג מען אויף אים יוא ארויף שטעלן אזו אין טאפ מיט גיקעכץ וואש איז נאך ניט גאר קאלט גיווארן : אזו אין גיקעכץ וואש איז נאך הייס אז מיקען קיין פינגר ניט האלטין דרינן טאר מען דרינן קיין בשמים אונ קיין זאלץ ניט אריין שיטן אויך טאר מען ניט אריין לייגן קיין בשמים אודר זאלץ אין אין שיסל אריין אונ דרויף ארויף צו גיסן דש הייסי גיקעכץ : אויך טאר מען ניט אריין גיסן קיין קאלטי וואשיר אין ווארימי עש זאל ווארים ווערן : אבר ווארימי אין קאלטי איז מותר : אין קעסיל וואש הענגט ניט איבר דעם פייאר אונ ער איז נאך הייס מאג מען אין אים אריין גיסן פיל קאלט וואשיר מיט אמאל : אבר אז ער הענגט איבר דעם פייאר איז אסור : ווען עש שטייט ווארים וואשיר אין אין כלי אונ עש איז ניט דרינן גיווארימט גיווארן : מאג מען דרינן אריין שטעלן ווין אודר ביר אודר וואשיר עש זאל ווארים ווערן : אויך מעג מען שטעלן אין קאלט גיטראנק אודר עסן שפייז ביא דעם פייאר : אבר ער טאר עש ניט שטעלן אויף אזו אין אורט וואש קען דארט הייס ווערן ביז מיוועט קיין פינגר דרינן ניט קענן אין האלטין : אפילו ער וויל עש באלד אוועק נעמן אודר ער וויל אכטינג געבן עש זאל ניט הייס ווערן איז דאך אסור : דען איך האב מורא טאמיר וועט ער פאר געסן : אודר ער וועט מחלל שבת זיין ח״ו : דרום מאג מען אריין שטעלן דעם טשאלינט אין אויבן אריין צו דער האלטין זיין היץ : אבר ניט אויף אזו אין אורט וואש וועט הייסר ווערן :

אין פלאדין אפילו ער איז שוין קאלט מאג מען אים שטעלן ביא דעם פייאר ער זאל אביסל דער ווארימט ווערן : אבר ניט אזו נאהונט

מאהינט ער זאל זיך קענין באקן : אין גיקעכץ וואש איז דרינן פאר האנדין זאך שטייט דאך. אויבן אז עש איז אסור עש צו שטעלין לעבין פייאר : אבר אז ער האט אורחים בייא זיך אודר אנאנדר דבר צורך מאג ער שטעלין לעבין פייאר ביז עש זאל אזו היים ווערין אז מיזאל קיין פינגר ניט קענין איין האלטין דרינן : איין טאפ וואש שטייט בייא דעם פייאר טאר מען אויף אים ניט ארויף שטעלין קיין אנדר טאפ מיט גיקעכץ : אויב עש קען אויך דעם אורט אזו היים ווערין אז מיזאל קיין פינגר ניט קענין איין האלטין דרינן : אונ אויב ניט איז מותר : דער וואש מישט אונטר דאש גיקעכין אין טאפ מיט איין לעפיל : אונ דער טאפ איז נאך היים איז גליך ווייא ער קאכט : אונ דער וואש טוט דאש איז חייב : דרום טאר מען ניט ארויש נעמין פון איין טאפ אודר פון איין פאן מיט אלעפיל : נאר ער מוז עש אין גאנצין אויש גיסין אין שיסל ארייו : סיידין עש איז קאלט אודר רעכט גיקאכט דאש מען דארף עש ניט אונטר מישין : איין גיבראטינש אודר איין פלאדין וואש שטייט בייא דעם פייאר מאר מען אים ניט שמירין מיט שמאלץ אפילו עש איז שוין גוט איין גיבראטין :

### קמט דיני הבורר בשבת

דער וואש קלויבט אויש דיא גוטי עסין שפייז פון דיא שלעכטי אום שבת איז ער חייב : דרום דער וואש האט פאר זיך צווייא ארלייא עסין שפייז טאר ער ניט אויש קלויבין איינש פון דעם אנדרין סיידין ער וויל נאר עסין איינש דער פון אויף דער זעלביגר סעודה : אבר עש איז אסור אויש צו קלויבין אוף אנאנדרי סעודה : ווען איינר האט פאר זיך צווייא ארלייא מינים גים אונ מאנדלין אודר קערשין אודר בארין אודר אנדרי צווייא מינים : אונ ער וואלט גערין נאר איין מין פון זיא גיגעסין : מאג ער וואל איינש ארויש נעמין מיט זיין האנט אונ זאל עש באלד עסין צווייא ארלייא פיש האט אויך דעם דין אין זיך פון צווייא מינים אפילו זייא וועגין אייטל גרושי שטיקר טאר מען אלש ניט אויש קלויבין סיידין מיט דער האנט דיא שטיקר פיש איז אלש איין מין דרום מעג מען וואול אויש קלויבין דיא גרושי אודר דיא קליני שטיקר דער וואש קלויבט אויש איין מין פון דעם אנדרין אונ ער וויל עש האלטין אויף דער אנדרר סעודה : דהיינו פון פרישטאג צו נאכט אויף שבת פריא אודר פון שבת פריא אויף שלש סעודות איז ער חייב : דער וואש קלויבט אויש דיא שלעכטי פון דיא גוטי אפילו מיט דר האנט אונ אפילו דאש גוטי איז פיל אונ דאש שלעכטי איז ווינציג נייא איז דאך אגרושי טירחא דאש גוטי ארויש צו קלויבין איז ער דאך חייב :

עש איז פאר האנדין איין מין ארבים וואש הייסט (תורמוסין) : אוישן דעם מין ארבים גפינט זיך שלעכטי וואש מאכין גוט

אונ זיס דיא גוטי : פון דעם מין טאר מען ניט אויש קלויבין דיא גוטי דען וויל דיא שלעכטי מאכין זייא גוט הייסט דאש דיא שלעכטי דיא זאנגין פון קארין טאר מען ניט צו רייבין מיט דער גאנצער האנט ווייא ער פלעגט מין אום דער וואכין נאר מיט צווייא פינגר : אויך איז אסור אראפ צו נעמין דאש גריני פון דיא נים : וויל מיקאן ווייא אז עסין אום גיטיילט : וואכין וואש זעגין צו ריבין גיווארין פאר שבת טאר מען ניט ארויש ווייאן דיא פלאווי אום שבת מיט איין כלי : נאר מיט דער האנט : עש איז אסור איין צו ווייקן ארבים אום שבת אז דיא שאליכין זאל אראפ : איין טיך מיט הייבין וואש זאייט זיך נאך פון פאר שבת טאר מען דרויף ניט ארויף גיסן נאך הייבין אום שבת : אבר מען מעג ארויף גיסן וואשיר דאש זייא זאלין לויטר ווערין : ווען עש גיפינט זיך פליגליך אודר אנאנדר זאך אין עפיש איין משקה מאג מען עש איבר זייאן דורך איין זיפ אודר דורך איין טיך אום שבת : אבר וואשיר טאר מען ניט זייאן דורך איין טיך דען ער וואשט זיא אויש : אויך אזו איין משקה וואש מיקאן זייא ניט טרינקין איבר דיא הייבין טאר מען זיא ניט איבר זייאן : אונ ווען ער זאייט עפיש איין משקה דורך איין טיך זאל ער גיווארינט זיין קיין גרוב ניט צו מאכין אין דער טיך : נאר ער זאל זייאן ווען זיך דיא גרוב ממילא מאכין : אונ אז ער זאייט דורך איין זיפ זאל ער גיווארינט זיין זיא צו האלטין איין (טפח) הויך פון דער כלי וואש ער זאייט דרינן :

ווייון אודר ביר וואש עש איז דרינן פאר האנדין הייבין טאר מען עש ניט אפ גיסן פון דער הייבין אום שבת דען עש הייסט גיקליבן נאר ער זאל עש אפ גיסן באמעליך אונ זאל אביסל איבר לאזין אין דיא הייבין : וואשיר וואש עש איז דרינן פאר האנדין ווערים מאג מען דיא טרינקין דורך איין טיך : דען דאש הייסט ניט ווייאיט גים מער דיא טיך האלט אויף דיא ווערים פון צו קומן אין זיין מויל ארין דער וואש שלאגט אויש פוטר אום שבת איז ער חייב דען ער קלויבט אויש דאש שלעכין פונם גיטש : אויך טאר ער ניט אפ הייבין דיא סמעטני דאש ער וויל עסין דיא זאויר מילך : נאר ער זאל אזו אראפ עסין דיא סמעטני פון אויבן : אויך טאר מען ניט אראפ נעמין דאש פעטש פון דער יאך מיט איין לעפיל אודר אפ צו גיסן אין אנאנדר כלי סיידין עש בלייבט איבר אביסל אין דער יאך : עש איז אסור צו שפייאן אויף איין ווינט : דען דער ווינט פאר טראגט דאש שפייאכין אזו איז גליך ווייא מען ווינט שויבלט :

### קנ דיני טחינה בשבת

עש איז אסור אויש צו קוועטשין אייל ביר אודר ווייין טרויבן אום שבת : אונ אפילו דער ווייין גייט פון זיך זעלבריש טאר מען דער פון ניט טרינקין דעם זעלביגן שבת : אפילו ער האט דיא פירות

אן גיגרייט צו עסין טאר ער אויך ניט טרינקן דעם וויין וואש איז אויש גילאפין דער פון : ווייל עש איז דער סדר וויין טרויבן אויש צו קוועטשין : אבר אזעלכי פירות וואש איז ניט דער סדר זייא אויש צו קוועטשין דהיינו מילגרוֹמן אוי׳ר אנדרי פירות איז מותר טרינקן דיא זאפט וואש גייט ארויש הער פון אום שבת : אבר מיטאר זייא ניט אויש קוועטשין נאר הוויזר ווי ליכש : אונ אזעלכי וויין טרויבן וואש רינן נאך פון פאר שבת אפילו זייא רינן אויך אצונד אום שבת מאג מען דער פון טרינקן : ווייל איטלכר טראפין וואש רינט ווערט בטל אין דעם פריגן : דיא אויש גיקוועטשטי וויין טרויבן וויזש מען ווייגט זייא אין צו מאכין עפיס איין משקה דער פון : אונ עש גיפונט זיך דריגן גאנצי קערנדליך אונ זייא רינן אויש אום שבת מאג מען טרינקן דער פון : אויך איז מותר אויש צו קוועטשין וויין טרויבן אין איין גיקעכץ אריין אום שבת עש גוט צו מאכין : עש איז מותר אויש צו קוועטשין עפיס איין שפייז : אויב ער דארף ניט די וואשיר וואש גייט ארויש דער פון : אבר אז ער דארף דיא וואשיר דער פון טאר ער עש ניט אויש קוועטשין סיידין אין אין גיקעכץ אריין שנייא אודר אייז טאר מען ניט מאכין צו גיין מיט דער האנט : אויך ניט צו ברעכין אויף קליינע שטיקליך עש זאל צו גיין אבר מיט איין כלי איז מותר צו ברעכין :

**אויך טאר מען עש ניט לייגן אויף דער זון אודר לעבין פייאר עש זאל צו גיין אונ בדיעבד אז מיהאט עש יוא גלייגט איז מותר צו טרונקין דיא וואשיר דער פון : דער וואש וואשט זיך אום שבת אום ווינטר זאל ער גיווארנט זיין ניט צו מאכין צו גיין אייז אודר שנייא מיט זייני הענט : אויך טאר ניט זיין קיין זאלץ אויף זייני הענט בשעת וואשין זיך דען דיא וואשיר ווערט עש מאכין צו גיין : אויך טאר מען קיין כלי ניט אויש וואשין אום שבת מיט קיין שום זאך : אונ דער וואש וואשט זיא אויש מיט זאלץ האט ער צוויא עבירות : אויך איז אסור משתין צו זיין אין שנייא אום שבת דען ער מאכט צו גיין : עש איז אסור צו פאר שטעקין איין פלעשיל מיט איין נאס טיכל : דען מען מאכט עש אויש קוועטשין : עש איז מותר אריין צו טאן זאפרן אין איין עסין עש זאל אשייני פארב בקומן : דער וואש עסט רוטי אודר שווארצי קערשין אום שבת אונ זייני הענט ווערין גיפארבט דער פון : טאר ער מיט זייא קיין טוך ניט אן רירין דען ער מאכט עש פארבין : אבר ברויט מאג ער אן רירין אונ מאג עש אפילו איין טינקן אין דיא קאדשין האטשי עש ווערט גיפארבט :**

## קכא כמה דינים משבת תולש טוחן תיקוני מאכל מעבר אופה ולש

ווען איינר האט גיפונדין ע׳ ־ויא אויף צו פאר ברענגן איז עש מוקצה : אונ מיטאר עש ניט מטלטל זיין אום שבת אבר אז ער האט עש אן גיגרייט פון פאר שבת צו געבין עסין זיין בהמה · איז עש ניט מוקצה · מיטאר ניט מאכין קיין זאלין וואשיר אום שבת : אויך איז אסור צו בזאלצין עטליכי שטיקליך רעטיך בנאנדר סיידין איינש רירט ניט אן דאש אנדרי אונ ער וויל עש עסין צו דער זעלביגה סעודה : אויך איז אסור צו בזאלצין גיקאכט פלייש אודר אייער סיידין ער וויל עש עסין צו דער זעלביגר סעודה : גיזאמטים ארבים מאג מען יוא בזאלצין אום שבת : עש איז אסור צו קלאפין זאלץ אודר פעפיר אין איין שטייסיל אום שבת : אבר אין איין שיסל מיט איין שטיל פון איין מעסיר אודר מיט אלעפיל איז מותר · עש איז מותר צו שניידין גיקאכט אודר גיבראטין פלייש אפילו אויף קליינע שטיקליך מיט איין מעסיר : אבר ניט מי · איין הק מעסיר · אויך איז אסור צו רייבין קעז אודר ברויט אויף איין ריב אייזין · אבר מיט דער האנט איז מותר צו ברעקלין : ווען איינר האלט שמעקנדיגי קרייטיכצר אין וואשיר מאג ער וואול הונטר גיסין פרושי וואשיר אבר ניט נאר אנדרי וואשיר אויך טאר מען ניט שניידין אום שבת קיין קרייטכצר אודר פירות אודר רעטיך אויף קליינע שטיקליך סיידין ער וויל עש עסין צו דער זעלביגר סעודה : אויך איז אסור צו נעמין דעם האניק פון דעם בין שטאק : אויך איז אסור צו קנעטין אום שבת : אויך איז אסור ארייך צו גיסן וויין אודר עסיק אודר ביר אין צו רייבנער קערנדליך דען עש הייסט גיקנעטין · אבר אז מיהאט פאר שבת דריגן ארין גיגאסין · מאג מען אום שבת נאך אריין גיסן · אויך מאג מען אריין גיסן וויין אודר עסיק אין איין שיסל אונ דער נאך אריין צו ווארפין דריגן דאש קערנדיל אונ מאג עש הונטר מישן מיטן פינגר · אבר ניט מיט איין מעסיר אודר מיט אלעפיל · אויך איז מותר איין עבין שפייז צו מאכין אין איין שיסל : אבר ניט פון קיין פרי · אויך איז אסור צו שיילין קנאביל אודר ציבלים : סיידין ער וויל עש עסין צו דער זעלביגר סעודה :

## קנב דיני נולד בשבת

אין איי וואש ווערט גילייגט אום שבת אודר יום טוב איז עש מוקצה: אונ מיטאר עש ניט מטלטל זיין:

אונ אז דאש איי איז פאר מישט געווארין אפילו צווישן טויזנט אייער זייגן אלי מוקצה: אבר מען מעג עש צו דעקין מיט אין כלי עש זאל ניט צו בראכן ווערין נאר ער זאל געווארנט זיין עש ניט צו רירין פון אורט: אונ אז יום טוב גיפאלט ערב שבת אודר זונטאג איז עש ביידי טעג אסור אונ אז מען מיט עש ארין אין איין גיקעכץ איז עש אסור צו עסין ביידי טעג: דאש אופס וואש פאלט אראפ קונם בוים אום שבת איז אויך אזו דער דין: קיין האלץ טאר מען ניט מטלטל זיין אפילו אקליין שפענדיל דיא ציין אויש צו מאכין: אבר איין שטרויא איז מותר אויך שמעקנדיגע האלץ מעל שבן שמעקנדיגי קרייטיכער מאג מען וואול מטלטל זיין אונ מען מעג אויך דער פון אפ ברעכין אודר אפ שניידין צו שמעקין דער פון אודר דר מיט אוועק צו טרייבן דיא פליגן עש איז אסור גורל צו ווארפין אום שבת: אונ מיטאר אפילו קיין אינו יהודי אויך ניט לאזין גורל ווארפין פון איין יהודי וועגין:

### קנג דין השאלה וקנין צרכי שבת והרחת כלי ותיקונן וטבילתן בשבת:

עש איז אסור צו קויפין אונ צו פאר קויפין אים שבת דרום אז איינר קויפט ווין אודר ביר ביא איין שענקר טאר אים דער שענקר ניט דער מאנין קיין געלט: אונ ער טאר אים ניט דער מאנין קיין מאס: וויא דען זאל ער טאן ער זאל זאגין צום שענקר גיב מיר דיא קאן פיל אודר האלב אזו וועט ער זיך שעמן אויך טאר ער ניט זאגין צו אים איך בין שולדיג איין גילדין גיב מיר נאך פאר איין גילדין: אזו וועל איך דיר שולדיג זיין צווייא גילדין: אפילו לייא וועגין מתיר צו דער מאנין איין מאס צום שענקיר: אבר ווער עש איז דרינן נזהר (תבא עליו ברכה):

עש איז מותר צו זאגין איין קרעמיר גיב מיר אזו פיל אייער אודר עפל אודר ניס: אבר מיטאר ניט זאגין גיב מיר פאר אזו פיל גראשין: דיא טרעגיר וואש טראגין פעסיר מיט ביר אודר ווין: זאלין זייא גיווארינט זיין זייא צו טראגין אום שבת דורך אין שינוי ניט וויא אים דר וואכן: עש איז מותר אפ צו וואשין דש גיפעס צום עסין מיט ווארים וואשיר וואש זייגן ניט גיווארימט גיווארין אום שבת אויך מעג מען עש וואשן אפילו פון איין סעודה אויף דער אנדירר: שענק כלים מאג מען אנאגצין טאג צום ווישן אונ אויש שווענקן:

עש איז אסור צו טובלין כלים אום שבת: אבר מען מעג זייא טובלין דורך איין ערמה דאש ער זאל גין מיט דר כלי אין מקוה ארין: אונ זאל דיא כלי אראפ שטעלן אין דעם וואשיר אונ זאל זיא אן פילן מיט וואשיר אונ זאל מיט דעם וואשיר עפיס גיצן חאטשי דיא הענט וואשין אודר ער זאל דיא כלי אוועק שענקן לאינו יהודי איבר שבת: אזו דארף עש קיין טבילה ניט האבין ביז נאך שבת עש איז אויך אסור אין כלי אויש צו רייבין מיט זאלץ אודר מיט זאמד אויך ניט מיט איין טיך דען ער מאכט זיא אויש קוועטשין: אבר מיט שטרויא אונ מיט היא איז מותר אויש צו רייבין:

## קנד דיני הבנת מאכל בהמה

עש איז מותר צו טראגין פאלווי צו זיין בהמה אין איין זיפ אום שבת: חאטשי עש זיפט זיך אויש דאש מיסט דר פון ווייל ער איז זיך ניט מכוין דער צו אבר בכוונה איז אסור אויך איז אסור צו לייגין דיא פאלווי פאר זיין בהמה אין דער הייך כדי דער ווינד זאל זיא אויש ווייאן עש איז אסור צו מעסטין דעם גערשטין אודר דעם האביר וואש ער שיט פר זיין בהמה עש איז אסור צו שניידין גראז פאר זיין בהמה: פירין זיא קען עפיש אנדירש ניט עסין אויך איז אסור צו שטאפין עופות אודר בהמות אום שבת עש איז מותר אין בהמה צו שטעלין אויף גראז אונ איך האב קיין מורא ניט ער וועט עש ארויש רייסין מיט זיין האנט פון הונגער איר אונ וועט עש איר געבין צו עסין אויך איז אסור צו נעמין עסין פון איין בהמה אונ צו שיטן פאר דער אנדריר בהמה אום שבת דען עש איז מיאוס פאר איר: אויך איז אסור איין זאלוב ריין צו מאכין אום שבת:

### קנה אינו יהודי שעשה מלאכה בעד ישראל

עש איז אסור צו געבין עפים איין זאך צו איין אינו יהודי צו טראגין אויש דעם עירוב אפילו עש איז זייגש דען דיא לייט וועלין מיינין עש איז דעם יהודיש אבר אז עש קען קומן

אין שנאה דער פון מאג מען אים וואל געבין : אויך איז מותר צו נעבין עסין שפייז צו איין אינו יהודי אויף דעם תנאי ער זאל עש עסין אין זיין הויז אפילו ער טראגט עש אויש דעם עירוב : איין קלייד פון איין אינו יהודי וואש ליגט במשכון ביא איין ישראל מאג מען עש אים אויש ביטין אויף אנדרר משכון אום שבת אויב ער טיט עש אן : דש ברויט וואש איין אינו יהודי האט גיבאקין אום שבת אסרין עש אטייל לייט אונ אטייל זענין עש מתיר דרום אז מיקען קיין אנדר ברויט ניט קריגן אויף איין סעודת מצוה איז עש מותר צו עבין: דאש אופס וואש איינאינו יהודי האט אפ גירוסין אום שבת איז עש אסור אפילו מטלטל צו זיין ביז נאך שבת אבר מיבארף ניט ווארטין נאך שבת ביז מזוואלט עש גיקענט אפ רייסין אונ אויב עש איז נאר אפילו איין ספק אויב ער האט אפ גירוסין פון איין יהודי וועגן אונ אפילו עש איז נאר איין ספק אויב ער האט עש ניט אפ גירוסין נאך פאר שבת דארף מען ווארטין ביז נאך שבת :

איין אינו יהודי וואש האט גיבראכט צו איין יהודי אום שבת אזו איין זאך וואש איך האב קיין מורא ניט דאש ער האט עש הינט אפ גירוסן אודר גיפאנגין נאר איך האב מורא טאמיר האט ער גיבראכט אויש דעם תחום : איז דער דין אזו האט ער עש גיבראכט פון זיינט וועגין אודר פון אנאנדרן אינו יהודי וועגין איז עש מותר צו עסין אונ אויב ער האט עש גיבראכט פון איין יהודי וועגן טאר עש דער זעלביגר יהודי ניט עסין ביז נאך שבת אזו לאנג אז מע וואלט עש גיקענט ברענגן אויש דעם תחום אונ אנאנדרר יהודי מעג עש עסין אפילו אום שבת אונ אויב עש איז איין ספק אויב ער האט עש גיבראכט אויש דעם תחום איז אויך אסור · דאש איז אלש גירעט גיווארין פון אזו איין אינו יהודי וואש וואנט ניט מיט אים אין איין שטאט אונ דיא זאך איז אויך ניט צו קריגן אין דער שטאט : אבר אז ער וואוינט יא מיט אים אין איין שטאט · אונ דיא זאך איז אויך צו קריגן אין דער שטאט אונ ער ווייסט אויך אז ער האט דיא זאך ניט אפ גירוסן אודר גיפאנגין אום שבת · איז עש מותר צו עסין: ווען איין אינו יהודי ברענגט אויש דעם עירוב ברויט אודר ביר אי אטייל מדינות האלט מען עש פאר איין איסור אבר אין אונזרי מדינות האלט מען פאר איין היתר אפילו אים עש צו הייסין ברענגין פון אורחים וועגין · אודר אויף א סעודה : איין אינו יהודי וואש טיט אמלאכה אודר ער צינד אן אליכט אום שבת פון איין יהודי וועגין טאר ער דער פון קיין הנאה ניט האבין אבר פון איין סעודת מצוה וועגין איז מותר · אונ מיר האלטין דיא סעודה פון שבת אויך פאר איין סעודת מצוה :

## קנו דיני רחיצה בשבת

עש איז אסור אום שבת זיך . באדין אודר צו גיסין אויף זיך ווארים וואשר וואש זענין אפילו גיוואדימט גיווארין פאר שבת אבר זיין פנים אונ הענט אונ פיס מאג מען יוא אפ וואשין אין דעם וואשיר · אונ אין קאלט וואשיר מאג מען זיך יוא באדין · אונ ווער עש באד זיך אין טייך זאל ער גיווארינט זיין ניט צו גיין פיר איילן פונם טייך ביז דיא וואשיר ווערט אפ גיטרוקנט פון אים : אין איין ווארים באד וואש לויפט אויף דער ערד איז זיך מותר צו באדין אבר אין אביטיל איז אסור מכ״ש אז עש שטייט אין איין חדר אודר אין הויז אויך איז אסור אפילו אריין צו גיין אין איין שוויץ באד אום שבת · דער וואש האט זיך בגאסין מיט קאלט וואשיר אודר ער האט זיך גיוואשין טאר ער זיך ניט ווארמין לעבן פייאר אז דיא וואשיר זאלין ווארים ווערין אויף אים · אויך דער וואש האט זייני הענט דער ווארימט ביא דעם פייאר טאר ער אויף זיא ניט גיסן קיין קאלט וואשיר עש איז אסור צו וואשין דיא הענט אום שבת מיט זייף אודר זאלץ אודר חלב אודר מיט פעטי זאכין אבר מיט קלייאן איז מותר איין באד וואש מיהאט זיא גיהייצט אום שבת פון איין אינו יהודי וועגין מאג איין יהודי אריין גיין דרינן תיכף נאך שבת · אבר אז מיהאט זיא אויך גיהייצט פון איין יהודי וועגין מוז מען ווארטין נאך שבת ביז מזוואלט זיא גיקענט אויש הייצין ·

## קנה דיני סיכה בשבת

עש איז אסור זיך צו שמירין מיט אייל אודר מיט אלש וואש גיהער צו איין רפואה : דען עש איז אסור איין רפואה צו טאן אום שבת סיידין צו איין מסוכן אזוי וויא איך וועל דא בשיידין ווען איינם טיט עפיש וויא אונ ווייטר איז ער פריש אונ גיזונד אין גאנצין גוף טאר מען אפילו קיין אינו יהודי ניט הייסין אים ארפואה צו טאן · אבר צו איין קראנקין וואש איז מסוכן דאש אז מיוועט אים דיא רפואה ניט טאן וועט ער שטארבין אודר ער וועט ארגיר קראנק ווערין : איז אגרושי מצוה אפילו מחלל שבת זיין איבו רפואות צו טאן : אונ ווער עש איז דרינן גיווארינט אונ טיט אים אייןרפואה אום גיפרעגט איז ער גילויבט · אונ ווער עש טיט עש ניט אום גיפרעגט איז ער איין (מין) · דאש ער גלויבט ניט אין דעם וואש דיא חכמים האבן גישריבן · אונ ער טיט איין עבירה הונטר ווייליכש אונ דיא גמרא זאגט אז דער זעלביגר מענטש איז גלייך וויא ער וואלט איין רציחה גיטאן · אונ דער רב חאש לאזט זיך פרעגין אזוי איין זאך איז ער מגונה : דען ער דארף עש אופט דרשנן אין אלי שילן דאש איטליכר זאל וויסן אז ווען עש איז איין נוט אונ מאן קען קיין אינו יהודי ניט קריגן אודר מען קען אים ניט באלד קריגן דארף מען ניט ווארטין נאר איין יהודי זאל עש תיכף טאן · אויך זאל מען

עס ניט לאזין טאן קיין עמי הארצים אודר ווייבער אודר קינדר דען זייא וועלין עס פאר לאזין · אונ וועלין ניט גלייבן אין (אמונת חכמים) נאר עס זאלין עס טאן קעסטליכי לייט לומדים אונ תלמידי חכמים אונ איטליכר מאג זיך האלטין פאר איין תלמיד חכם אין דער זאך · אבר אז אין דער ווייל וואש מען וועט ריפן דעם אינו יהודי וועט ער ניט קראנקיר ווערין · דארף מען וואול ווארטין אונ אז דר יהודי האט אן גיהויבן אונ עס איז גיקומן איין אינו יהודי זאל ער אים לאזין גומר זיין :

אלי דיא חולאת וואש איין מענטש האט אינווייניג אין זיין לייב אפילו ציין ווייטיג אויב ער ליגט נאר צו בעט דארף מען ניט ווארטין אויף איין אינו יהודי · אונ מען דארף ניט פרעגן קיין דאקטיר אודר בקי נאר מען מעג אים אלש טאן וויא אום דר וואכין אבר אז מען ווייסט דאש ער וועט ח״ו ניט קראנקיר ווערין ביז מיוועט ריפן איין אינו יהודי : אודר ביז נאך שבת · טאר מען ניט מחלל שבת זיין · אונ ווען ער האט איין אוישן ווייניגשטי קרענק דארף מען פרעגן איין דאקטיר · אודר אויב ער זעלבסט זאגט איך באדארף תיכף צו רפואות מעג מען מחלל שבת זיין פון זיינט וועגין · ווען צווייא דאקטורים זאגין ער דארף תיכף · אונ אנדרי הונדרט דאקטורים זאגין ער דארף ניט איז מען דאך מחלל שבת : פון זיינט וועגין דען דיא דעה פון צווייא איז גלייך וויא פון הונדרט · אונ אז ער זעלבסט זאגט ער דארף תיכף · אפילו איין דאקטיר זאגט ער דארף ניט · אודר אז ער מיט איין דאקטיר זאגין ער דארף תיכף · אונ אפילו אנדרי הונדרט דאקטורים זאגין ער דארף ניט : איז מען דאך מחלל שבת פון זיינט וועגין · אבר אז ער זעלברט זאגט ער דארף תיכף : אונ צווייא דאקטורים זאגין ער דארף ניט · גייט מען נאך דעם רוב נאך :

דאש ווילד פלייש פון דיא פינגר טאר מען ניט אפ רייסין אודר אפ שניידין אום שבת : דעם וואש טיאן וויא דיא ציין מאג ער זייא שווייקן מיט עסיג : אבר ער דארף אים אראפ שלינגין דעם וואש זיין האלז טוט וויא מאג ער וואול אראפ שלינגין בוים אייל : אבר ניט הינדר אויש שפייאן : דער וואש קרעכצט מאג ער וואול זויגן מילך פון איין בהמה אום שבת : אבר ער טאר זיא ניט מעלקין אונ דיא מילך טרינקין : איין אשה טאר ניט אפ מעלקין מילעך אין איין כלי אריין פון איר קינד גיזונד וועגין : אבר זיא מאג וואול אפ מעלקין אויף דער ערד כדי דאש קינד זאל קענין דיא בריסט אנעמין אויך טאר זיא ניט מעלקין אויף אנאנדרן פון רפואה וועגין מען מאג וואול איין נעמין לאקריץ ואפט אודר אנדרי זיסי זאכין כדי ער זאל אגוט קול האבין : עס איז אסור זיך צו מאכין שפייאן דורך קרייטיכצר אפילו אום דער וואכין פיידין דאש עסין טוט אים ווייא : אבר אום שבת איז אז אויך אסור אבר ער מעג זיך צו האלטין בייא דעם האלז ביז ער שפייאט אויש : ווען איינים טוט וויא דער בויך מאג מען אים וואול שטעלין אויף זיין בויך איין כלי מיט לעבליך וואסיר ווען איינר האט זיך איבר גיטרונקן מאג מען אים שמירן זייני הענט אונ פיס מיט אייל אודר מיט זאלץ אום שבת : אזו איין כלי וואש מען מעג מכבטל זיין אום שבת מאג מען זיא שטעלין אויף איין אויג צו קילן : ווען איינם איז איין אויג ביין ארויש גירוקט גיווארין מאג מען אים פאריכטן אום שבת · ווען איינר האט זיך איין שניט גיטאן ביז דאש בלוט גייט טאר ער דרויף ניט לייגן קיין טיכול : דען עס ווערט גיפארבט : וויא דען זאל ער טאן ער זאל פריר דאש בלוט גיט אפ וואשין אודר שפין וועב לייגן דרויף : אונ אויף דעם דאש טיכל*) :

## קנס על מי מחללין השבת

**אלי** זאכין וואש הענגט דריגן בסכנות נפשות מאג מען דרויף מחלל שבת זיין : ווען עס איז איין שריפה ח״ו אפילו ניט אין זיין הויז מאג ער וואול לעשין אום שבת אז דאש פייאר זאל ניט ווייטר גיין : אונ דער וואש העלפט דער צו איז ער גילויבט אין דיא אויגן פון דיא חכמים · איין הויז וואש איז איין גיפאלין אונ עס איז אספק טאמיר איז אומנצר גיוועזן אינווייניג : דארף מען מחלל שבת זיין עש אויש צו רוימן : אונ אז מען גיפונט גיהרגיתי לייט דארף מען ווייטר רוימן טאמיר זענין דיא הונטרשטי נאך ניט טויט : אונ אפילו מען גיפונט דיא הונטרשטי אויך טויט : דארף מען רוימן ביז זייערי נאז לעכיר : טאמיר איז נאך פאר האנדין עפים אטום אין זייא אונ אז זייא האבן שוין קיין אטום ניט טאר מען שוין ווייטר ניט ארבטין : דעסט גלייכין ווען איינר איז אין אנאנדרי סכנה איז מען אים מחויב מציל צו זיין : אונ אפילו עס קענין אים מציל זיין עטליכי לייט אונ עיש זענין זיך מתעסק דר צו הונדרט לייט איז דאך די מצוה פון אלי זייער גרויש :

## קנס דיני יולדת בשבת

**איין** קינד בעטרן איז גלייך וויא איין קראנקיר וואש איז מסוכן : אונ מען איז מחויב מחלל שבת זיין פון אירט וועגין צו אלי זאכין וואש זיא בדארף · מען מעג איר ריפן איין באבי אפילו אויש דעם תחום : מען מעג איר אן צינדן איין ליכט : אפילו זיא איז אבלינדי דען עס איז איר איין נחת רוח אז אנדרי וועלין זעהן זיך מתעבק צו זיין מיט איר : אבר אלי זאכין דארף מען טון דורך איין שינוי : עש זענין דרייא אידלייא קינד בעטרינש : דאש ערשטי אז זיא גייט צו קינד : דאש אנדרי אז דאש דם נדה הייבט אן פון איר צו רינן דאש דריטי אז זיא קען ניט ארום גיין ביז מען מוז זיא טראגין הונטר דער ארים : אויף איינש פון דיא אלי איז מען מחלל שבת : דיא ערשטי

*) דאָס אַלֶי ענינים דאַרף מען פרעגן איין דאָקטער

דרייא

דרייא טאג פון איר גילעגין ווערין איז מען מחלל שבת. פון אירנט וועגין אפילו זיא זאגט איך דארף עש ניט-סונס דריטן ביז דעם זיבטן טאג אז זיא זאגט איך דארף ניט איז מען ניט מחלל שבת: אבר אז זיא שווייגט איז מען יוא מחלל שבת אבר פונם זיבנטן ביז דעם דרייסיגטין טאג איז זיא אז וויא איין חולה וואש איז ניט מסוכן אונ מען מעג הייסין איין אינו יהודי טין אלי אירי בדערפניש: איין קינד וואש איז גיבארין גיווארין צו ניין אודר צו זיבן חדשים מאג מען מחלל שבת זיין פון זיינט וועגין:

## קס דיני מילה בשבת

מען מאג מחלל שבת זיין פון וועגין דעם ברית מילה מיט אלי זאכין: אבר אז עש איז איין ספק אויב ער איז גיבארין גיווארין אום פרייטאג דהיינו ער איז גיבארין גיווארין פרייטאג פאר נאכט: אודר עש איז איין ספק אויב עש איז איין צייטיג קינד איז מען עש ערשט מל אום זונטאג: אונ מיטאר ניט מחלל שבת זיין פון אספק וועגין: פאר דער מילה מעג מען באדין דש קינד מיט וואריס וואשיר וואש זענין גיווארימט גיווארין אום שבת: אבר דאש באדין וואש נאך דער מילה דארף מען ווארטין ביז נאך שבת: אויב עש דארף ניט דער צו: ווען איין בהמה איז חולי מאג מען הייסין איין אינו יהודי איר בלוט צו שלאגין: (קסא) ווען מען ברענגט איינם איין פאס מיט וויין אודר ביר טאר ער עש ניט אראפ נעמין פונם וואגין אום שבת: סיידין ער דארף עש צו איין סעודת מצוה: אודר פון אורחים וועגין:

(קסג) ווען איינר האט אויש גישיט איין קארב מיט אופס אין זיין הויז איז דאש אופס גיפאלין אויף איין אורט מאג ער עש ווידר אריין לייגין אין קארב אריין: אבר אז עש איז פאר שפרייט גיווארין: אודר עש איז גיפאלין אויף איין דבר מוקצה: טאר מען עש ניט צום אויף קלויבין אין קארב אריין: נאר ער זאל עש אויף קלויבין איינציג ווייס אונ תיכף אויף עסין:

קסד עש איז אסור ארויף צו קריכן אויף איין בוים אום שבת: אונ מיטאר ניט ניצן מיט קיין שום זאך וואש איז בהעפט אין דער ערד ווען איינר האט עפיס גילייגט אויף איין בוים ערב שבת טאר מען עש ניט אראפ נעמין אום שבת: אפילו ער דארף דרויף ניט קריכן: עש איז מותר צו גיין אום שבת אויף גראז אודר אויף קרייטיכציר: ווייל ער איז זיך דאך ניט מכוין עש אויש צו רייסין: דיא לייט וואש עסין אין גערטניר אום שבת: זאלין זייא גיווארינט זיין ניט צו גיסן קיין וואשיר אויף דעם גראז אודר קרייטיכצר אבר מען מאג וואול משתין זיין אויף דיא קרייטיכצר דען עש מאכט עש בריה: מיזאל גיווארינט זיין ניט צו ווארפין תבואה פאר דיא עופות אויף איין פייכט אורט. אום שבת דען עש וועט ח"ו וואקסין: אונ זאל זייא מיין ניט ווארפין נאר וואש זייא קענין אוף עסין דעם זעלביגן טאג: קרייטיכציר וגאש וואקסין אין איין כלי טאר מען זייא אויך ניט אפ רייסין אום שבת: איין צווייג מיט אופס וואש מיהאט זיא אפ גירוסן פאר שבת מאג מען וואול אפ רייסין דאש אופס דער פון אום שבת: איין רינע וואש איז פאר שטאפט גיווארין: אונ עש גייט איין רעגין: אונ דיא וואשיר גייט איבר אונ טיט אים שאדין אין זיין הויז: מאג ער זיא אויש מאכין מיטען פיס אים שבת אבר ניט מיט איין האלץ עש איז אסור צו שמעקין דאש אופס וואש הענגט נאך אויפן בוים טאמיר וועט ער עש ח"ו אפ רייסין: עש איז אסור צו גיסן וואשיר אויף איין זאמין: וואול שמעקידיגי קרייטיכן וואש ליגן אין וואשיר: מאג מען זייא ארויש נעמין צו שמעקין אונ ווידר אריין לייגין: אוין: מעג מען הונטר גיסן נאך וואשיר אבר ניט גאר אנדרי וואשיר: דער וואש רייסט אפ אופס פון איין בוים וואש שטייט נאך אין דער ערד אפילו עש איז שוין דאר וואש עש וואלט שוין ניט גיקענט בלייבין אפילו איין שעה אויפן בוים איז ער דאך חייב: עש איז מותר איין בוים אן צו רירין: אבר ער זאל זייער אונ זייער גיווארינט זיין אים ניט צו שאקלין: איין ברונן וואש איז זייער טיף מאג מען אריין קלעטרן וואשיר אן צו שעפין: אונ איך האב קיין מורא ניט טאמיר וועט זיך דיא ערד אפ שיטן:

### קסה דין כיבוד הבית ודבר שאינו מתכוין

אלי זאכין וואש דער מענטש איז זיך ניט מכוין דער צו איז מותר צו טאן אום שבת: דרום מאג מען וואול שלעפין אויף דער ערד איין טיש אודר אנאנדר זאך אפילו מען מאכט דער מיט איין גריב אין דער ערד דען מען איז זיך ניט מכוין דער צו: עש איז מותר צו גיסן וואשיר אויף דער ערד כדי דער שטויב זאל בלייבין ליגן: עש איז אסור אויש צו קערין איין הויז אודר איין שטיב מיט איין בעזם אום שבת: אפילו עש איז גיפלאסטירט: אבר איין אינו יהודי מאג מען וואול הייסין אויש קערין מיט איין פלעדיר וויש מאג איין יהודי אויך אויש קערין: עש איז אסור צו וואשין אודר אויש צו גלייכין דיא ערד: אויך איז אסור צו קאטשין אויף דער ערד אשווער פאס דען זיא פאר גלייכט דיא ערד חאטשי ער איז זיך דאך ניט מכוין דרויף דען עש וועט בודאי פאר גלייכין דרום איז אסור:

### קסו השמעת קול בשבת

**עש איז אסור צו לאזין הערין איין קול אום שבת מיט איין כלי זמר אודר מיט אלש וואש איז גימאכט גיווארין אויף איין קול וועגין דרום טאר מען ניט קלאפין אין איין טיר מיט אזו איין אייזין וואש איז דער צו גימאכט גיווארין אויך איז אסור צו קלינגן מיט איין גלאק אוך דר שמש טאר**

ניגן

ניט קלאפן אין שיל אריין אום שבת מיט זיין האמיר אבער עש איז מותר צו בשטעלן איין אינו יהודי פאר שבת ער זאל שפילן אויף איין חתונה גאנץ שבת ווען עש ליגט ביא איינם אין הויז אופם אודר אפילו וואש מוקצה איז דהיינו ציגל אונ עש ווערט בליה מאג מען עש וואול צו דעקן מיט אזו איין זאך וואש מען מעג מטלטל זיין ווען איים רינט אריין אין זיין הויז רעגן אודר שניא מאג ער הונטר שטעלן כלים: אונ אז זיא ווערן פיל מאג ער זיא אויש גיסן אונ ווידר הונטר שטעלן: (קמז) עש איז אסור צו ריטן אויף איין פערד אודר צו פארן אין איין וואגן אום שבת · אויך איז אסור צו שווימן אונ אריין צו גיין אין איין שיף אבער אז ער איז שוין אין דער שיף פון פאר שבת מאג ער אין איר בלייבן אפילו זיא פארט אום שבת: אז עש איז איין חופה אום פרייטאג פר נאכט זאל מען גיווארינט זיין ניט מחלל שבת צו זיין פאר גרויש שמחה · דער וואש נעמט איין (אלמנה) אודר איין (גרושה) טאר ער ניט ליגן ביא איר דאש ערשטי מאל אום שבת אבער איין בתולה איז מותר · דיא שפענדליך וואש שווימן אויבן וואשיר טאר מען זיא ניט ווארפן אהין אונ אהער דיא וואשיר לויטר צו מאכן איין שיף וואש שטייט אויף דער ערד אודר אפילו זיא שווימט אויבן וואשיר נאר זיא איז אן גיהעפט ביא דעם בארג מאג מען אריין גיין אין איר אום שבת:

## קמח דיני עירוב בשבת

ווען צווייא יהודים וואונן אין איין הויף: אודר אין איין גאס אסרת איינר אויפן אנדרן צו טראגן אן איין עירוב ווען איין יהודי וואונט אין אזו איין שטאט וואש זיא האט איין עירוב איין מויאר אודר איין צאם אודר איין גראבן צעהן טפחים טיף ארום אונ ארום אזו איז גלייך אז וויא דיא גאנצי שטאט איז אין זיין רשות אבער אז צווייא יהודים וואונן העלפט דער עירוב ניט ביז זיא מוזן אפ קופן דאש וואוניג פון דיא אינו יהודים זייער רשות אפילו פאר איין שילינגר דאש זיא זאלן רשות געבן צו טראגן אפילו אז מען קויפט דעם רשות פון דעם שר אודר שופט איז גלייך וויא די הייזר זענין אין דיא יהודיש רשות אויך ווען דיא יהודים דינגן דעם רשות פונם אינו יהודי אודר אפילו פון זיין קנעכט אודר דינסט · אונ דער עירוב העלפט ניט אנדרש סיידן זייא מאכן אין איין גאס אודר אין איין הויף אונ מיקען דעם טראגן צו מאכן ביא נאכט אפילו מען מאכט אים ניט צו הערן אויך אבער אז זיא וואונן אין איין אופני גאס העלפט דער עירוב אויך ניט ביז מען מוז ליגן איין באלקן איבר דער גאס פון איין וואנט צו דער אנדרר אויף בידי זייטן: אודר מען שטעלט צווייא העלצר ביא דיא ווענט פון דיא הייזר: אונ מען קיפט צו דרויף איין שנירל פון איין וואנט צו דער אנדרר · אזו ווייזט זיך עש וויא איין טיר אפילו עש איז זייער הויך*):

אונ דער עירוב מוז אזו גימאכט ווערן מען נעמט אויש אביסל מעל פון איטליכן בעל הבית אונ מען באקט דער פון איין ברויט: אונ מען מאכט איין ברכה (ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות עירוב) אונ אז מיהאט פאר געסן צו מאכן דיא ברכה שאט עש אויך ניט דער מנהג איז מען ליגט דעם עירוב אין שיל אריין דער (עירוב) מוז זיין איין גאנץ ברויט אונ אז עש ווערט צו בראכן אודר פאר שימלט איז עש שוין פסול דרום איז דער מנהג דאש מען מאכט איין מצה אום ערב פסח אונ מען הענגט זיא אויף אין שיל ווען איינר האט ניט גיגעבן צו דעם עירוב דא אסרת ער אויף דיא אנדרי ביז ער מוז מבטל זיין זיין רשות דאש ער זאל אזו זאגן דא בין איך מבטל מיין רשות אונ שענק איך מיין הויז אויף איבר שבת דרום איז דער מנהג אין דיא גרושי שטעט וויל עש קומן צו אלי וואך נייאי חדרים מאכט מען אלי פרייטאג איין עירוב אונ דער וואש וויל אגרושי מצוה טאן זאל ער אלי פרייטאג נעמן איין גאנץ ברויט: אונ זאל זאגן צו זיין חבר דיא (ראובן) אודר שמעון) דא גיב איך דיר דאש ברויט זיא עש זוכה פאר כל הקהל: דען מיט דעם ברויט בין איך מזכה כל הקהל זיא זאלן אלי דרינן איין חלק האבן אונ דאש זאל זיין דער עירוב פאר זיא אלי אונ וויא באלד ער גיט עש אים אין דער האנט אריין זאל ער מאכן די ברכה אורחים וואש קומן צו פארין אונ דינגן זיך איין ארבריג אסרין זיא ניט אויף דיא בעלי בתים · סיידן זייא האבן בריעה דארטן צו בלייבן דרייסיג טאג אבער דיא יהודים וואש פארין אויף איין יארד אונ דינגן זיך ארבריגן אויף אזעלכי ערטר וואש וואונין ניט קיין יהודים אסרין זייא איינר אופן אנדרן: אונ אז מען מאכט אלי שבת איין נייאם עירוב איז איין מצוה מיזאל שבת פריא דריבר אברכה מאכן · איין



*) מחבר הויסט אוז מען זנגן ערלובניש צו החבין פון דעם רובקיים

קראם אדר אין אנדרשר אכרת אויך אפילו זיא געבין צום עירוב העלפט אויך ניט ביז מען מוז ביא זיא אפ קויפין אודר דינגן אונ אפילו זיא זענין נאר מבטל זייער רשות העלפט אויך : אויך ניט דווקא דער בעל הבית זעלבסט דארף געבין צום עירוב נאר אפילו אז עש ניט איינר פון בני בית איז אויך גינוג מיזאל זייער גיווארינט זיין אין דיא מצות וואש מרבנן בפרט אין דער מצוה פון עירוב דיא גמרא זאגט אז שלמה המלך מיט דיא סנהדרין האבין מתקן גיוועזן דיא מצוה פון דיא הענט וואשין אין פון עירוב איז אויש גיגאנגין איין בת קול פונם הימל (אם חכם בני ישמח לבי גם אני) דאש מיינט מען הקב״ה האט מסכים גיוועזן אויף זייערי קעסטליכי תקנות אונ דיא רבנן ז״ל האבין גיזאגט ווער עש איז עובר אויף דיא תקנות איז ער חייב דרום זאל מען זייער גיווארינט זיין דריגן אונ ניט גרינג האלטין :

## הלכות יום טוב

אלש וואש איז אסור אום שבת איז אויך אסור אום יום טוב נאר אום יום טוב איז מותר צו קאכין וואש מען דארף אויף דעם זעלבינן טאג : אונ אויך איז מותר ארויש צו טראגין פונם עירוב וואש מיבדארף עש איז אסור גיפעם צו וואשין אונ אפ צו קאכין פון איין טאג יום טוב אויפין אנדרין אבר מען מעג פיל אן קאכין וואש עש בלייבט איבר מאג מען וואול עסין דעם אנדרין טאג אין ליבט טאג מען וואול אן צינדן ביא טאג אויף ביא נאכט אויב מען האט דער פון ביא טאג אויך הנאה דיא לייט וואש זאגין מיר זועלין פיל אן קאכין אודר אן באקין כדי עש זאל איבר בלייבין אויפין אנדרין טאג יום טוב איז עש ניט רעכט : אויך איז אסור צו קאכין אין שום זאך פון יום טוב אויף שבת בידין מען מאכט אין (עירוב תבשילין) : ווען איינר וויל עפים קולין אום יום טוב איז ער מחויב אן צו גרייטין פון פאר יום טוב אש צו קולין דריגן : אונ צו צו דעקין דאש בלוט אונ אויך איין (חליף בודק זיין) אבר אז ער האט פר געסין מאג ער אים בודק זיין אום יום טוב אבר אז ער גיפונט אין אים איין טשעדב טאר ער אים ניט אויש שלייפין אום יום טוב : אויך אז ער האט פאר געסין אש אן צו גרייטין זאל ער נעמין ווארים אש : אזו אז ער האט ניט מאג ער נעמין קאלט אש : ווען איינר קולט איין עוף אום יום טוב טאר ער ניט אויש רייסין דיא פעדרין ארום האלז : דען עש איז

אין מלאכה נאר ער זאל צו נעמין דיא פעדרין איינש פונם אנדרין כדי ער זאל קענין קולין · דיא מילך וואש איז גימאלקין גיווארין אום יום טוב טאר מען זיא ניט ניצן דעם זעלבינן טאג : אבר מען מאג זיא וואול ניצן דעם אנדרין טאג : אבר אז יום טוב גיפאלט אום פרייטאג אודר אום זונטאג טאר מען אפילו ניט ניצן דיא מילך פון יום טוב אויף שבת · אודר פון שבת אויף יום טוב אין אי וואש איז גילייגט גיווארין אום שבת אודר אום יום טוב האט עש אויך דעם דין אין זיך : ניט מער דאש אי טאר מען ניט מטלטל זיין : אונ דיא מילך מאג מען יוא מטלטל זיין : אונ אז דאש אי איז פאר מישט גיווארין צווישין אנדרי אייער אפילו צווישין טויזנט זענין אלי אסור מטלטל צו זיין אונ אז מען טיט ארין איינש פון די אייער אין איין גיקעכין ארין איז עש אסור דעם זעלבינן טאג ווען מען קוילט איין הון אום יום טוב אונ מען גיפונט אין איר אפילו איין פארטיג איי מאג מען עש וואול ניצן אפילו אום יום טוב נאך שבת : עש איז אסור צו בעטין איין קראים צו זיך עסין אום יום טוב דען ער וועט בודאי מער קאכין פון זיינט וועגין : אבר אז ער קומט אז דאש עסין איז שוין פארטיג מאג מען אים וואול לאזין עסין · עש איז אויך מותר אים צו שיקין דורך אנאנדר קראים :

## דיני האש ביום טוב

עש איז אסור איין פייאר אויף צו שלאגין אודר צו פאר לעשין אום יום טוב · אבר מען מאג וואול נעמין איין ברענדיגי שטיק האלץ פון איין אורט אויפן אנדרין : אויך אזו איין האלץ וואש האט נאך ניט אן גיהויבין צו פלאמין מאג מען עש אוועק נעמין פונם פייאר : אוך איז אסור ארוש צו גיסן אייל פון איין ברענדיגן טיגל אין אנדרין דען ער מאכט דעם ערשטין אויש לעשין : אין באק אויבן וואש מען דארף אים אביכל צו צו לעשין מאג מען וואול איין נעזין אין בעזים אונ אים צו לעשין אפילו עש ווערין אויך צו גלאשין קויקן אבר ניט מיט איין טיך דען עש איז אסור איין טיך אין צו נעצין אום יום טוב טאמיר וועט ער זיא אויש קוועטשין : אויך איז מיתר דעם אויבן אויש צו קלעבין מיט ליים וואש איז נאך איין גיווייקט גיווארין פאר יום טוב : אבר אום יום טוב איז אסור איין צו וועקין איין נייאר אויבן אודר נייאי טעפ וואש זענין נאך ניט אויש גיזאטין גיווארין פאר יום טוב טאר מען דריגן ניט קאכין אודר באקין אום יום טוב : מעל איז אסור צו זיפן אום יום טוב : אבר אז זיא איז שוין גיזיפט פון פאר יום טוב : מאג מען זיא נאך אמאל זיפן אום

יום

ום טוב. שענר צו מאכן · אבר דורך איין שינוי נית וויא אום דער וואכן עש איז אסור מעל צו מעסטן אום יום טוב ::

ווען איין אשה קנעט איין טייג אום יום טוב. זאל זיא חלה נעמן אונ זאל זיא האלטן ביז נאך יום טוב דען אום יום טוב. טאר מען קיין חלה ניט פאר ברענין: איין אן גיפולטי הון וואש איז צו גיבייט גיווארין מיט איין פאדים: טאר מען אים ניט אפ שניידין אודר אפ לייזן אום יום טוב: אבר אם צו ברענין איז מותר: אויך איז אסור צו כשרן אודר אויש צו גליהן איין טריפה כלי אום יום טוב: אבר אז מיהאט גיבראטין טריפה פלייש אויף איין שפיז: מאג מען דיא שפיז אויש גליהן דרויף תיכף ווידר צו בראטין ווייל ער איז נאך הייס אז עש איז קאלט מאג מען איין הייצין אום יום טוב: עש איז אסור צו וואשן דאש גיפעס מיט איין טוך אום יום טוב: דען איך האב מורא מאמיר ווערט ער זיא אויש קוועטשין נאר מיט שטרויא אודר מיט הייא איז מותר: ווען דאש פייאר מאכט אים בליך ויינעסין דש דריבר שטינקט עש מיט רויך אונ עש איז דער צו קיין אנדר תקנה ניט פאר האנדין סיידין צו פאר לעשין: מאג ער עש אויש לעשין אין אויבן איין לאמפ פון אייל טאר מען ניט אוועק בייגין דעם אייל אונט קנייטיל: אויך טאר מען דאש קנייטיל ניט ארויש נעמין פון דעם לאמפ: אפילו צו לייגין אין אנאנדר לאמפ: אבר עש איז מותר נאך קנייטליך אריין צו לייגין אין דעם אייל כדי עש זאל גיך אויש ברענין: ווען איינר האט אן גיצונדן איין וועקסין ליכט אונ ער האט (חס) זיא זאל ניט אין גאנצין אויש ברענין: מאג ער וואול זיא ארום בינדן מיט אזו איין זאך אז עש ווערט קומן דער צו ווערט זיא פאר לאשן ווערין: אויך מאג ער זיא שטעלין אויף אזו איין אורט וואש דער ווינט איז גיווינטליך צו וויאן אבר אז דער ווינד ווייאט אצונד אויך טאר מען עש דארטין ניט שטעלין:

אום יום טוב צו סבורה מאג מען וואול אן צינדן ליכט אפילו אין דער היים: חאטשי דאש ליכט גיהער אויף ביא נאכט: ווייל מען האט דאך אצונד אויך הנאה דער פון: דיא דינים פון יום טוב ווען זייער פיל: נאר איך האב גישריבן צים קערצטין וואש ניציג איז אין אונזרי הייזיר: אזו וועל איך אויך שרייבן אטייל דינים פון הלכות חול המועד וואש ניציג איז אין אונזרי קהלות אונ הייזיר: (קינב) אם יום טוב גייט מען שפעט אין שיל אריין אונ מען זיצט דארטין ביז האלבין טאג: דען עש איז אמצוה צו טיילין דעם טאג פון יום טוב: איין הלבין טאג תורה צו לערנין אונ תפלה צו טאן: אונ דעם אנדרין האלבן טאג צו עסין אונ טרינקן אונ משמח צו זיין מיט שמחת יום טוב: עש זאל קיינר ניט קארגין אויף יום טוב אונ זאל אים מכבד זיין וועדליג זיין פאר מעג דען עש ווערט אים אלש בצאלט: עש איז אסור צו עסין פאר (אשר בחר בנו): כדי מיזאל פרייליך זיין אום יום טוב: אז שבת גיפאלט אום ערב יום טוב: מאג מען מקיים זיין שלש סעודות מיט אשטיקלי ברויט: אבר ניט פיל אי שלכר איז מחויב צו האבין וויין אויף קידוש אונ צוויא קיכן אויף (המוציא) אזו וויא אום שבת: דיא קליידר פון יום טוב זאלין אביסל בעסיר זיין פון דיא קליידר פון שבת: עש איז קיין חיוב ניט שלש סעודות צו מאכין אום יום טוב: איטליכר מענטש איז מחויב משמח צו זיין אום יום טוב. זיך אונ זיין ווייב אונ קינדר אונ אלי די וואש גיהערין צו זיין טיש · אונ ער זאל עסין גיט פלייש אונ גוטן וויין זיין ווייב זאל ער משמח זיין מיט שייני קליידר אונ צירונג: אונ זייני קינדר מיט זיסי פירות: אונ זאל אויך משמח זיין דעם גר דאש איז איין אויש לענדר דר איז עלינט: אונ דעם יתום אונ אלמנה:

אויך איז אגרושי מצוה משמח צו זיין דיא ארמי לייט: דרויף זאגט דער פסוק ווען דוא ביסט משמח דייני פיר דאש איז דיין ווייב אונ קינדר אונ קנעכט אונ דינסט מייד: דענמאלט ביסט אויך מחויב משמח צו זיין אנדרי פיר: דאש איז דער (גר) אונ (יתום) אונ (אלמנה) אונ (עניים) אויך זאל ער ח"ו ניט פרייליך זיין מיט נארישקייט נאר מיט גאטש פארכט: דאש מיר זענין מחויב פרייליך צו זיין ווייל גאט האט אונז גיגעבין על הר סיני איין תורה · אונ דאש מיר זאלין האלטין זייני מצות מיט פרייד אונ ניט פון אונזר דנאה וועגין: אונ זאלין זיין גאטש פארכטיג. אונ אויך איטליכר בעל תאוה דארף אכטונג גובין אויף זיין הויז גיזונד זייא זאלין ח"ו קיין עבירה ניט טאן: כדי אז כל ישראל זאלין זיין גאטש פארכטיג: אמן:

## קענ הלכות חול המועד

אום חול המועד זענין אטייל מלאכות אסור צו טאן אונ אטייל זענין מותר: דאש שטייט ניט בפירוש אין דער תורה: נאר דיא חכמים האבן עש בקבלה איינר פונם אנדרן ביז משה רבינו ע"ה האט עש מקבל גיוועזן פון הקב"ה אויפן בארג סיני: דער כלל דר פון איז אלי דיא מלאכות וואש קערין צו שמחת יום טוב איז מותר צו טאן אום חול המועד: מען מאג וואול חאפין פיש אודר חיות אודר עופות אויף יום טוב אבר איין נעץ מאכין דער צו איז אסור אויך איז מותר וויין צו קעלטרין: אבר איין קעלטיר מאכין דרויף איז אסור: אויך איז מותר צו קאכין אבר ניט קיין טעפ צו מאכין: מיטאר ניט בויאן אום חול המועד: אבר אזו איין וואנט וואש ווערט איין פאלין איבר יום טוב מאג מען זיא פאריכטן: אויך זיך ניט צו שערין: אויך ניט דיא נעגיל שניידין ניט פון דיא הענט אודר פון דיא פיס: סייא מיט איין מעסיר סייא מיט איין שער: אבר איין יונג קינד וואש האט זיך נאך קיין מאל ניט גישוארין מאג מען וואול שערין: איין אשה וואש דארף טבילה האבין מאג זיך שניידין אירי נעגיל אום חל המועד: עש איז זיך מותר צו באדין אונ צווא קעמין

קעמין האטשי מען רייסט אויש האר : אלי רפואות זענין מותר צו טאן אום חול המועד אפילו צו איין בהמה : אזו איין עסין שפייז וואש וועט טייאריר ווערין נאך יום טוב : מאג מען וואול קויפן אום חול המועד : אונ עש מותר איין צו זאלצין אפילו אויף נאך יום טוב אזו איין זאך וואש וועט כליה ווערין אז עש וועט איז שטיין איבר יום טוב מאג מען עש פארעכטן אום חול המועד : האנדלין איז אסור אום חול המועד : אבר אזו איין סחורה וואש ער וועט מוזן אן ווערין פונם (קרן) נאך יום טוב מאג ער וואל פאר קויפן אום חול המועד אבר פון רייוח וועגן איז אסור סיידין ער וויל דעם רייוח אויש געבין אויף שמחת יום טוב : אונ ער האט קיין אנדר געלט ניט :

אויך איין סחורה וואש וועט נאך יום טוב טייאריר ווערין מאג מען זיא קויפן אום חול המועד : אז איין יאריד גיפאלט אום חול המועד מאג מען וואול קויפן אונ פאר קויפן : אבר אין איין מארק טאג איז אסור : דיא קרעמיר וואש פאר קויפן בשמים אודר אופס אונ אלירלייא עסין שפייז מאגין זיא וואול פאר קויפן אום חול המועד דען איטליכר וייסט אז דאש איז פון יום טוב וועגין : עש איז אויך מותר הובות איין צו מאגין אום חול המועד : עש איז אויך מותר געלט צו לייאין אויף איין וועקסיל אום חול המועד אויך איז אסור צו שרייבין אום חול המועד אפילו איין ווארט סיידין אז ער וועט פאר געסין איבר יום טוב : אויך אזו איין בריב וואש מיקען זיא שרייבין נאך יום טוב טאר מען זיא ניט שרייבין אום חול המועד איין בעל מלאכה טאר ניט ארביטן אום חול המועד סיידין אז ער האט ניט אויף יום טוב מאג ער ארביטן שטילר היר ווען איינר טוט זוא איין מלאכה זאל מען הפקר מאכין זיין ארביט ער זאל דער פון קיין הנאה ניט האבין : אונ אז ער ארביט אנאנדרין מענטשין דא קאן מען דאך דיא ארביט ניט הפקר מאכין :

סליק הלכות שבת

# הלכות ענוה פרק שביעי

## דער פרק רעט פון (ענוה) אונ (אהבה)

עקב ענוה יראת ה׳ עושר וכבוד וחיים) רבי יהושע בן לוי זאגט דיא בעסטי מדה אין דער וועלט איז דאש דער מענטש זאל זיך ניט האלטין בגאוה : נאר ער זאל זיין איין עניו : אז וויא דער פסוק זאגט (רוח אלהים עלי וכו׳) דיא נבואה פון גאט יתברך איז אויף מיר דרום

זאט מיך גאט גיזאלבט איך זאל אבשורה זאגין אויף דער גאולה צו דיא לייט וואש האלטין זיך בעניות : נוא זעהן מיר אז הקב״ה האט קיין שום זאך ניט אזו ליב וויא דיא מדה פון (עניוות) : אונ האט קיין שום זאך ניט אזו פיינט וויא דיא מדה פון גאוה : אויך זאגט דער פסוק (עקב ענוה יראת ה׳) הער פון לערנין אונזרי חכמים אז דאש עניוות איז דיא גרעסטי אונ העכסטי מעלה פון אלי מעלות : דען דער פון קומן אלי דיא גוטי מדות : אונ פון גאוה קומן אלי דיא שלעכטי מדות : (ששה דברים) זעקס זאכין זענין גיזאגט גיווארין אויף דעם מענטשין וואש איז איין עניו : דרייא אויף דער וועלט : אונ דרייא לעולם הבא : דאש ערשטי ער האט תמיד מנוחה : ווארום ער איז זיך משבח מיט דעם וואש גאט בשערט אים : אונ איז קיינים ניט מקנא אויף קיין שום זאך : דען דער וואש איז מקנא אויף געלט אודר גדולה : אז ער בקומט זיין בגער : אזו בגערט ער אלי מאל נאך מער : אזו האט ער קיין מאל קיין רוא ניט ער שלאפט ניט אונ זיין הארץ איז טרויאריג ווייל דאש ער טראכט תמיד אויף רייכקייט : אבר דער עניו גלוסט ניט צו קיין וואול עסין אונ גוטי וויינין : דען ער האלט זיך אויף דער וועלט פר איין גר : אונ ער עסט דרום זיין לעבין אונ גיזונד זאל דיר-האלטין ווערין : אז וויא דער פסוק זאגט (צדיק אוכל לשובע נפשו) דער צדיק עסט זיך אן זאט ווייל זיין כוונה איז דער מיט זיין לעבין צו דער האלטין : דאש אנדרי דער עניו איז אויף זיך אלש מקבל באהבה פון גאט אונ איז אויף זיך מצדיק הדין אונ איז זיך משמח מיט גאטש שטראף דען ער גידענקט איך וועל ליידין שטראף אויף דער וועלט איידר אויף יענר וועלט דרום איז זיין לעבין אגוט לעבין : דאש דריטי ער איז גילובט אי גאטש אויגין אונ אין לייטינש אויגין : אונ דיא לייט האבין הנאה פון זיין עניוות : ער פרייאט זיך אז עש גייט וואול די לייטין : אונ ווידר פאר קערט איז ער זיך מצער עש איז אמאל גיוועזן איין חכם האט ער גיפרעגט איין עניו וויא קומט עש דאש דוא ביסט אזו גילובט ביי דיא לייטין האט ער גיענפרט ווייל איך האב קיין מאל קיין שום מענטשין קיי שלעכטץ ניט גיטאן : אונ האב איטליכן מענטשין חשובר גיהאלטין פון זיך זעלבסט דער מענטש וואש איז גיוועזן אחכם האב איך גיראכט ער האט מער חלק עולם הבא פון

מיר און ער לערנט בעסר פון מיר : און דער וואש איז גיוועזן איין נאר האב איך גידאכט ער טוט אלי עבירות בשוגג : דען ער ווייסט ניט וואש ער טוט : אבר איך טוא במזיד : דער מענטש וואש איז עלטר גיוועזן פון מיר האב איך גידאכט ער האט פיל מער מצות גיטאן פון מיר : אויך מוז ער אנדרויש זכות האבין דאש ער איז אזו אלט גיווארין : דער וואש איז יונגר גיוועזן פון מיר האב איך גידאכט ער האט וויניגר עבירות גיטאן פון מיר : דער מענטש וואש איז גליך גיוועזן מיט מיר האב איך גידאכט מייני עבירות ווייס איך אבר ניט זייני : אזו האב איך אלי לייט מכבד גיוועזן :

אויך דעם זאגין דיא חכמים (הוי דן את כל אדם לכף זכות) דוא זאלשט איטליכן מענטשין אויש לייגין צו גוטין · איבר דער מדה איז דער עניו גילובט אין דיא לייטיגש אויגין : ער אנטפאנגט איטליכן ליבליך און גאר שיין · ער גיט איטליכן שלום און אין גוט מארגין · און גוט אבינט אוף דעם האט זיך באריכט · אין חכם עש האט מיר קיין שום מענטש ניט גיפודערט קיין שלום : דען אפילו אין אינו יהודי אין מארק האב איך אים פריר שלום גיגעבין דאש זעגין דיא דרייא זאכין וואש דער עניו האט אויף דער וועלט און ווידר האט ער דרייא זאבין אויף יענר וועלט דאש ערשטי ער איז נאהנט צו הקב"ה : דען ער טוט זיין רצון : און ער בהעפט זיך צו תלמידי חכמים : אזו לערנט ער פון זיא תורה און גוטי מעשים : אז וויא דער פסוק זאגט (הולך את חכמים יחכם) דער וואש גייט מיט תלמידי חכמים ווערט קליג אוך גזאגט דער פסוק (ידרך ענוים במשפט) ער פירט דיא ענוים מיט משפט און לערנט זיא זייני וועג · נוא דריבר איז דר עניו זוכה לחיי עולם הבא : אבר דער גוותן איז זיך פאר קערט גוהנ : אז וויא דער פסוק זאגט (רשע כגובה אפו בל ידרוש) דער רשע איבר זיין גרושקייט פארשט ער ניט אין געטליכי זאכין · דאש אנדרי ער איז זוכה לחיי עולם הבא דען ער איז תמיד משתדל ניט צו פאר זוימן קיין מצוה און זיין מחשבה איז אליש אויף מצות · אבר דער גוותן לאזט אוועק אפיל מצות וואש זעגין אים דער ווידר זיין כבוד : דאש דריטי הקב"ה האט אים ליב און דער הערט זיין תפלה : אז וויא דער פסוק זאגט (לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה) אין צו בראכין און צו שטוסין הארץ טוט גאט ניט פאר שעמען און ער איז זוכה צו עולם הזה : און עולם הבא : אז וויא דער פסוק זאגט (וענוים ירשו ארץ) די ענוים ווערין ירשנין דיא וועלט (והתענגו על רוב שלום) און ווערין זיך זענפטיגן אויף פיל שלום אויף יענר וועלט :

סליק פרק הענוה

## הלכות כיבוד אב ואם פרק שמיני

עש שטייט אין דיא עשרת הדברות (כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך) זאלשט ערליך האלטין דיין פאטר און מוטר : פון וועגין דיא זאלשט לאנג לעבין : דרשנת דיא גמרא דאש מיינט מען עולם הבא דאש איז דאש לאנגי לעבין · דען עש האט גאר קיין סוף ניט אבר דאש לעבין פון עוה"ז האט יוא איין סוף : און ווידר וויא קען עש זיין אז עש גייט אויף עוה"ז · מיר זעהן דאך אופט איינר איז מקיים כיבוד אב ואם און שטארבט יונגר הייד : און ווידר דער וואש איז ניט מקיים לעבט לאנג : דרום האבן דיא חכמים ז"ל בקבלה פון משה רבינו אז דאש גייט אויף עולם הבא (רבי שמעון בן יוחאי) זאגט גאט האט גיבאטין צו היטן כיבוד אב ואם מער פון גאטש כבוד : אז וויא דער פסוק זאגט (כבד את ה' מהונך) זאלשט ערליכן דיין גאט פון דיין געלט מיט צדקה און מעשר : אבר דער וואש האט ניט דער קען גאט ניט ערליכין פון זיין גוטין : אבר כיבוד אב ואם אפילו דוא האסט ניט ביסטו מחויב צו גיין אויף דיא טירן : און זיא מכבד צו זיין אויך האט הקב"ה גיגלעכין דיא מורא פון פאטר און מוטר צו זיין מורא דען עש שטייט אין דער תורה (את ה' אלהיך תירא) פאר גאט דיין זאלשטו זיך פארכטין : און שטייט (איש אמו ואביו תיראו) איטליכר מענטש זאל זיך פארכטין פאר זיין פאטר און מוטר : אויך אז איינר שעלט דעם שם ח"ו : אודר ער שעלט פאטר און מוטר : האט מען ערום פר ציטין אין ארץ ישראל פר שטייניגט איך וועל דא בשיידין ווארום דאש איז אזו : דען דרייא שותפים זעגין אין מענטשין הקב"ה און דער פאטר און מוטר : דער פאטר גיט פינף זאכין : דאש פון זיין זרע וואש זיא איז וויס ווערט בשאפין די ביינר : און אדרין און דיא גהירן : און דיא נעגיל פון די הענט און פים און דאש ווייסי פונם אויג דיא מוטר גיט אויך פינף זאכין : דאש איז דאש פלייש און הויט : און דאש שווארצי פונם אויג און דיא האר און דאש בלוט און הקב"ה גיט צעהן זאכין : דעם קראפט און דעם אטום און די

נשמה

נשמה · אונ דאש לויטרי געשטאלט אין פנים אונ דאש אן
געבט : אונ דאש הערץ אונ דיא הייד : אונ ליבט : אונ
מחשבות אונ דוא חכמה אונ אז דיא צייט קומט דר מענטש
זאל שטארבין דא נעמט הקב״ה אוועק זיין חלק אונ פאטר
אונ מוטריש חלק בלייבט ליגן :

דרום אז דער מענטש איז מכבד זיין פאטר אונ מוטר אונ
האט מורא פאר זיא : זאגט הקב״ה עש איז גלייך וויא
ער איז מכבד מיין שכינה אונ האט מורא פאר איר אונ אויב
ער האט ניט מורא פאר זיא זאגט הקב״ה איך האב רעכט
גיטאן דאש מיין שכינה וואגט ניט מיט זיא הויזן : דען זיא
וואלטין פאר איר אויך קיין מורא ניט גיהאט עש איז קשה
פאר וואש בייא כיבוד שטייט (כבד את אביך ואת אמך)
פריר דער פאטר אונ בייא מורא שטייט (איש אמו ואביו
תיראו) פריר דיא מוטר נאר הקב״ה האט גיוואוסט דאש
איטליכש קינד איז זיין מוטר מער מכבד אז דעם פאטיר דען
זיא איז אים מפייס מיט נוטי רייד דרום האט דיא תורה אן
גישריבן דעם פאטר פריר אויך האט ער גוויסט דיש איטליכש
קינד האט מיין מורא פאר זיין פאטיר וויא פאר דער מוטר דרום
האט ער אן גישריבן דיא מוטר פריר · דאש מיט אלים זאלין
זיא גלייך זיין (חמשה דברים) פינף זאכין זענין דער עיקר
כיבוד אב ואם: ער איז זיא מחוייב אן צו טאן זייערי קליידיר
אונ ארין צו פירן : אונ ארויש צו פירן אונ עסין אונ טרינקן
צו געבין :

מיט עסין איז דער דין אזו : האבן זיין פאטר אונ מוטר זייער
איינן געלט זאל ער זיי שפייזין דער פון · אונ אויב ניט
איז ער מחוייב צו שפייזין פון זיין געלט : אונ אויב ער האט
אויך ניט : איז ער מחוייב צו גיין אויף דיא טירן אונ זיא צו
שפייזין נאך זייער כבוד נאך אויך איז ער זיא מחוייב צו
געבין קליידר אונ בעט גיוואנט נאך זייער כבוד נאך · אויך
אין טאכטיר וואש זיא האט אין מאן · אבר אז איר מאן וויל
ניט לידין איז זיא פטור : אונ איר מאן וועט דער פאר מוזן
גרוש עונש לידין דיא קינדר זענין מחוייב תמיד צו טראכטין
וויא אזו צו טין דאש ווילן פון זייער פאטר אונ מוטר : אונ
זאלין זיא ניט דער צערנין אויך זאלין זיא מאכין דיש זייער
פאטיר אונ מוטר זאלין מיט זיא שאפין · אז וויא דער פסוק
זאגט (שמע בני מוסר אביך) הער צו מיין זון דיא שטראף
רייד פון דיין פאטר אונ דאש זאל איטליכר גידענקין דאש

קיין שום פאטר אונ מוטר הייסן בודאי ניט זייערי קינדר אום
רעכט טאן נייארט מחמת זייער גרויש ליבשאפט פירן זיא
אין רעכט פארטין · ווען · דרום זאל איטליכר פאלגין זיין
פאטיר אונ מוטר אונ זיא חשוב האלטין אונ ניט פר שעמין
זייערי רייד אונ זייער עצות אונ זאל ניט דאכטין דיא עצות
פון דיא אלטי לייטן טויגן ניט : דען אז ער וועט זיך
בטראכטין וועט ער זעהן בשיינבערליך דאש זייער עצה איז
זייער גוט

מיר האבין גילערינט אין (מסכת סנהדרין) (רבי יהודה)
זאגט פון (שמואל) ווען דיא בני ישיבה האבן גיפרעגט
צו (רבי אלעזר) וויא גרויש אונ וויט גייט דער כיבוד אב ואם
כלומר וויפל דארף דער שארין זיין דאש מען מוז דרויף
שפייגן אונ מיטאר זיא נאר ניט זאגן האט ער גיזאגט איך
וועל איך דער ציילן וואש דער איינו יהודי (דמה בן נתינה)
האט גיטאן אין דער שטאט אשקלון אמאל האבן די ישראל
בדארפט אבנים טובות צום חושן אונ בייא אים זענן גיוועזן :
אונ ער האט דרויף גיקענט מרויח זיין זעכציג מאל צעהן
טויזנט גילדין : (רב כהנא) זאגט אכציג מאל צעהן טויזנט
גילדין · אז דיא חכמים זענן צו אים גיקומן האט זיין פאטר
גישלאפן : אונ דער שליסל פון דעם גיוועלב איז גילעגן
הונטר זיין קאפ : אזו האט ער ניט גיוואלט אויף וועקן זיין
פאטיר האבין דיא חכמים גיקויפט בייא אנאנדרין כוחר : דש
אנדרי יאר איז בייא דעם (דמה בן נתינה) געבארן גיווארן
איין פרה אדומה : זענין דיא חכמים צו אים גיקומן דאש
אנדרי מאל צו קויפין דיא פרה אדומה · זאגט ער איך וויס
וואול דאש איר וועט מיר פאר איר געבין וויפל איך וועל
ווילן · אבר איך בגער ניט מער נאר איך זאלט מיר
געבין דעם שאדין וואש איך האב גיהאט פאר יארין : אז
דיא חכמים האבין דער הערט זייני רייד : האבין זיא
גיזאגט מה דאך דער איינו יהודי וואש איז ניט גיבאטין איז
ער אזו מקיים דיא מצוה פון כיבוד אב · נוא מכל שכן
איין יהודי :

אז (רב דימי) איז גיקומן קיין ארץ ישראל האט ער דער
ציילט וואש איין איינו יהודי האט גיטאן אין (רום) · ער
איז גיזעסין מיט שרים דא איז זיין מוטר גיקומן אונ
האט אים גישלאגין אויף זיין קאפ : אונ גישפיגן אין זיין
פנים אונ ער האט איר קיין ווארט ניט גירעט · אויך זאגט
דיא

דיא גמרא אמאל גיפונט מיט איינר איז מטריח זיין פאטיר מיט שווערי ארבייט : אונ דורך דעם בקומט ער עולם הבא : אונ אמאל גיפונט זיך איינר וואש נוט זיין פאטר עסין (מעדני עופות) אונ פאר זינדיגט זיך אן אים אונ קומט דריבר אין גיהנם אריין · אז וויא עש איז אמאל גיוועזן איין ארומאן ער פלעגט זיך פאר דינגן צו ארבייטי · אונ זיין פאטיר האט גיגערין עפיס צו עסין אונ ער האט אים ניט גיהאט צו געבין : אמאל האט ער גיזאגט צו זיין פאטיר ער זאל ארבייטן אויף זיין אורט אונ ער האט אים גיזעהן צו געבין עסין אז ער האט דער זעהן זיין פאטיר ארבייטן האט ער גיוויינט אונ זאגט מיין ליבר פאטיר וויא איז מיר דאש איך לאז דיך אזו ארבייטן : מיין ליבר פאטיר זייא מיר עש מוחל · דען הקב"ה וויסט דעם אמת אז איך וואלט גערין דיך מכבד גיוועזן מיט וואש מיגליך איז : אזו האט ער מיט דיא רייד תענוג אן גיטאן זיין פאטיר : אזו האט ער זוכה גיוועזן צו עולם הבא :

אונ אמאל גיפונן מיר איינר האלט בייא · זיך איין אלטין פאטיר · אז ער זעהט אים פריא עסין : אז וויא דער סדר איז פון אלטי לייט זאגט ער צו אים וויא קענסטו עסין אזו פריא דוא ביסט דאך ערשט אויף גישטאנין · אידר עש איז ערשט טאג גיווארין : אונ אז ער זעהט אים פיל עסין זאגט ער וויא עסט מיין פאטיר אזו איין אכילה : אונ אז ער בגערט עפיס זאגט ער וויא גלוסט מיין פאטיר צו אלים : אודר ער זאגט מיין פאטיר בגערט מיין ניט נאר אויף זיין עסין : אונ אז ער איז זאט מיינט ער איטליכר איז זאט אויך אז דער פאטיר פרעגט אים ווען וועלין מיר עסין : זאגט ער צו אים יעם פר דיר וואש פרעגסטו אויף אונזר עסין איך מוז דיר דאך אליש אהיים ברענגן : אונ אז ער מאכט אים אמאל איין מלבוש : אונ ער פרעגט אים מיין זון וויפל האסטו עש : זאגט ער וואש פרעגסטו איך מוז דאך פאר דיר אליש זארגן : אודר ער זאגט אים מער וויפל עש האסט : דאש דער פאטיר זאל מיינין ער האט פיל אויש גיגעבין פון זיינט וועגין · אודר ער טראכט ווען וועל איך פטור ווערין פון אלטין : דאש ער זאל שטארבין וועל איך רוא האבין אודר ער טראכט זיך וויא גרויש איז דיא לייד וואש ער מאכט מיר קענין מיין ווייב : אודר ער טראכט זיך הלוואי וואלט איך הנאה גיהאט פון מיין פאטיר וויא אנדרי האבין הנאה פון זייער פאטיר : איבר איינש פון דיא אלי זאכין פאר לירט ער עולם הבא · אין קומט אין גיהנם אריין : אויך רעכט גלייבין ווען איינר שפעט נאך אויף דיא רייד פון זיין אלטין פאטיר דאש ער זאגט ער רעט שוין וויא ער וואלט גיוועזן (עובר ובטל) אודר ער הייסט אים שווייגין : אודר ער זאגט מיין פאטיר מוז זיך אין אלי זאכין מישן : אודר ער ווארפט אין רוגז אויף איינים פון זייני בני בית : גאר זיין כוונה איז אויף זיין פאטיר אונ מוטר : אודר ער הייבט אויף אהויך קול : אונ שיאט זיך ניט פאר אים : אודר ער טוט אים אנאנדר צער פאר לירט ער עולם הבא אפילו ער זאל אים געבין דיא בעסטי שפייז אונ קליידר :

(רבי טרפון) האט גיהאט איין אלטי מוטר אז זיא פלעגט וועלין ארויף גיין אויפין בעט האט ער זיך איין גיבוגין אונ זיא פלעגט זיך שטעלין אויף אים אונ ארויף גיין אויפין בעט : אמאל האט ער זיך בארימט אין בית המדרש וויא ער איז מקיים כיבוד אם האבין אים דיא חכמים גיזאגט דו האשט נאך ניט האלב מקיים גיוועזן וויא מען דארף ווען די מוטר זאל דיר אריין ווארפין איין בייטיל מיט געלט אין ים אריין אודר זיא וואלט דיר אנאנדר גרויש שאדין גיטאן אונ דוא וואלסט גישוויגין דאש איז דער רעכטיר כיבוד : אמאל איז זיין מוטר גיגאנגין אין הויז האט זיך איבר גירוסין איר שיך האט ער איר הונטר גילייגט זיין האנט אונ זיא איז אזו גיגאנגין ביז אין איר בעט :

אויך זאגט דיא גמרא דיא מוטר פון (רבי ישמעאל כהן גדול) איז אמאל גיקומן אין בית המדרש אריין אונ האט אים צו גיקלאגט פאר דיא חכמים דאש ער איז זיא ניט רעכט מכבד האבין זיך דיא חכמים זייער פאר וואונדרט : אונ האבין זיא גיפרעגט וואש איז דש זאגט זיא אז ער איז אהיים גיקומן פונם בית המדרש האב איך גינומן אונ האב אים גיוואלט אפ וואשין זייני פיס האט ער מיך ניט גיוואלט לאזין האבין די חכמים גיזאגט צו אים דוא דארפסט צו טאן איר ווילן : אז וויא דער פסוק זאגט · (כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך) : (ולמען ייטב לך) לעולם שכולו ארוך וטוב

אמן כלה :

סליק הלכות כיבוד אב ואם

## הלכות גידול בנים פרק תשיעי

דער ניינטיר פרק רעט וויא מ'זאל דיא קינדר דער ציהן אונ זיא שטראפין :

בן

בן חכם מוסר אב ולץ לא שמע גערה) אין הלינר זין קומט זיין חכמה פון דעם ווייל ער האט צו גיהערט דיא שטראף פון זיין פאטיר אונ דער זון וואש איז איין שפעטיר: קומט עש ווייל ער האט ניט צו גיהערט קיין גישרייא אונ שטראף · דיא חכמים זאגין וויאזוא זעהסט איינר איז א תלמוד חכם זאלסטו וויסן דאש זיין פאטיר האט אים גישטראפט אין זיין יוגנט אונ האט אים גוויזן דעם רעכט פארטיגן וועג: אז וויא דער פסוק זאגט (בן חכם מוסר אב): אונ ווען דוא זעהסט איין רשע איין שפעטיר: זאלסטו וויסן דאש זיין פאטיר האט אים ניט גישטראפט אודר ער האט זיך ניט גיקערט צו זיין שטראף: אז וויא דער פסוק זאגט (ולץ לא ישמע גערה): אונ ווייל דר פאטיר האט אים פיינט גיהאט דרום האט ער אים גילאזט גיין: אז וויא דער פסוק זאגט (חושך שבטו שונא בנו ואהבו שחרו מוסר) ווער עש פאר מיידט דיא רוט פון זיין זון האט ער אים פיינד: אונ ווער עש האט ליב זיין קינד שטראפט ער אים דער מדרש זאגט דאש ווארט (חושך) האט אין זיך צוויא טייטשין: מיט דעם שמאל (חושך איז שטייט ער פאר מיידט: אונ מיט דעם ימין (חשך) איז טייטש דאש ער שלאגט זיין זון אין דער פינצטר: אונ זעהט ניט וויא אהין ער טרעפט אויף דעם האבין דיא חכמים גיזאגט עש איז אסור איין קינד צו שלאגין אין רוגז: דען עש איז גליך וויא ער שלאגט אים אין דער פינצטר: דאש ער פרעגט ניט וויא ער טרעפט: גליך וויא איינר שלאגט זיין פיינט: אז וויא איך וועל דא בעסיר בשיידין דיא טעמים דער פון: אונ דאש ווארט (שחרו) טייטשין דיא חכמים: שטראף דיין קינד אין זיין יוגנט: דען דער נאך וועט אים קיין שטראף ניט העלפין: אז וויא דער פסוק זאגט (חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה) זאלסט גיוויינן דעם יונג אין זיין יוגנט נאך זיין שכל נאך: אזו אז ער וועט אלט ווערין וועט ער ניט אפ קערין דער פון:

נון זעהן מיר וואל דאש איטליכר פאטר אונ מוטר זענין מחוייב צו שטראפין זייערי קינדר אין דער יוגנט מיט גוטי רייד ניט מיט רוגז: דער אנדרר טעם איז דער סדר איז דאך אז איינר שטראפט זיין קינד זאגט ער צו אים דאש טוא אין דאש ניט: ווארום האסטו דאש גיטאן: אבר אז ער וועט אים שטראפין מיט רוגז: וועט ער אים ניט קענין פיר זאגין דיא רייד: אונ אפילו ער וועט אים שוין יוא פיר זאגין וועט ער עש ניט וועלין מקבל זיין: דער דריטר טעם איז ווען דש איז דאך ידוע אז עש איז אגרושי אונ הארבי עבירה צו זיין אין רוגז דען אין רוגז קאן מען ניט גאט דינין אז וויא עש וועט בשיידט ווערין אין פרק (לעזוב חמה): אונ צו שטראפין זיין קינד איז דאך אגרושי מצוה: נוא וויא קען דיא מצוה אן גינעמין זיין אז זיא קומט פון איין עבירה: דער פערדר טעם איז דער וואש שלאגט זיין קינד אין רוגז קאן ער אים ח״ו איין טוט מאכין: דרום זאגט דער פסוק (חושך שבטו וגו׳) אבר דער וואש שטראפט זיין קינד אין דער יוגנט האט ער זיך ניט צו פארכטין דאש ער וועט אויש גיין לתרבות רעה וח״ו: אז וויא מיר גיפונין אברהם אבינו ע״ה האט גישטראפט זיין זון יצחק איז ער גיווארין איין תלמיד חכם אונ איין נביא: אונ זיין זון ישמעאל האט ער ניט גישטראפט איז ער אויש גיגאנגין לתרבות רעה:

אזו אויך יצחק אבינו ע״ה האט גישטראפט זיין זון יעקב איז ער גיווארין איין תלמיד חכם אונ נביא אבר זיין זון עשו האט אים גינארט מיטן מו״ל· דאש ער האט גימיינט ער איז פרום אזו האט ער אים ניט גישטראפט איז ער אויש גיגאנגין לתרבות רעה· אויך יעקב האט גישטראפט זייני צוועלף שבטים זענין זייא אויך גיווארין תלמידי חכמים: אויך דוד המלך ע״ה האט ניט גישטראפט זיין זון אבשלום פאר גרויש ליבשאפט איז ער אויך אויש גיגאנגין צו תרבות רעה: אבר זיין זון שלמה האט ער יוא גישטראפט: אונ אויך זיין מוטר בת שבע האט אים גישטראפט נאך זיין פאטירש טויט: איז ער אויך גיווארין אגרושר תלמיד חכם: אבר די אלי וואש זענין ניט גישטראפט גיווארין זענין אויש גיגאנגין צו תרבות רעה: דרום זאגט דער פסוק (ואוהבו שחרו מוסר) אויך זאגט דער פסוק (יסר בנך יש תקוה ואל המיתו אל תשא נפשך) שטראף דיין זון אפילו ער איז נצווגר ניט ניט רעדעש אין פאר האנדין איין האפנונג: אונ זאלסט ניט זארגין ער איז איין שלאפיר יונג ער וועט שטארבין פון דיין שלאגין: אויך זאגט דער פסוק (אל תמנע מנער מוסר כי תכנו בשבט לא ימות) דוא זאלסט ניט פאר מיידין פון דיין יונג קיין שטראף ער וועט ניט שטארבין אז דוא וועסט אים שלאגין מיט דער רוט אונ אז דוא וועסט אים שטראפין אין זיין יוגנט האסטו ניט זארג צו האבין דאש ער וועט דער הרגית ווערין דורך דעם גית דין איבר זייני עבירות: אונ אז ער וועט אלט ווערין וועט

ער בלייבן ביא זיין געוואונהייט : אבר אויף דער עלטער איז אים שווער צו שטראפין אויך זאגט דער פסוק (ואתה בשבט תכנו ונפשו משאול תציל) דוא זאלסט שלאגין דיין קינד מיט דער רוט אזו ווערסטו אים מציל זיין פונם גיהנם:

דרום זאל איטליכר תמיד געוויינן זיין זון צו תורה אונ מצות אונ צו מעשים טובים אין זיין יוגנט : אונ זאל אים לערנין וועדליג זיין פאר שטאנד אונ זייני יארין וויא ווייט ער קען דער ליידין : איידר ער הייבט אן צו ריידין זאל ער אים לערנין ספרים קושין : אזו וועט ער געוואונט ווערין ספרים עהליך צו האלטין · דער נאך אז ער הייבט אן צו ריידין זאל ער אים לערנין צו זאגין (תורה צוה לנו משה) · אונ דעם ערשטין פסוק פון קריאת שמע. אונ אז ער ווערט עלטיר זאל ער אים לערנין.(א״ב) · דער נאך זאל ער אים דינגן איין רבי צו לערנין תורה אונ תמיד זאל ער אים לערנין מיט חניפות : צום ערשטין זאל ער אים געבין זוסי שפייז אודר איין גראשין : דער נאך זאל ער אים מאכין קליידר וועדליג זיין פאר שטאנד אונ יארין דער נאך זאל ער אים זאגין לערין ערינצט וועט מען דיר געבין פיל נדן דער נאך זאל ער אים זאגין לערין ערינצט ווערסטו ווערין איין רב : אונ זאל אים אזו לאנג לובין ביז ער וועט געוואר ווערין צו דינן לשם שמים · אונ זאל אים געוויינן אבונט אונ מארגין צו גיין אין שיל אריין דאוונין · אונ ניט צו ריידין קיין דברים בטלים בפרט אין שיל : אונ זאל אים געוויינן צו ציצית אונ תפילין · אונ זאל ניט עסין אונ טרונקן אן ברכה פריר אונ דער נאך · אונ זאל בענטשין נאך דעם עסין : אזו אז ער וועט אלט ווערין וועט ער בלייבין דער ביא אונ זאל אויף אים גרויש השגחה געבין ער זאל גיין אלי טאג צום רבי אין חדר אריין אונ אז זיין פאטיר דארף טראכטין אויף פרנסה איז דיא מוטר מחויב צו געוויינן צו דעם אלים :

דרום זענין איטלכי קהילה מחויב צו האלטין מלמדים וויפל זייא דארפין אונ דיא קהילה וואש טואן ניט אזו דארף מען זייא מבזה זיין דען דיא וועלט שטייט נאר אויף דעם אטום פון דיא קינדר וואש לערנין תורה אונ אויב ניט וואלט דיא שטאט וויסט געווארין אזו וויא מיר גיפונן אויך דאש ירושלים איז דריבר חרוב געווארין · מחמת ביטול תורה · רבי יהושע בן לוי זאגט פון רבי יהודה הנשיא וועגין : אונ ער האט עש געזאגט פון זייני עלטרין וועגין : אונ זייני עלטרין פון זייערי עלטרין וועגין דאש מטאר ניט מבטל זיין דיא קינדר פונים לערנין אפילו צו דער גרעסטר מצוה אין דער וועלט : אונ דיא ווייבר זענין מחויב מדריך צו זיין זייערי קינדר אין רעכטין וועג אפילו זייא דארפין דרויף גרויש מיא האבין דען זייער שכר איז אויך זייער גרויש · אז וויא דיא גמרא זאגט אין ברכות · דיא רבנן האבין געזאגט עש איז גרעסיר דער בטחון פון גאט צו דיא ווייבר וויא צו דיא מאנין : אז וויא דער פסוק זאגט (נשים שאננות שמענה קולי וגו׳) איר פרומי ווייבר הערט צו מיין שטים דער ציהט אייערי קינדר צו תורה אונ מעשים טובים : אונ דיא ווייבר וואש פירן זייערי קינדר צום רבי אונ ווארטין מיטן עסין ביז זייערי מאנין קומן אהיים פונים בית המדרש וואל צו דיא ווייבר · אונ צו זייערי מאנין אונ קינדר :

דער וואש לערינט אפילו מיט זיין חבריש זון האט ער אגרושן שכר גליך וויא ער וואלט גילערינט מיט זיין איינגים זון איז ער זוכה צו זיצן אין דער ישיבה של מעלה · אז וויא דער פסוק זאגט (אם תשוב ואשיבך לפני תעמוד) אז דוא וועסט אנדרי אום קערין צו מיר וועל איך דיך אויך אום קערין זוי שטיין פאר מיר אונ אז איינר לערינט מיט איין עם הארץ איז ער מבטל דיא גזירה וואש הקב״ה האט גוזר געווען אפילו אויף דער גאנצי וועלט : אז וויא דער פסוק זאגט · (אם תוציא יקר מזולל כפי תהיה) דרום איז דער פאטיר מחויב צו לאזין לערנין אז דאש קינד ווערט פינף יאר אלט דעמאלט איז צייט אים איין רבי צו דינגן : אונ אים צו פירן אין בית המדרש אריין : אבר נאך פינף יאר איז שוין ניט גוט דען אז ער וועט העדין אשלעכט ווארט פונם רבי וועט ער אנטלויפין : אויך פאר פינף יאר איז ער נאך שוואך : איטלכי פאטיר אונ מוטר זאלין ליב האבין זייערי קינדר וויא זייער האריץ אונ לייב : אבר זייא זאלין פר זייא ניט ווייזין דאש ליבשאפט · דען זייא וועלין קיין מורא ניט האבין פאר זייא : אונ איטליכר איז מחויב צו דער ציהן זייני קינדר זייא זאלין מורא האבין פאר אים · אונ פאר זייער מוטר · אונ זאל זייא ניט לאזין טאן זייער רצון · אז וויא אויבין שטייט אין הלכות (דרך ארץ) אויך איז אסור צו מאכין איין צארין אויף זייני קינדר : דער סוף פון דער זאך איטלכר פאטר אונ מוטר זענין מחויב זייערי קינדר אפ געוויינן פון בייזי מעשים אונ רייד : אונ זייא צו געוויינן צו תורה אונ מצות : דאש זייא זאלין אבונט אונ מארגין אין שיל אריין גיין · אונ זאלין תפלה טאן בכוונה אונ זאלין קיין דברים בטלים ניט ריידין : אונ ווען דער פאטר איז זיך מתעסק אין עפיס איין מצוה : זאל ער זיין קינד אויך געוויינן דער צו : דהיינו צו (ביקור חולים) אודר צו (הלוית המת) : אודר צו איין חופה אונ סוכה אונ אתרוג : אונ דיא איבריגי מצות: דען אז ער וועט אים געוויינן אין דר יוגנט וועט עש ביא אים ווערין איין טבע : אויך איז דער פאטיר מחויב צו לערנין זייני קינדר אלי חכמות : אונ אז זייא זענין שוין דר וואקסין טאר ער זייא ניט שענדין : אודר שעלטין פאר לייטין

דיען

דען עס איז דאך בלויז אויף איין איסור ארויס צו לאזן אקללה פונם מויל: אבער ביא דר וואקסני קינדר איז נאך פיל ארגער די עבירה דען זייא וועלין אים אפ ענטפערן אודר זייא וועלין דרויף אמן זאגין אזו מאכט ער זייא זינדיגן: נאר ער זאל זיי שטראפין מיט גוטי רייד :

דרום האט שלמה המלך געווארינט די לייט מיט זיין חכמה דאס איטליכר זאל זיין קינד שטראפין אין זיין יוגנט אזו וועט איר ניט דארפין שטראפין אין זיין עלטיר : אויך זאלין די פאטר אונ מוטר געווארינט זיין אז זייא האבן עפיס אקרוג מיט אימיצן זאלין זייא ניט לאזין זייערי קינדר אן צו נעמין זיך אויף זייער קרוג : כדי זייא זאלין אויך ניט צו קרוג קומען : אונ דער מענטש וואס דער ציהט זייני קינדר צו תורה אונ מצות אונ דער נערט זיך פון זיין (יגיע כפיו) אונ זיין ווייב איז איין צנועה אינדר היים : דער זעלביגר מענטש ווערט גיבענטשט פון גאט : אז וויא דער פסוק זאגט (אשרי כל ירא ה' ההולך בדרכיו יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא שלום על ישראל) :

סליק פרק גידול בנים :

# הלכות נשואי אשה פרק עשירי

דער צעהנטיר פרק רעט וויא מ'זאל איין ווייב נעמין אונ ווען מ'זאל איין ווייב נעמין :

**מצא** אשה מצא טוב) דער פסוק איז אזו טייטש ווער עס גיפונט איין פרום ווייב : דער ציהט אויס איין רצון אונ חסד פון גאט : דאס ער האט אים אזעלכים בשערט : דען דאס איז ידוע אז גאט ב"ה בשערט איטליכן איין ווייב נאך זייני מעשים גאך: אז וויא מיר האבן גילערנט אין דר (מסכת סוטה) (אין מזווגין לאדם אלא לפי מעשיו) גאט גיט ניט זיין זיווג דעם מענטשין נאר ווערליג זייני מעשים : אז וויא דער פסוק זאגט (לא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים) דער רשע זאל ניט רוען ביא דעם גורל פון די צדיקים : אויך זאגט דער פסוק(מה: אשה משכלת) איין קלוג אונ פרום ווייב איז פון גאט : נוא זעהט מען וואול אז איין פרומר בקומט אפרום ווייב : אונ איין רשע בקומט אשלעכט ווייב : די גמרא פרעגט דרויף פיל קשיות אונ פאר ענטפערט זייא די ערשטי קשיא איז די גמרא זאגט דאך פערציג טאג איידר דאס קינד ווערט בשאפין גייט אויס איין בת קול דער(פלוני) זאל נעמין די (פלונית) : נוא וויא קאן דאס זיין אז עס איז נאך זייני מעשים גאך ווען יוא עס איז אויס גיגאנגין פון גאט ער זאל זיין איין צדיק אודר איין רשע · ווארום דען קומט אים שכר אודר עונש : נאך מער איז קשה די גמרא זאגט איין מענטש זאל פר קויפן גאר זיין פאר מעג אונ זאל נעמין איין בת תלמוד חכם : אז זיא איז גיט זיין וואס וועט אים העלפין זיין פאר קויפן אויך זאגט די גמרא דער וואס נעמט איין ווייב זאל ער נאך פרעגין אויף אירי ברודר : דען אופט זענין די קינדר גיראטין אין אירי ברודר : אויך זאגט די גמרא איין מענטש זאל זיך תמיד בהעפטין צו גוטי לייט אונ צו איין בת תלמוד חכם : דען אז ער וועט ח"ו שטארבין אודר ער וועט אוועק פארין וועלין זייני קינדר טוען מעשים טובים פון זיך זעלבסט : נאך מער איז קשה די גמרא זאגט מען מעג וואול איין אשה מקדש זיין אפילו אום חול המועד: דען טאמיר וועט זיא אנאנדרר פערדין מיט תפילה ווען יוא זיא איז אים בשערט נאך אין זיין מוטרש בויך · וויא קען זיא אנאנדריר פערדין: נאך מער איז קשה מיר זעהן דאך צדיקים וואס האבן שלעכטי ווייביר : אונ רשעים וואס האבן גוטי ווייביר : אז וויא דער רשע (נבל) האט גיהאט די צדיקת (אביגיל) פאר אווייב :

נאר דער תירוץ איז אזו דער בת קול איז בוראי זוגות : נאר בתנאי אז דער מענטש בלייבט אזו וויא ער זיין בשאפין גיווארין · אבער אז ער ווערט איין צדיק: אונ זיא איין מרשעת אזו אויך להיפוך ווערט די ערשטי גזירה בטל אונ גאט נעמט זיא אוועק פון אים · אונ גיט זיא אנאנדרן נאך זייני מעשים נאך · אויך איז איין סוד פון גאט דאס אופט האט איין צדיק איין שלעכט ווייב · אונ איין פרומי צנועה האט אשלעכטין מאן : דאס איז דרום כדי דער רשע אודר די רשעת זאל אפ נעמין דער צדיקת אודר דעם צדיקש עבירות כדי די זאלין קומען היין אויף עולם הבא · אז וויא די גמרא זאגט דיא זענין וואס קומען ניט אין גיהנם · אונ איינש דר פון איז ווער עס האט איין ביז ווייב · אויך אמאל וויל גאט וויל האבן פון איין רשע זאל ארויס קומען אגוטי זרע : אזו גיט ער אים אפרום ווייב אונ אזו אויך פאר קערט אויך אמאל וויל גאט האבין פון איין צדיק זאל ארויס קומען איין שלעכטי זרע בשערט ער אים איין שלעכט ווייב · אונ אזו אויך פאר קערט :

אימליכר יהודי זאל געווארנט זיין ניט צו שעלטן זיין ווייב מיט קיין שום קללה : דען עש איז גלייך ווייא ער שעלט זיך זעלבערט אונ עש איז דאך איין לאו אין דער תורה זיך זעלבסט ניט צו שעלטן : אונ דער וואש שעלט זיין ווייב איז ער עובר אויף דעם לאו אונ אויף דעם לאו וואש עש איז אסור צו שעלטן זיין חבר דרום זאל מען דריבן זייער נזהר זיין · אויך ווער עש איז מבזה זיין ווייב פאר לייטן איז זיין עונש פיל גרעסער ווייא ער וואלט אנאנדרין מבייש געווען : אויך זאל ער איר ניט רידין קיין בייזי רייד : דען דער סדר איז פון דיא ווייבר באלד צו וויינן · אזו איז עש ניט גוט מכ"ש דאש קיין שום יהודי טאר ניט שלאגין זיין ווייב ח"ו דען דאש איז איין ארגרי עבירה זוויא ער וואלט אנאנדרין יהודי גישלאגין · אונ אויף אימליכן שלאק בזונדר איז ער חייב איין לאו : אונ אפילו ער הייבט נאר אויף זיין האנט צו שלאגין הייסט ער אויך ארשע : אונ מטאר אים ניט אויף רופן צו דער ספר תורה : ביז ער טוט רעכט תשובה · אונ עש זאל זיך אימליכר יהודי האלטן אונ דער צייט בקדושה ובטהרה אונ זאל מיט איר ניט רידין קיין שום ווארט אין דער זעלביגר צייט : ער זאל זייני געדאנקין מיט איר פריד אויש רידין · כדי זיא זאל אויך איר דעה אונ כוונה האבין דרויף · דען כמעט צום מייגסטן ווענדט זיך אין איר מחשבה אונ זיא זאלין זיך היטן פאר בייזי רייד אונ בייזי מחשבות ומכ"ש פאר בייזי מעשים אין דער זעלביגר צייט : אונ ער איז זיא מחייב צו לערנין דרויף · כדי אז פון זייער זרע זאל ארויש קומן איין גוט פריכט :

ער זאל זיך אמשל נעמין ווען ער וויל זייאן זויין אודר קארין דא זעהט ער אונ אכט אונ טראכט צו זייאן אויף איין גוט אונ דיין פעלד : עש זאל דריבן ניט זיין קיין שטיינער · אונ קיין דערנר : אונ זעהט אויך דיא זאמין זאלין אויך ריין זיין :- כדי זיין תבואה זאל וואול גיראטין : דאש זיין מיא אונ ארביט זאל אן גיליגט זיין אונ זאל ניט זיין אום זוסט : נון מכ"ש דאש ער דארף זעהן אז פון דעם זאמין וואש גייט ארויש פון זיין לייב אונ מוח : אז עש זאל דער פון ארויש קומן אגוט קינדר : אונ זייא זאלין עש טאן לשם שמים : ניט פון זייער הנאה וועגין : אזו וועלין זייא זוכה זיין דאש פון זייער זרע ווערט ארויש קומן גוטי קינדר דאש זייא וועלין דינן הקב"ה : אונ וועלין זיין גילערינט אין תורה אונ מצות אונ אין דרך ארץ אמן (וכן־יהי רצון ) אמן ואמן :

סילוק הלכות נשואי אשה

## הלכות תלמוד תורה פרק אחד עשר

## דער עליפטר פרק רעט דאש מזאל תורה לערנין :

(אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב כי־אם בתורת ה' חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה : והיה כעץ שתול על פלגי מים אשר פריו יתן בעתו ועליהו לא יבול וכל אשר יעשה יצליח) : דוד המלך האט אן גיהובין זיין ספר תהלים מיט דיא פסוקים ברוח הקודש דער מיט דוזמו ער אונז גוויזן וויא גרויש דיא זאך איז פון תורה לערנין : אונ אזו איז דיא טייטש פון זייא וואול דעם מענטשין וואש איז ניט גיגאנגין אין דער עצה פון דיא רשעים : אונ אין דעם וועג פון דיא זונדיגי איז ער ניט גישטאנין : אונ אין דעם זיצונג פון שפעטירם איז ער ניט גיזעסין : נאר גאר זיין לוסט זאל זיין אין דער תורה פון גאט : אונ ער זאל אין איר עוסק זיין טאג אונ נאכט : אטייל פונים טאג : אונ אטייל פון דער נאכט : אונ אז ער ווערט לידיג פון זייני עסקים זאל ער זיך זעצין תורה לערנין אונ קיין מענטש זאל זיך ניט טראכטין אייךר איך זאל איין עבירה טאן : בעסיר וויל איך מיך ליגין שלאפין : אודר איך וועל מיך אביסל גיין שפאצירין דרום זאגט ער דוא זאלשט לערנין תורה טאג אונ נאכט אונ אז דוא גייסט נאך דייני עסקים : אונ זאלשט ניט טאן קיין עבירות : אונ זאלשט מקיים זיין דיא מצות וואש זענין גיבאטין אין דער תורה : (והיה כעץ שתול) אז זויא איין בוים וואש איז גיפלאנצט אויף בעך וואשיר : דאש זייני בליטיר ווערין קיין מאל ניט פארדארט : אונ זענין תמיד גרין · אזו וועט אויך זיין דער תלמיד חכם וואש לערינט תמיד תורה מיט תלמידים אונ די תלמידים מיט זייערי תלמידים : אונ קיין לער ווארט גייט ניט ארויש פון זיין מויל · אונ אפילו זייני דברים בטלים אז מען בקלערט זייא זענין זייא אויך איינזיל תורה אונ שטראף אונ ער רעט ניט ח"ו קיין אום גיצלכי רייד : דרום טאר קיין תלמיד חכם ניט זיצן אודר שטיין מיט איין עם הארץ : דען ער איז דאך ניט מקבל תוכחה אזו וועט ער אים אויש לייגין צו אלי דאש בייז : דרום זאגט דיא גמרא ווען איין תלמיד חכם רעט עפים : גייב דייני אויערין דער צו : אונ זייא זאלין בייא דיר זיין אזו וויא קאלט וואשיר צו דעם וואש איז זייער דארשטיג : דען אלי זייני רייד זענין איטיל תורה אונ חכמה : אונ אז דוא פאר שטייסט ניט עפים איין זאך פון זייני רייד : זאלסטו ניט אן הענגין דאש ער האט ח"ו אום רעכט גיזאגט : נאר זאלסט עש אן הענגין אין דיין שפלות : אונ זאלסט דיך מצער

זייני

זיין דרדין: דען אז דוא ווישט זייני ריד ניט בטראכטן זעסטו זעהן דאש זיא זענן אייטל תורה אונ מצות: אונ זענין ניצג אונ געטלכי אונ וועלטליכי זאכן: (וכל אשר יעשה יצליח) אונ אלש וואש ער טוט איז בקלינט: דען זיין כוונה איז מיט אלים לשם שמים: (אמר רבא) רבא זאגט אלי צייט זאל איטליכר תורה לערנן: אז וויא דער פסוק זאגט (ובתורתו יהגה יומם ולילה) אויך זאגט רבא תמיד זאל אמענטש תורה לערנן אפילו ער פאר שטייט ניט חאטשי מיטאר דאך ניט תפלה טאן אז מען פאר שטייט ניט אבר ביא תורה איז ניט אזו: אז וויא דער פסוק זאגט (גרסה נפשי לתאבה) טייטשט דיא גמרא דוא זאלשט תורה לערנן אפילו דוא פאר שטייסט ניט: ווייסטו דאך האבן שכר דער פאר: אזו גאר ליב איז דיא תורה דען דיא תורה האט איין סגולה אין זיך ווער עש לערינט זיא: איז עש אים איין רפואה אויף דער וועלט: אונ אויף יענר וועלט וואש איז דיא רפואה פון דער וועלט: זאגט דיא גמרא אז דיין קאפ אודר דיא אנדרי גלידר טאן דיר וויא: אודר אפילו דיין גאנצער גוף איז דיא רפואה תורה צו לערנן: אז וויא דר פסוק זאגט (ולכל בשרו מרפא) דיא תורה איז איין רפואה צו אלי זייני גלידר: אונ זיין לייב:

רבי יודא בר רבי חייא זאגט עש איז גרעסר דיא רפואה פון דער תורה פון דער רפואה פון אנדרי רפואות דען איין קרייטיכץ אודר גיטראנק דאש זעלביגי איז גוט צו איין אבר: אבר צו דיא איבריגי איז עש שלעכט אבר דיא תורה איז ארפואה צום גאנצין גוף:

דרום שטייט דאש ווארט (יהגה) דאש האט אין זיך צווייא טייטשין: (יהגה) ער טוט ריידין אין דער תורה (יהגה) ער טוט טראכטין אין דער תורה: אבר דער וואש לערנט תורה פון זיין הנאה וועגין: דאש ער וויל געלט אודר קעסטליכקייט בקומן אודר ער וואלט גערין איין רב גיווארין אודר פון שכר עולם הבא וועגין איז עש ניט לשם שמים אבר דאך איז עש אויך ניט אזו אויך זאגט דיא גמרא תמיד זאל איין מענטש תורה לערנין אפילו ניט לשם שמים דען דער נאך וועט ער דעם רעכטין סוד גיוואר ווערין אונ וועט שוין יוא לערנין לשם שמים אבר דער וואש בגערט גאר ניט צו חיכן דעם רעכטין סוד זאגט אויף אים דיא גמרא עש וואלט בעסיר גיוועזן ער זאל ניט בשאפין ווערין אונ דער שכר פון



דעם וואש לערינט לשם שמים האט גאר קיין שיעור נוט אבר עש זאל קיינער ניט לערנין פון שכר וועגין נאר ער זאל זיין כוונה האבן אפילו איך זאל גאר קיין שכר ניט האבן, וויל איך אויך גאט דינן פון זיין אהבה אונ גדולה וועגין (בריך הוא וברוך שמו) דיא גמרא זאגט דיא וועלט שטייט אויף די וואש לערנין תורה לשם שמים אזו אויך שטייט אין פרק אויפדרייא זאכין שטייט דיא וועלט (על התורה וכו'):

גרכינו מיר האבן גילערינט אין (מסכת כתובות) ווער וואש לערינט תורה לשם שמים וועט ער זוכה זיין אויף צו שטיין תחית המתים אבר דער וואש לערינט תורה נאר פון זיין הנאה וועגין וועט ער ניט אויף שטיין צו תחית המתים דען דער טויא וואש קומט פון דער תורה איז מחיה מתים דער נאך זאגט ווייטיר דיא גמרא דער וואש העלפט תלמידי חכמים צו תורה לערנין אונ איז זיא מהנה פון זיין געלט אונ ניטש אודר ער מאכט חברותה מיט איין תלמיד חכם: אונ ניט אים ריוח ער זאל ערליך גישפייזט ווערין אונ דער וואש דינגט אן יונגן צו לערנין תורה פון זיין געלט אודר ער האלט תלמידי חכמים איבר זיין טיש אונ לאזין תורה לערנין אין זיין הויז: דאש איז בעסיד וויא דער וואש לערינט תורה אז וויא דער פסוק זאגט (שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך) זבולון האט גיהאנדלט כחורה אונ האט זיך גיטיילט דעם ריוח מיט זיין ברודר יששכר: דרום שרייבט אים דיא תורה פאר יששכר: דאש ער האט מער שכר פון יששכר: איבינג זאל איטליכר תורה לערנין אונ ארביטן און איר דען עש איז זייער גרויש איר שכר דאש אפילו איין תלמיד חכם שטארבט יונגיר הייד: אונ האט אפילו נאר ווייניג תורה גילערינט: אויב ער האט נאר גילערנט לשם שמים: האט ער אזו פיל שכר וויא דער וואש הט גילעבט הונדרט יאר: דען דער וואש שטארבט צו צוואנציג יאר קאן ער זאגין צו הקב"ה דוא זאלסט מיר גיוועזן דער לענגרזמיני יארין וואלט איך תמיד תורה גילערנט אצונד אז דוא האסט מיך אוועק גינומן יונגר הייר פון דער וועלט ווילסטו מיר ווייניגר שכר געבין דרום האט ער אויפיל שכר גלייך וויא ער וואלט לאנג גילעבט אונ וואלט תמיר תורה גילערנט:

אויף דעם האט שלמה המלך ע"ה גיזאגט (והשובע לעשיר איננו מניח לו לישן) דאש זעטיקייט פונם עושר לאזט אים ניט שלאפין האבן דיא חכמים גיזאגט זוו אים וואש

מיקפיץ דער מיט ארדבה דער זאמד שלאפט זייער וואול אונ דער הינגריגר קאן ניט שלאפין האט ער ווידר גיענטפערט אזו מיין אויך דער וואש איז זאט פון דער תורה: דער קאן ניט שלאפין זאזאין קבר דען זייני תלמידים זאגין נאך דברי תורה פון זיינט וועגין: אזו רירין זיך זייני לעפצין אין קבר · אז וויא עש שטייט (דובב שפתי ישנים) זויא טאוריירין דיא לעפצין פון דיא וואש שלאפין אין קבר: גליך וויא זויא וואלטין גילעבט אז מזאגט נאך פון זייערט וועגין אין הלכה · אודר אגוטין פשט · דען זויא האבין הנאה דער פון · אונ דער וואש זויסט נאך צו זאגין אין גוטין פשט פון אימיצניש וועגין · אונ זאגט אים ניט נאך איז ער מעכב דיא גאולה אבר דער וואש זאגט יוא נאך איז ער מקרב דיא גאולה · אז וויא עש שטייט (ותאמר אסתר למלך בשם מרדכי) אסתר האט גיזאגט צום מלך פון מרדכיש וועגין · אונ דער פון איז גיקומן דיא גאולה:

## הלכות ספר תורה

עש איז אגרושי מצוה איטליכר יהודי זאל זיך שרייבין אספר תורה דרויש צו לערנין טאג אונ נאכט אז וויא דר פסוק זאגט (כתבו לכם את השירה הזאת) שרייבט אייך אויף די תורה אונ דער וואש קאן ניט שרייבין זאל ער זיך לאזין שרייבין אודר ער זאל קויפין איין ספר תורה מיטאר ניט פאר קויפין קיין ספר תורה · נאר פון צווייא זאכין וועגין שכר לימוד צו צאלין אונ איין ווייב צו נעמין אבר אז ער האט עפיס אנדירש צו פר קויפין טאר ער דיא ספר תורה ניט פאר קויפין איין ספר תורה תפילין אונ מזוזות אודר אנדרי הייליגי ספרים וואש זיינן פאר פולט גיווארין זאל מען זויא אריין לייגין אין איין ערדיני כלי · אונ מזאל זויא בגראבין אין דער ערד ביי א איין תלמיד חכם ראש עש זאל ניט קומן הונטר דיא פיס אבר מטאר זויא ניט פר ברענגין ח״ו דען עש איז איין לאו אין דער תורה ניט אויש צו מעקין אודר צו פאר ברענגין איין (שם) ח״ו אויך טאר מען קיין (כתבי קודש) ניט אוועק ווארפין: אונ מען איז זויא מחויב בכבוד צו האלטין עש איז אסור צו לייגין איין (עשרים וארבע) אויף איין חומש · דען דער חומש איז העכיר דער פון אזו אויך ניט קיין (כתובים) אויף (עשרים וארבע) אונ ניט קיין גמרא אויף כתובים:

אויך טאר מען ניט גיין מיט איין ספר תורה אין בית הכסא אודר אין באד אריין: אויך ניט אויפין בית החיים פיידין זויא איז ווייט פיר איילין פון איין קבר · אויך טאר מען ניט אז רירין קיין ספר תורה נאקיטר הייר אויך טאר מען ניט זיצן אויף איין באנק אודר איין טיש אודר איין בעט וואש ליגט דרויף איין ספר תורה: אויך טאר מען ניט וואונין מיטן ווייב אין דעם חדר וואש איז דרינן דא איין ספר תורה אונ דיא אנדרי ספרים מוז מען אויך צו דעקין אונ זויא זאלין ניט זיין נאהינט [illegible] עט: אויך ניט צו פיסין קורץ פון דער זאך מען איז מחויב נוהג כבוד זיין צו דיא הייליגי ספרים · אז וויא עש שטייט אין פרק (כל המכבד את התורה גופו מכובד על הבריות · וכל המחלל את התורה גופו מחולל על הבריות) דער וואש האלט ערליך דיא תורה האלטין אים דיא לייט אויך ערליך: אונ דער וואש פר שוועכט דיא תורה פאר שוועכין אים דיא לייט אויך: אונ דער וואש איז טמא גיווארין פון איין (מת): אודר ער האט (רואה קרי) גיוועזין · אזו אויך איין נדה · דיא אלי מעגין וואול אן רירין איין ספר תורה מיט רייני הענט: דען זויא איז ניט מקבל טומאה דער וואש זעהט טראגין איין ספר תורה זאל ער אויף שטיין פאר איר אונ זאל בלייבין שטיין ביז מען שטעלט זויא אריין אויף איר ארט · אודר דאש ער זעהט זויא שוין ניט מיטן אויג · אויך איז אגרושי מצוה מזאל מאכין צו דער ס״ת איין שיין אונ ריין ארט · אונ מטאר ניט ריידין קיין שום ווארט מכ״ש קיין אום בתרבות ווארט אונ אויך ניט שפייאן פאר דער ס״ת גליך וויא אין שיל: אויך טאר מען ניט אויש שטרעקין דיא פיס: אודר ווענדין דעם רוקן צו דעם ס״ת · אויך איז מען מחויב צו שטיין פאר איר אפילו אין זיין הויז מיט פארבעט אונ אנגעטין אונ ניט קיין קלות ראש צו טרייבין אונ אויך ניט קיין גילעכטיר: דען זויא איז איין עדות צו דער גאנציר וועלט וויא דער פסוק זאגט אונ דיא תורה זאל זיין צו אייך איין עדות · דרום איז איטליכר מחויב דיא ספר תורה מכבד צו זיין מען איז מחויב צו לייאנין דיא סדרה אלי וואך צווייא מאל דעם פסוק אונ איין מאל תרגום אונ איין מאל אין רש״י אונ אז ער לייאנט איין מאל דעם פסוק אין דער היים אונ דאש אנדרי מאל מיטן חזן אין שיל איז ער אויך יוצא אבר עש איז פיל בעסיר ער זאל צו הערין איטליכש ווארט פונם חזן: אונ זאל ניט פאר פעלין אפילו אינש פון זויא:

דער וואש לערינט תורה איז גליך וויא ער וואלט מקרים גיוועזן

גיווען אלי תרי"ג מצות וואש אין איר שטייאן דען אין (עשרת הדברות) פון (אנכי) ביז (לרעך) זענין תרי"ג אותיות : קענין דיא תרי"ג מצות : אונ דיא תורה איז אטייל שלום אז וויא דער פסוק זאגט (שלום רב לאוהבי תורתיך ואין למו מכשול) פיל שלום איז צו דיא וואש האבן ליב דיין תורה אונ עש איז צו זייא קיין שטרויכלינג ניט :

סליק פרק תלמוד תורה

## הלכות משא ומתן פרק שנים עשר

דער צוועלפטיר פרק רעט וויא מיזאל האנדלין באמונה : אונ קיינר טאר זיין חבר קיין אום רעכט ניט טאן :

אשרי כל ירא ה' ההולך בדרכיו) וואול דעם וואש פארכט זיך פאר גאט דאש ער גייט אין זייני וועגין אונ עש שטייט דאך שוין אויבן וואש עש זענין דיא וועגין פון גאט וויא ער איז איין (רחום וחנון) אום זונסט אזו זאלסטו אויך זיין איין (רחום וחנון) אפילו אויף בהמות מכ"ש אויף מענטשין וויא ער איז (נושא עון ופשע וחטאה) מוחל דיא עבירות דורך תשובה אזו זאלסטו אויך מוחל זיין דיין חבר אז ער בעט פון דיר מחילה : וויא ער איז איין (גומל חסד) אזו זאלסטו אויך גומל חסד זיין (יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך) אז דיא וועסט דיך מפרנס זיין פון דער מלאכה מיט דייני הענט וואול דיר אויף דער וועלט אונ עש וועט דיר גיט זיין לעולם הבא : דען דוא וועסט מיט קיינים ניט קריגין אונ אלי וועלין דיך ליב האבין אונ שלום האבין מיט דיר :

דער פסוק זאגט אין משלי (איש אמונת רב ברכות) דער מענטש וואש האנדילט באמונה דער בקומט פיל ברכות : דען דיא לייט ווילין מיט אים האנדלין : אונ פאר זוכרין זיך אין אים : אונ לייאין אונ גיטראוין אים : אונ לאזין זייער געלט בייא אים : אונ ער האט חן אונ ליבשאפט אין גאטש אויגין : אונ אין לייטינש אויגין : אונ ער הערט אפילו גירופין איין צדיק : אז וויא דער פסוק זאגט (וצדיק באמונתו יחיה) דער צדיק וואש האנדילט באמונה דער וועט לעבין לעולם הבא . אבר דער וואש האנדילט ניט באמונה דער האט פיל פיינד : אונ פרייאט זיך ניט מיט דעם וואש גאט האט אים בשערט : אונ ער בגערט צום חברש געלט : אונ וויל קיינים ניט גליך טאן : זיין חוב וויל ער ניט בצאלין : אונ אפילו ער בצאלט שוין יוא : מח ייעניר גרויש מיא אונ נאך לויפניש האבין דרויף אונ ער רייסט אים אפ דער פון : ער מיינט ער וועט דער פון רייך ווערין : אבר אדרבה ער ווערט דערפאר ארום : אז ווי דער פסוק זאגט (ואץ להעשיר לא ינקה רע) דער וואש אילט זיך צו ווערין פון אום ריין געלט : דער ווערט קיין מאל ניט ריין פון קיין ביין : דאש עש קומן אויף אים בלבולים : דאש געלט פאר גייט : אונ דיא עבירות דער פון בלייבין בייא אים : אז וויא דער פסוק זאגט (עושה עושר ולא במשפט בחצי ימיו יעזבנו ואחריתו יהיה נבל) דער וואש מאכט זיך עשירות מיט אום רעכט געלט : אין זייני האלבי יארין וועט ער עש אן ווערין אונ זיין סוף וועט זיין שלקאפטיקט : אונ לכוף וועט ער דארפין צו די לייטין אונ זייא ווערין אים פיינד האבין איבר זיין רשעות אונ וועלין אים ניט וועלין קיין צדקה געבין :

דרום איז צום בעסטין דר מענטש זאל האנדלין באמונה : אונ זאל ערליך בצאלין זייני חובות מיט גוטין מיד אונ מיט גיט געלט דאש יעניר זאל ניט דארפין אן ווערין דריגן : אונ יעניר זאל אים ניט דארפין נאך לויפין : אז וויא דער פסוק זאגט (אל תאמר לך ושוב ומחר אתן לך) זאלשט ניט זאגין גייא אוועק אצונד קום מארגין וועל איך דיר בצאלין נייארט דוא זאלשט תיכף ומיד בצאלין אז אז אימנצר איז דיר שולדיג זאלשטו אים ניט צווינגן : טאמיר האט ער ניט תיכף : אזו ביסטו דאך עובר אויף איין לאו אין דער תורה (לא תהיה לו כנושה) זאלסט צו אים ניט זיין וויא איין מאניר (רב לוי) זאגט אז דוא וועסט האנדלין באמונה וועכסטו רייך ווערין : אונ אויב ניט וועסטו ארום ווערין : דאש איז גידרונגין פון דער תורה : עש שטייט (לא יהיה וגו') זאלסט ניט האבין קיין צווייא ערלייא גוויכט אודר מאסין : דאש אז דוא קויפסט קויפסטו מיט דער גרוישר מאס : אונ פאר קויפין פאר קויפסטו מיט דער קליינר מאס (לא יהיה לך) דרשת דוא גמרא אז דוא וועכסט אזו טאן וועסטו ניט האבין : אונ אז דוא וועכט ניט אזו טאן (יהיה לך) וועסטו פיל האבין :

תנו רבנן דיא רבנן האבין גילערינט זיבן ערלייא גנבים זענין פאר האנדין : דאש ערשטי ווער עש גנבת גאלד אונ זילבר דאש אנדרי ווער עש גנבת דיא דעה פון לייטין : דאש ער זאגט איינים אז ער האט אים אטובה גיטאן : אונ באמת איז עש ליגן : דאש דריטי ווער עש בעט צו זיך איין אורח : אונ זיין דערך איז ניט דער בייא : דאש פערדי ווער עש שענקט איין מתנה צו איין מענטשין וואש ער ווייכט ער וועט זיא ניט נעמין : דאש פינפטי ווער עש איז איין שענקיר אונ עפינט אויף איין פול פאס מיט משקה : אונ זאגט צו איינים איך עפין עש פון דייניטו וועגין : אונ באמת וואלט ער זיא בלויז גיעפינט : אודר נאך זעלכי גלייכין דער הייסט אויך איין גנב : דאש זעקסטי ווער עש האט פאלש גוויכט אודר פאלשי מאסין : אודר פאלשי איילין . דאש זיבטי ווער עש מישט עכיק אין בוימיל : אונ פאר קויפט עש פאר בוימיל : דאש

וועט מען ניט קומן צו שנאת חנם : דען דעם עניו פאר דריסט ניט קיין שום זאך · אונ ער פאר הערט : אונ פאר שווייגט : אבר דעם גוותן פאר דריסט איטלכש ווארט : דען ער מיינט מען רעט אלש לגנאי · דען דיא גאוה איז דער מקור אונ יסוד צו אלי הארבי עבירות וואש אין דער תורה זענין : פון גאוה קומט שנאת חנם · אונ רוגז · אונ קריג · אונ גישלעג · אונ רציחה · אונ זנות : אז וויא דער פסוק זאגט (תועבת ה׳ כל גבה לב) עש איז אום ווערדיג צו גאט דאש הויכי הארץ · אונ דיא עבודת גלולים הייסט אויך (תועבה) : פון גאוה קומט לשון הרע · קורץ פון דער זאך אל דאש בייז קומט פון גאוה · אונ אל דאש גוטץ קומט פון ענוות :

דא וועל איך אייך לערנין וויא אזו איר זאלט אפ טואן פון זיך דיא בייזי מדה פון גאוה למשל אז איינר טוט אים עפיס וואש אים דוכט זיך עש איז אום רעכט · זאל ער גידענקין אין דעם (יום המיתה) : אונ וויא מיוועט אים ארייך ליגין אין קבר אריין : דען אלי מוזן דאך שטארבין אונ עש פעלט קיינים ניט : אזו וועט אים בודאי פאר גיין זיין גאוה אונ דאש איז דאך אויך ידוע אז דאש וואש מוז זיין · אונ עש קען אנדירש ניט זיין · איז גלייך וויא עש איז שוין גיוועזן : אזו אויך קען דאך אנדירש ניט זיין דאש איטליכר מוז שטארבין · דרום זאל זיך אים דוכטן גלייך וויא ער איז שוין גישטארבין אונ אז מען טוט עפיס איין טויטן מענטשין · אודר מירעט אים עפיס דא קאן ער דאך ניט ענטפרין · אזו וועט ער בודאי זיין איין עניו :

נון וויא זאל דער זינדיגר מענטש ניט גידענקין אין דעם טויט דאש ער איז קיין שעה ניט זיכר : אונ קאן פאר גיין אין איין רגע אונ דער מענטש וואש גידענקט דריגן פאר גייט אים בודאי זיין גאוה דער נאך קאן ער קומן צו פיל גוטי מדות : אונ ווערט בהיט פאר פיל הרבי עבירות : בפרט פון דיא עבירות וואש צווישן אים אונ זיין חבר דהיינו (לא תקום) אונ (לא תטור) אונ (לא תשנא את אחיך בלבבך) : אויך אנדרי עבירות : דהיינו שעלטין אונ קריגן דען דאש אלש קומט פון גאוה אז וויא דער פסוק זאגט (הוכח תוכח את עמיתך ולא תשא עליו חטא) אז דיין חבר האט דיר עפיס דער ווירר גיטאן זאלסטו אים שטראפין אונ זאגין צו אים ווארום האסטו מיר דאש גיטאן אודר גירעט : אזו וועט ער זיך פאר ענטזערין פאר דיר · אונ איר וועט שלום ווערין : אבר עש איז צום בעסטין דאש עש זאל אים ניט ארין קיין שום זאך אונ קיין רייד אונ זאל עש מוחל זיין : אז וויא

דיא צדיקים אונ חסידים פאר צייטין פלעגין טיאן : אלי צייט זאל איטליכר יהודי זעהן אונ אכטינג געבין זיך ניט צו קריגן מיט זייני חברים אונ זאל איטליכן גיטיש טאן אז וויא זיך זעלברט אז וויא דער פסוק זאגט (ואהבת לרעך כמוך) זאלסט ליב האבן דיין חבר וויא זיך זעלברט (מה דעליך סני לחבריך לא תעביד) וואש עש איז אויף דיר ניפיינט זאלסטו דיין חבר אויך ניט טאן · (רבי עקיבא) זאגט עש איז אין קלייני פרשה (ואהבת לרעך כמוך) אונ דרינן דיענט כל התורה כולה אונ אז ער שאפט מיט דיר עפיס זאלסטו עש טאן גלייך וויא עש וואלט גיוועזן פאר קערט דאש דו וואלסט מיט אים גשאפט מכל שכן דאש דוא זאלסט ליב האבין דיין בשעפר · אונ זאלסט טאן אלש וואש ער גיבוט אונ שאפט מיט דיר :

דרום איז איטליכר מחוייב צו גידענקין אין זיין חבריש טובה גלייך וויא אין זיין טובה : אונ אז זיין חבר איז עפיס אין אסכנה אונ ער קאן אים מציל זיין אונ איז אים ניט מציל איז גלייך וויא ער וואלט אים אום גיבראכט מיט זיין האנט : אז וויא דער פסוק זאגט (לא תעמוד על דם רעך) זאלסט ניט שטיין ביא דיין חבריש בלוט דאש דוא זאלסט אים ניט פאר לאזין אין איין צרה ניארט דוא בימט אים מחוייב צו העלפין מיט דיין לייב אונ גיטש אונ אויב דוא ווילסט זאגין איך קאן אים ניט העלפין : דרום שטייט דער ביא (ויראת מאלהיך) זאלסט זיך פארכטין פאר דיין גאט דען ער ווייסט אויב דיא קענסט אים העלפין · אונ אויב ניט אונ אזו אויך ביא אלי זאכין וואש דער מענטש קאן זיך פאר ענטפרין פאר לייטין שטייט דער ביא (ויראת מאלהיך) דען ער ווייסט דעם אמת : אבר דער וואש איז איין ירא שמים : אונ בדענקט זיך איך האב דאך גאט אופט דער ווירר גיטאן : נוא וויא זאל ער עש מיר מוחל זיין אז איך וויל ייענים ניט מוחל זיין : אזו וועט ער פון זיך בודאי אראפ ווארפין דיא גאוה : אויך דער גאוותן לייגט איטליכן אויש צו בייזין : אבר דער עניו איז איטליכן דן (לכף זכות) דרום אויך ווען ישראל זענין · איינש אונ זענין מוחל איינש דש אנדרי אונ עש איז צווישן זיא קיין קריג ניט פאר האנדין זאגט אויך זיא דער פסוק (למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך) פון וועגין מייני ברודר · אונ גיזעלין וועל איך ריידין שלום צווישן דיר אונ גאט וועט אונז טאן אלי טובות אונ נחמות וואש די נביאים האבן גיזאגט אונ ער וועט

אונז

אונז שיקן משיח במהרה בימינו אמן:

סליק פרק אהבת חברים וגמילות חסדים

## ענין הכעס והחמה שלא לכעוס פרק ארבעה עשר

דער פערצעטר פרק רעט דער מענטש זאל ניט זיין אין כעס דען פון קיין כעס קומט קיין גוטש ניט:

שכל אדם האריך אפו ותפארתו עובר על פשע) דער שכל פונם מענטשין איז ער זאל דער לענגערן זיין צארין אונ זיין שיינקייט איז ער זאל איבר פארין אויף דיא זינד עש איז אויך אמאל גיוועזן איין חסיד אלי נאכט אידר ער האט זיך גילייגט שלאפין האט ער אזו גיזאגט דא בין איך מוחל איטליכן מענטשין וואש האט מיר דער ווידר גיטאן דאש ער זאל קיין עונש ניט ליידין דורך מיר אויך זאגט דיא גמרא דריא וועגין וואש גאט האט ליב דער וואש ווערט ניט ברוגז אונ דר וואש שיכורת זיך ניט אונ דער וואש איז מוחל איטליכן מענטשין (רב ארא) האט גילעבט עטליכי הונדרט יאר האבן אים זייני תלמידים גיפרעגט ליבר רבי דורך וואש פאר איין זכות האט איר זוכה גיוועזן אלט צו ווערין זאגט ער איך האב קיין מאל ניט גיצערינט אין מיין הויז אויך בין איך ניט גיגאנגין פריר פאר דעם וואש איז עלטיר אודר קעסטליכר גיוועזן פון מיר: אויך האב איך ניט מהרהר גיוועזן אין דער תורה אויף איינאום ריין אורט אויך בין איך ניט גיגאנגין פיר אילין אן תורה אונ תפילין: אונ איך האב ניט גישלאפין אין שיל אונ אין בית המדרש · איך האב מיך ניט גיפרייט אין דער צרה פון מיין חבר אויך האב איך קיינים ניט גירופין מיט קין צו נאמין: דרום זאל איטליכר מענטש גיווארינט זיין ניט צו זיין אין כעס דען אין דעסבעל כעס גיוועלטיגן אלי מיני גיהנם אויף קומן אויף אים פיל קרענק נוא פאר זינדיגט ער דיא וועלט אונ יעני וועלט רבי יונתן זאגט עש קומן פיל קרענק אויף איין רגזן: אז וויא דער פסוק זאגט (ונתן לך ה׳ לב רגז וכליון עינים ודאבון נפש) גאט וועט דיר געבין איין צערינדיג הארץ אונ פאר בלענזטי אויגן אונ וויטאג צו דיין לייב (אבא בר הנא) זאגט דער וואש איז אופט אין כעס איז אפילו דיא שכינה ניט גיאכט אין זייני אויגן אז וויא דער פסוק זאגט (רשע בגובה אפו בל ידרוש אין אלהים בל מזמותיו) דער רשע איבר זיין הויך צארין פארשט ער ניט אין גאט מיט אלי זייני מחשבות: (רבי ירמיהו) זאגט ער פאר געסט אויך זיין תורה: אונ ווערט נאריש אז וויא דער פסוק זאגט (כי כעס בלב בסילים ינוח) דען דער כעס רואט אין הארין פון דיא נארין אונ רשעים:

רבי נחמן זאגט ווער עש איז איין כעסן זאלסטו וויסן דאש זייני עבירות זענין פיל מער פון זייני מצות אז וויא דר פסוק זאגט (ובעל חמה רב פשע) דער צארינדגר מענטש האט פיל זינד:

דער (ראשית חכמה) שרייבט ווער עש וויל תשובה טאן זאל ער אשבועה טאן ניט צו זיין אין כעס: אונ אויב ער ווערט פאר געסין דיא שבועה: זאל ער זיך איין קנס מאכן צו געבין אין צדקה אריין: אז ער וועט זיין אין כעס: אבר אז ער וועהט איינים איין עבירה טאן: אזו וואלט ער דאך גימעגט ברוגז ווערין: ווייל עש איז פון גאטש וועגין נאר ער טאר דאך ניט עובר זיין זיין שבועה: דרום זאל ער זיך שטעלין גלייך וויא ער איז ברוגז: אזו זאל ער זיך נוהג זיין עטליכי יאר: בין ער וועט קומן אין זיך דיא מדה פון ענוה:

אין איין תענית איז דער מענטש גרינג ברוגז צו ווערין דרום זאל ער זייער גיווארינט זיין: דען דענסמלט איז ארגיר וויא אין אנאנדרין טאג: דען עש וואלט פיל בעסיר גיוועזן ער זאל ניט פאסטין: אזו איז אויך דער דין אום שבת אונ יום טוב: אזו אויך אז איינר האט בי זיך אורחים דענסמלט איז אויך פיל גרעסיר דיא עבירה פון כעס אידר אנאנדרט מאל: דען דיא אורחים מיינן ער מאכט דרום איין קריג מיט זיין הויז גיזונד: כדי ער זאל אונז פטרין: דרום איטליכר מענטש וואש וויל האבין אין זיך יראת שמים: זאל ער פון זיך אפ טואין דיא בייזי מדה: אזו וועט אים גאט מציל זיין פאר אלי בייזי פורעניות אונ יסורים אונ פאר איין מיתה משונה: אונ פאר דעם גיהנם: אונ ער האט שלום אויף דער וועלט: אונ אויף יענער וועלט: אונ קומט מיט שלום אין גן עדן אריין: אז וויא דער פסוק זאגט (או יחזק במעוזי יעשה שלום לי)

סליק פרק הכעס והחמה

## (הלכות שלא לספר לשון הרע וניבול פה פרק חמשה עשר)

דער פופצעטר פרק רעט מ׳ זאל ניט ריידין קיין לשון הרע אונ (ניבול פה)

(לכו בנים שמעו לי יראת ה׳ אלמדכם מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר

מדבר מרמה) גייט קיינר הערט מיך צו : איך וועל אייך לערנין דיא יראה פון גאט ווער איז דער מענטש וואש וויל לעבין בעוה"ז ובעוה"ב : אונ ער האט ליב צו זעהין גוטש אין זיני טעג : היט דיין צינג פון לשון הרע : אונ דייני לעפצין פון צו ריידין לוסטיקייט : נון זעהין מיר וואול אז דאש לעבין הענגט אין דער צינג אונ אין מויל פונים מענטשין :

אזו איך זאגט דער פסוק (מות וחיים ביד הלשון) דער טוט אונ דאש לעבין הענגט אין דער צינג : ווען דר מענטש רעט נוטי זאכין האט ער דאש לעבין : אונ פארקערט האט ער דעם טויט : אז וויא דער פסוק זאגט (שומר פיו ולשונו שומר מצרת נפשו) ווער עש היט זיין מויל אונ צינג היט ער פון צרות זיין לייב דען דיא צינג איז גלייך וויא איין האנט : דרום זאגט דער פסוק (מות וחיים ביד הלשון) : אזו וויא דיא האנט קען אום ברענגין איין מענטשין : אזו איז אויך דיא צינג : אונ דיא צינג איז נאך פיל ארגיר : דען דיא האנט קען ניט טייטין איין מענטשין : טיידין זיא איז נאהונט צו אים אונ בגרייפט אים : אבר דיא צינג קען טייטין פאר הונדערט מייל : דרום זאגט דער פסוק (חץ שחוט לשונם מרמה דבר) אז וויא איין פייל אזו טייט קוילין דיא צינג וואש רעט שאלקאפטיקייט : אונ לשון הרע קען טייטין איין מענטשין אפילו ער איז פאר הונדערט מייל : אז וויא דער פסוק זאגט (שתו בשמים פיהם ולשונם תהלך בארץ) זייא טואין אין הימל זייער מויל : אונ זייער צינג גייט ארום אויף דער ערד כלומר לשון הרע גייט אזו ווייט וויא פון הימל צו דער ערד :

נאך איין פשט איז זייא טואין זייער מויל אין הימל : כלומר זייא ריידין פון גרושי לייט : אונ זייער צינג גייט ארום אויף דער ערד : כלומר זייא ריידין אפילו פון שפלי לייט : דען דער וואש געוויינט זיך צו ריידין לשון הרע . רעט ער פון אלי לייט גלייך : אויף גוטי אונ שלעכטי אויף נאהינטי אונ ווייטי אונ מאנזבלין אונ ווייבר : אויף יונגי אונ אלטי : (כמה) וויא זייער גרויש איז דער עונש פון דיא וואש ריידין לשון הרע : לא די זייא פארזינדיגן זייערי טעג : אונ עולם הבא אויך : נאר זייא פארזינדיגן נאך זייערי ווייב אונ קינדר אונ אז איין אשה רעט לשון הרע : פארזינדיגט זיא איר מאן אונ קינדר : אונ קומין פון זייער גוטש : אפילו דער וואש הערט נאר צו לשון הרע מוז אויך גרויש עונש לידין :

דרום האט גאט בשאפין דיא לעפליך צום אויער : דאש אז איינר ווערט הערין רעדין בייזי רייד זאל ער דער מיט פאר שטעקין דיא אויערין : אונ דרום זיינין דיא פינגר שפיציג כדי מזאל זייא קענין אין אויער ארייו טאן ניט צו הערין קיין בייזי רייד :

דרום גיהער זיך איטליכר היטן דער פאר דא וועל איך בשיידין וועלכיס הייסט לשון הרע : ווער עש רעט פון דיא לייטין : אין דעם הויז לעבט מען וואול : זון דעם הויז קאכט מען וואול : אין דעם הויז עסט מען וואול : אודר מען גייט אין שיינה קליידר וויא נעמין דאש אליש דיא לייטין : אודר ער זאגט יענר האט שלעכטש גיטאן : אודר ער זאגט דוא קענסט דעם ניט : זאלסטו אים אזו קענין וויא איך וואלסטו דיך פאר וואונדרט · אודר דעסט גלייכין נאך זעלכי רייד דאש איז איטל לשון הרע : קורץ פון דער זאך וואש איינר רעט פונם חבר אז ער הערט ניט הייסט לשון הרע :

רכילות הייסט אז איינר קומט צו זיין חבר : אונ זאגט דאש אונ דאש האט דיר יענר גיטאן : אודר גירעט אויף דיר : דער פון קומט רציחות ר"ל : בפרט אז מיט זיין לשון הרע אונ רכילות איז ער מזיק זיין חבר · האט ער בוודאי קיין חלק לעולם הבא ניט : דיא עבירה פון לשון הרע איז הארביר פון אלי עבירות וואש שטייאן פאר באטין אין דער תורה : אונ דער וואש רעט (ניבול פה) פאלירט ער עולם הבא : אונ אפילו עש איז אויף אים נגזר גיוואורין פיל גוטש פאר זיבציג יאר : ווערט עש פארקערט צו בייזין · (רבה בר שילא) זאגט פון וועגין (רב חסדא) מען מאכט אים אויף איין טיף גיהנם אז וויא דער פסוק זאגט (שוחה עמוקה פי זרות זעום ה' יפול שם) איין טיף גיהנם מאכט מען דעם וואש רעט פרעמדי רייד אונ (ניבול פה) דער וואש דער צערינט הקב"ה וועט אהין ארייו פאלין : דיא גמרא זאגט אין (שבת) פון וועגין דער עבירה ניבול פה קומן אויף ישראל פיל צרות אונ בייזי גזירות אונ דיא קינדר שטארבין ר"ל : אונ דיא יתומים אונ אלמנות שרייאן אונ קיינר ענטפרט זייא ניט · אז וויא דער פסוק זאגט (על כן בחוריו לא ישמחו וגו') זעה דאך דיא גרושי עבירה וואש דער מענטש טוט מיט זיין מויל אונ צינג :

דרום איז ראוי דער מענטש זאל זיך וואול בדענקין איידר

ער

ער לאזט ארויש אין ווארט פונם מויל · ער זאל בעסיר אויש געבין פיל געלט אויף אום גיצליבי זאכין : איידר ער זאל ריידין אום גיצליבי רייד : דען געלט קאן מען ווייטר גווינן אבר קיין ווארט קאן מען ניט צוריק כאפין סיידין דורך גרושי תשובה · דען איטליכש ווארט וואש דער מענטש רעט ווערט איין גישריבין אין איין בוך : אוג אויך רעט ער אגוט ווארט ווערט דרויש אגוטיר מלאך ; אוג פון איין שלעכט ווארט ווערט אשלעכטיר מלאך : אוג זייא בצאלין אים זיין שכר אוג עונש : דיא חכמים ז״ל שרייבין דאש מויל איז נאר בשאפין גיווארין גאט צו לויבין : אוג תורה צו לערנין אוג מצות צו טאן :

אויך זאגט דיא גמרא פון ר׳ אילייא זאבין וועגין זענין ישראל אויש גילייזט גיווארין פון מצרים אוג איינש דער פון דאש קיין לשון הרע איז ניט גיוועזן צווישן זייא (והא ראיה) גאט האט גיזאגט צו משה רבינו ע״ה זייא זאלין אנטלייאן איין מענטש פון זיין חבר אוג איין אשה פון איר ג׳ זעלין · זילבר אוג גאלד אוג אבנים טובות אוג קליידיר אוג דאש איז בייא זייא בסוד גיוועזן אגאנץ יאר : אוג קיינר האט ניט אויס גיזאגט : דרום דארפין מיר אויך זיך אפ גיוויינן פון בייזי רייד ווער עש איז דרינן גיוואוינט ווערט בהיט פאר צרות אוג בייזי בגעניש אז וויא דער פסוק זאגט (שומר פיו ולשונו שומר מצרת נפשו) אוג אויך האט ער לאנג לעבן אוג אטיל גוטי טעג : אז וויא דער פסוק זאגט (מי האיש החפץ חיים וגו׳) אז וויא אויבן שטייט :

(סליק פרק לשון הרע ורכילות וניבול פה)

ענין חניפות לצנות שקרים ונרגן פרק ששה עשר

גם הוא לי לישועה כי לא לפניו חנף יבא) גאט יתברך וועט מיר אויך זיין אין מיין הילף דען פאר אים קומט ניט דער בעל חניפה (רב חסדא) זאגט פון (רבי ירמיהו) וועגין פיר כיתות קומן ניט אין דער מחיצה פון גאט כלומר פאר דער שכינה : דיא בעלי חניפה אוג בעלי שקר אוג בעלי לשון הרע אוג ליצנים דער סימן דרויף איז (חשמל) (חנפנים : שקרנים : מספרי לשון הרע : ליצנים) (רבה) האט גיזאגט צו זייני תלמידים איר זאלט ניט טרייבין קיין ליצנות אזו וועט אויף אייך קיין יסורים ניט קומן :

רב קטינא) זאגט דער וואש טרייבט ליצנות ווערט גימונרט זיין שפייז אוג פרנסה · אז וויא דער פסוק זאגט (משך ידו את לוצצים) גאט ציהט אוועק דיא פרנסה פון דער האט פון דיא שפעטירס : לסוף קומט ער איז גיהנם אריין : אז וויא דער פסוק זאגט (יום עברה היום ההוא) : אוג (עברה) מיינט מען דעם גיהנם (רבי יהושע) זאגט איין בעל גאוה פאלט אריין אין גיהנם (רבי תנחום) זאגט דער וואש טרייבט ליצנות דער פאר לענגט דיא גאנצי וועלט אז וויא דער פסוק זאגט (ואל תלוצצו כי כלה ונחרצה) איר זאלט ניט טרייבין קיין ליצנות דען איר פאר לענגט דיא גאנצי וועלט (רבי אלעזר) זאגט דער וואש טרייבט חניפות פאלט אריין אין גיהנם אז וויא דער פסוק זאגט (הוי האומרים לרע טוב ולטוב רע ולכן כאכל קש לשון אש) וויא צו דיא לייט וואש זאגין צום שלעכטין מאן גוטש אוג צום גוטן שלעכטש פון חניפות וועגין דרום וועלין זייא פאר ברענט ווערין וויא שטרויא אין דעם פייאר פונם גיהנם :

רכילות ווערט אויך גיטיילט אויף פיר חלקים דאש ערשטי ווער עש זאגט ליגן אויף זיין חבר : דאש אנדרי ווער עש זאגט אביסל ליגן אוג אביסל אמת דאש דריטי ווער עש זאגט גאר אמת נאר ער זעצט צו עטליכי ווערטר אודר ער מאכט מיט אנאנדרר ניגון דאש פערדי פאר שטייט עש איז רכילות דאש פערדי ווער עש זאגט אייטל אמת : נאר ער מאכט קריג דער מיט : אז וויא (דואג) האט פאר מסרת (דוד המלך) פאר (שאול) : אזו זענין פיל כהנים נהרג גיווארין איבר זיין רכילות : חאטשי ער האט דאך גאר אמת גיזאגט דרום ווער עש וויל בהיט ווערין פון (רכילות) אוג (לשון הרע) זאל ער תמיד תורה לערנין אוג אין וועלטליכי זאכין זאל ער ווייניג ריידין אז וויא דוד המלך ע״ה זאגט (ישבו שרים בי נדברו עבדיך ישיח בחוקיך) אז דיא שרים זעצין זיך באנדר ריידין זייא פון מיר · אבר איך בין דיין קנעכט אוג טיא ריידין אין דער תורה אוג דער מענטש וואש היט זיין צינג פון ליגן אוג פון חניפות אוג פאר לשון הרע : אוג רכילות אוג פון (ניבול פה) אוג פון שבועות אוג קללות אוג פון אלי דיא בייזי רייד : דער זעלביגר מענטש איז איין בן עולם הבא :

סליק פירקא :

סוד חבירך לא תגלה פרק שבעה עשר

דער זיבצעהר פרק, רעט מזאל דעם חבריש סוד ניט מגלה זיין :

לא תעמוד על דם רעך) זאלסט ניט שטין אויף דיין חבריש בלוט דער פסוק זאגט אוגז דאש קיינר זאל זיין חבר צו

קיין

קיין שאדן ניט ברענגן סיא מיט רייד אודר מיט מעשים אונ דוא ביסט אויך מחויב צו העלפן איטליכן מענטשן מיט דיין לייב אונ גיטש אז עש קומט אים צו איין שאדן׳ אונ ביסט אים אויך מחויב צו היטן עש זאל אים קיין שאדן ניט צו קומן אז וויא דא וועט בשיידט ווערן אין מקל ווין דוא זעהסט איין מענטש ווערט הם ושלום דער טרינקן אין וואשיר אודר גזלנים לויפן נאך איין מענטשין אים צו הרגין אודר צו בגזלן ביסטו אים מחויב צו העלפין וויא ווייט דוא קענסט מכ״ש דאש דוא טארסט אים נים מזיק זיין אין זיין לייב אודר אין זיין גיטש: אין דעם כלל איז אויך דאש מיר טאר ניט עפעס דעם חברש בריב טאמיד האט ער דיזן גישריבן איין סוד וואש קיינר טאר פון אים ניט וויסן דען אמאל קען זיין אז עש איז אים אסכנה אין זיין לייב אודר געלט אז אימנצר וועט וויסן פון דעם סוד : מכ״ש אז זיא איז פאר חתמית טאר מען זיא בודאי ניט עפין אויך דער (מאור הגולה) דער (רבינו גרשון) האט דרויף איין (הרם) גיגעבין : אונ דער וואש איז מגלה סוד אויף אים גייט דער פסוק (הולך רכיל וגו׳) אונ דאש איז אזוי א״י הרבי עבירה וואש דריזן העננין פיל עבירות דאש ערשטי ער איז (מגלה סוד) דאש אנדרי ער איז אים מבייש דש דריטי ער איז עובר אויף (לא תשנא אחיך) זאלסט ניט פיינט האבין דיין ברודר • דאש פערדי ער איז עובר אויף (לא תלך רכיל) דאש פופטי ער רעט לשון הרע דאש זעקסטי ער איז עובר אויף (לא תעמוד על דם רעך) דאש זיבטי ער איז עובר אויף (ואהבת לרעך כמוך) זאלסט ליב האבין דיין חבר וויא זיך זעלבסט דאש אכטי ער איז עובר אויף (לא תגזול) דען אז ער וועט ניט קענין רעכט טענין דא בקומט ער זיין געלט צו אום רעכט דש ניינטי ער איז עובר אויף (לא תחמוד) זאלסט ניט גלוסטן דיין חברש געלט דאש צעהנטי ער איז עובר אויף (הולך רכיל מגלה סוד) :

אויף אים זאגט דער פסוק (ריב את ריבך וסוד אחר אל תגלה) קריג דיין קריג אונ קיין אנדרינש סוד זאלסטו ניט מגלה זיין : נמצא אז ער איז עובר אויף צעהן הארבי עבירות גליך וויא ער וואלט עובר גיוועזן אויף דיא (עשרת הדברות) דרום זאל איטליכר גיווארנט זיין זיין חבר צו קיין שאדן ניט ברענגן מיט קיין שום זאך בפרט זיין סוד ניט מגלה צו זיין אפילו ער האט דער פון קיין שאדין ניט , אז וויא דער פסוק זאגט (ונאמן רוח מכסה דבר) דער בגלייבטר פו הולט דיא זאכין דער וואש האט איין אופן מויל דער קע בייא זיך קיין סוד ניט איין האלטין אונ ער הייסט איין (רכיל) אונ דער וואש האט איין צו גישלאסין מויל דער קאן זיא איין האלטין בייא זיך איין סוד אונ ער הייסט איין (נאמן) :

סליק פרק הולך רכיל ומגלה סוד :

ענין לשמח בחלקו פרק שמו״ה עשר

דער אכצעטיר פרק רעט וויא איטליכר זאל זיך בגינגן אונ זאל זיך משמח זיין מיט וואש גאט שיקט אים צו סייא ניטש סייא בייז •

(צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר) דער נביא זאגט דער צדיק עסט צו זעטין זיין לייב : דאש ער זאל גיזונד זיין צו גאטש דינסט : אבר דער בויך פונם רשע איז תמיד גימונערט כלומר דער , צדיק לאזט זיך בגינגן מיט וואש גאט בשערט אים : ער בגערט ניט קיין איבריג עסין אונ טרונקן נאר צו דער האלטין זיין לייב : אויך בגערט ער נים קיין איבריגי קליידר : נאר וועדליג ער זאל ניט מבויש ווערין פאר לייטין : אונ בגערט אויך ניט קיין שיני הייזיר : דען זיין כוונה איז אלש לשם שמים : דרום קוקט ער ניט אויף גאלד אונ זילבר: אבר דר וואש בגערט נאר איבריג עסין אונ טרונקן האט ער שיני קליידר בגערט ער נאך שעניי האט ער אשיין הויז וויל ער אשענרס האט ער פיל גאלד אונ זילבר וויל ער נאך מער : דאש ברענגט אים אלש זיין גאוה אבר דער צדיק גידענקט תמיד אלש וואש גאט גיט דאש גיט ער מיט חסד אונ רחמים דען ער איז דעם מענטשין ניט מחויב צו געבין : אונ אלש וואש ער גיט אים איז איבריג : דען הקב״ה האט דרויף בשאפין דעם מענטשין דאש ער זאל אים דינן אונ זיין תורה לערנין • אונ זייני מצות טאן אונ זאל בעסיר זיין פון אמלאך : דען דער מלאך האט קיין עולם הבא ניט : אזו גידענקט זיך דער צדיק דרום לאזט ער זיך בגינגן : נאר ער זאל קענין זיין נשמה דער האלטין אין גוף : בדי ער זאל קענין גאט דינן : אונ אפילו עש גייט אים איבל איז ער עש אויך מקבל באהבה • דען ער רעכינט זיך פאר איין נאכט אויף דער וועלט : אונ גידענקט זיך אז איך וועל אהיים קומן וועט מיר בעסיר זיין : אבר דער רשע איז אלש פאר קערט • ער מיינט ער איז דרויף בשאפין גיווארין געלט אונ גיטש איין צו זאמלין : אונ זיך שיני קליידר מאכין אונ שייני הייזיר בויאן • אונ זאלין פרעסין אונ זויפין : ער מיינט דיא וועלט איז דיא רעכטי וועלט : אונ ער גידענקט ניט דאש דער טויט שטייט הונטר אים • דאש ער וועט אלש מוזן איבר לאזין דרום הייסט ער איין רשע . ווייל ער טוט ניט זיין שלידות וואש ער איז דער צו גישיקט גיווארין : נמצא אז דער וואש איז קיינים ניט מקנא • אונ איז זיך (משמח בחלקו) דער האט איין גוט לעבין אונ לעבט

מיט שלום אונ פרייד אז וויא דוד המלך ע"ה האט גיזאגט (נתתה שמחה בלבי מעת דגנם ותירושם רבו) עש ניט מיר איין שמחה אין הארצין ווען דאש קארין אונ וויין פון דיא רשעים מיט זיך מערין כלומר איך בין מיך מיין משמח מיט מיין ביסל: וויא דיא עשירים זענין זיך משמח מיט זייער פיל קארין אונ וויין דען זיא זענין זיך ניט משמח אונ גלוסטין תמיד צו מער אבער איך לאז מיך בגינגן מיט מיין ביסל איך לייג מיך מיט שלום אונ שטייא אויף מיט שלום אונ שלאף במנוחה אונ שטייא אויף במנוחה: וויא דער פסוק זאגט (בשלום יחדיו אשכבה ואישן כי אתה ה' לבדד לבטח תושיבני אמן:

## הלכות לקיים המצות פרק תשעה עשר

דער ניינצעטער פרק רעט וויא מיזאל דיא מצות טאן:

אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו (גו') דאש איז דאך ידוע אז די מצות פון דער תורה זענין גיטיילט אויף דריי חלקים: איין טייל הייסין (חוקים) אונ איין טייל הייסין (מצות) אונ איין טייל הייסין (משפטים) (חוקים) זענין די מצות וואש מיר ווייסין אויף זיא קיין טעם ניט דהיינו (ציצית) אונ (תפילין) שעטנז זעלבי מצות וואש דער יצר הרע שפעט דער פון דיא הייסין (חוקים) (מצות) זענין אזעלכי מצות וואש מיר ווייסין יוא דעם טעם דער פון דהיינו (שבת) אונ (יום טוב) (סוכה): (משפטים) דיש זענין דיא דינים: ווען איינר דעם אנדרין איז שולדיג געלט: אודר ער טוט אים איין שאדין אודר גניבה (גזילה) דיש הייסט (משפטים) דאש זאגט דיא תורה (אם בחוקתי תלכו) אויב איר וועט גיין אין מייני חוקים חאטשי איר ווייסט ניט דעם טעם דער פון אונ מייני מצות וועט איר היטן כלומר אז וויא איינר וואש היט אונ ווארט עש זאל אים צו קומן איין מצוה דאש ער וויל זיא טאן אום גיזוימט:

דיא גמרא זאגט אין (עבודת גלולים) אם בחוקותי תלכו דיש מיינט מען איר זאלט זיך מיהן אין דער תורה: אונ אלי אייערי עסקים זאלין זיין אין איר (ואת מצותי תשמרו) דאש מיינט מען איר זאלט דיא מצות טאן: דען ווען איינר לערינט תורה אונ טוט קיין מצות ניט: איז זיין תורה פאר ניט גירעכינט אונ אז ער טוט מצות אונ לערינט קיין תורה ניט: זענין זייני מצות פאר נישט גירעכנט: דען ער ווייסט דאך ניט וויא אזו דיא מצוה צו טאן אז וויא איך וועל דא בעסיר בשיידין: וויא דער פסוק זאגט (ואם לא תשמעו לי ולא תעשו) אויב איר וועט מיך ניט הערין צו לערנין תורה וועט איר ניט קענין דיא מצות טאן: דיא גמרא זאגט ווייטיר אויף דעם פסוק דער וואש לערינט ניט קיין תורה: דער טוט פיל עבירות דאש ערשטי ער לערינט קיין תורה ניט דאש אנדרי ער הוט דיא מצות ניט דאש דריטי ער האט פיינט דיא וואש לערנין תורה: דאש פערדי דיא תורה אונ מצות זענין אים מיאוס: דאש פינפטי ער וויל ניט ליידין אז אנדרי זאל תורה לערנין אודר דיא מצות טאן דאש זעקסטי ער ווערט אנדרי תורה צו לערנין: אודר דיא מצות צו טאן דאש זיבטי ער איז (כופר בעיקר):

אבער דער וואש לערינט יוא תורה: אודר ער העלפט צו תורה לערנין אונ ער לערינט זיא דרום כדי ער זאל וויסן וויא אזו דיא מצות צו טאן אונ ער לערינט אויך מיט תלמידים אונ מאכט דיא לייט תורה לערנין אונ מצות טאן דער בקומט לאנג לעבין אויף דער וועלט אונ איז אויך זוכה לחיי עולם הבא אונ דער וואש הייבט אן איין מצוה צו טאן זאל ער זיא גומר זיין אונ אויב ער איז זיא ניט גומר איז זיין עונש דאש ער בגראבט זיין וויב אונ קינדר: אלי צייט זאל איין מענטש נאך קלערין וויא עש איז ערגיץ דא אמצוה צו טאן: זאל ער זיא טאן אום גיזוימט אונ מיט שמחה גלייך וויא ער וואלט אמציאה גיפינן עש איז איין משל איין שר זאגט צו איינם גייא אונ ברענג מיר איין רויז דאש איך זאל פון איר הנאה האבין דא וועל איך דיך רייך מאכין אונ וועסט בייא מיר נושא חן זיין: דער וואש איז קלוג דער גייט מיט שמחה אונ זיכט אויש דיא שענסטי רויז אונ לייגט זיא אריין אין אזיידין טיכל אונ ברענגט זיא פארין שר מיט שמחה אזו גיט אים דער שר נאך מער וויא ער האט אים צו גיזאגט:

דרום זאל איטליכר דיא מצוה טאן מיט שמחה אונ מיט כבוד אזו וויא אז איינר קויפט איין עוף טאר ער דאך דאש בלוט ניט צו דעקין מיט איין פוס אודר מיט איין שטעקין נאר מיט דער האנט אודר מיטן חליף אזו זאלין זיין אלי מצות: עש שטייט אין פרק (הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה) זייא גיווארינט אין איינר מצוה גלייך וויא אין אחרגה מצוה דען דיא ווייסט ניט דעם שכר נון קיין שום מצוה אפטט איז דר שכר פון איינר מצוה אונ נון אחרביר גלייך (והא ראיה) בייא כיבוד אב שטייט: (למען יאר יכון ימיך): דאש איז דאך דיא הארבסטי מצוה אין דער וועלט וויא אזו מען דארף זיך מיט אים נוהג זיין וויא עש שטייט אין הלכות כיבוד אב ואם דא שטייט דער שכר דער בייא דאש לאנגי לעבין אונ בייא דער גרינגר מצוה פון (שלוח הקן) אז ער גיפינט אן קינה איין נעסט מיט פייגיל זאל ער די מוטר אפ לאזין אין די קינדר זאל ער נעמין דאש גיווערט דאך גאר איין רגע שטייט אויך דער שכר דער בייא: (והארכת ימים) דאש לאנגי לעבין:

תם ונשלם שבח לאל בורא עולם